STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02212

KRIG IN SHPANYEN

Sh. L. Shnayderman

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ש. ל. שניידערמאַן

קריג אין שפּאַניען

הינטערלאַנד

אילוסטראַציעס פון
קינסטלער־פאָטאָגראַף שים

יידישע אוניווערסאַל־ביבליאָטעק

וואַרשע 1938

הילע פּראָיעקטירט — בלום

S. L. Schneiderman
REPORTAŻE HISZPAŃSKIE
Wyd. „Idysze Uniwersal-Bibliotek"
Druk. „G r a f i a", Nowolipki 7.
Printed in Poland
1 9 3 8

דאָס בוך ווידמע איך האָליען —
מיין פרוי, וועלכע האָט
געטיילט מיט מיר די געפאַרן
און די רירנדע איבערלעבונגען
פון דערדאַזיקער רייזע.

אַ וואָרט פֿון פֿאַרלאַג

כראָניק, רעפּאָרטאַזש, פּאָליטישער אַנאַליז, פּאָרטרעטן־ און פּײזאַזשן־צײכענונג — די אַלע עלעמענטן זענען רײַך פֿאַרטרעטן אין דעם בוך, וואָס איז אָנגעשריבן מיט אַ הײסן אָטעם, לײדנשאַפֿטלעך און עקספּרעסיוו.

די האַסטיקע געשעענישן, דער קאַלײדאָסקאָפּישער בײַט פֿון פּערזאָנען און געשטאַלטן, דאָס אַלט־היסטאָרישע פּנים פֿון לאַנד אין זײַן לעגענדאַר־פֿאַנטאַסטישער פֿאַרגאַנגענהײט און בלוטיק־צעוווּנדיקטע קעגנוואַרט פֿאַרכלינען דעם מחבר — זײ ווערן אָבער איבערגעגעבן אין אַ טאָן, וואָס דערגרײכט אָפֿט ביז פּאַטעטישקײט. אַז דער רעפּאָרטער־סטיל נעמט אָן די וואָגיקײט און אוממיטלבאַרקײט פֿון קינסטלערישן דערצײלן.

אַ יאָר צײַט איבער די באַדראָטע אָפּשניטן פֿון אױפֿגעברױזטן שפּאַניע, אַ יאָר צײַט איבערן לאַנד פֿון רעוואָלוציע און קריג, ווו עס ווערט געוויגן דער שיקזאַל פֿון דער נאָענטער צוקונפֿט פֿון דער וועלט — דרײסט קעגן געפֿאַרן, מיט אַ וואַכזאַמען בליק, מיט אָנגעשפּיצטע אויערן, מיט פֿיבערהאַפֿטער געשיקטקײט אױפֿצונעמען אויטענטיש די מאַטעריאַלן פֿון דער ערשטער קוועלע — דאָס איז געווען אַ דרײסט־פֿאַרמאָסטענע אונטערנעמונג פֿאַר אַ יונגן

רעפּאָרטער, אייגענטלעך דעם ערשטן יידישן קריגס־רעפּאָרטער, און דידאָזיקע אונטערנעמונג האָט שניידערמאַן געוויסנהאַפֿט דורכגעפֿירט.

איבער די וועגן פֿון מאָלערישן שפּאַניען, לענגאויס די וויין־בערג, וואָס טונקען זיך אין בונטע פֿאַרבן: אין שמועס מיטן פּשוטן פֿאָלקס־מענטש, וואָס האָט נישט איבערגעריסן זיין פֿעלד־אַרבעט אונטערן גערויש פֿון שונא׳ס באָמבאַרדיר־אַעראָפּלאַנען: אין שוצגראָבן אַקסל־ביי־אַקסל מיטן סאָלדאַט פֿון דער פֿאָלקס־אַרמיי: אין שפּיטאָל פּנים־אַל־פּנים מיטן פֿאַרוווּנדעטן קעמפֿער פֿון דער אינטערנאַציאָנאַלער־בריגאַדע: אין קאַבינעט פֿון פּרעזידענט, מיניסטער, מיליטער־פֿירער, שריפֿטשטעלער: ערגעץ אין אַ פֿאַרוואָ־פּענעם מאָנאַכן־קלויסטער אויף די שפּורן פֿון יידישער מאַראַנען־געשיכטע — אומעטום טרעפֿן מיר דעם מחבר מיט דער זעלבער גיריקייט אויפֿצוכאַפּן, פֿאַרצייכענען און באַלויכטן.

און נאָך עפּעס, אייגענטלעך דער עיקר —

דאָס בוך איז אָנגעשריבן מיט אָפּטימיזם, מיט וואַרימען גלויבן אין מענטש און זיין זיג איבער די פֿינצטערע כוחות, און ווי גרויליק עס זאָלן אָפֿט נישט זיין די געשעענישן און אויפֿגעקליבענע פֿאַקטן, ווירקן זיי אויף אונז נישט דערשלאָגנדיק, נאָר פֿאַרקערט — זיי שטעקן אונז אָן מיט האָפֿערדיקייט, מיט באַגייסטערונג און עפֿענען אַן אויסבליק צו אַ שענערן מאָרגן פֿאַר דער מענטשהייט

שלמה שיינבערג

*
*

דיאָזיקע אויפצייכענונגען וועגן שפאניען דערשיינען, ווען דער קריג דויערט נאָך. דער אויטאָר האָט אָט דעם קריג געזען אין אָלע זיינע פאזן — פון דער אימפראָוויזירטער פארטיידיקונג ביי באריקאדן, ווען די מיליציאָנערן האָבן נאָך געטראָגן מער קאפעלושן ווי העלמען, ביז דער פאָרמירונג פון דער פאָלקס-ארמיי, וואָס האָט זיך פארשאנצט אין בעטאָנירטע טראנשייען.

אין דעם ערשטן טייל ווערט אָבער דערציילט אויסשליסלעך וועגן הינטערלאנד און דאָס האָט דער אויטאָר געטון מיט א כיוון, ווייל דער שפא-נישער קריג שפילט זיך אָפ אין א דאָפלטער פאָרם דוקא אין הינטערלאנד, וואו די ציוויל-באפעל-קערונג האָט מיט נישט קיין קלענערער מארטירער-שאפט, ווי די פראָנט-קעמפער, געגעבן א ביישפיל פון אויסדויער און אָפפערוויליקייט. אין הינטער-לאנד שפילט זיך איינצייטיק אָפ דער קריג און די רעוואָלוציע, וואָס זענען ביידע נאָך ווייט נישט פארענדיקט.

א חוץ דעם, וואָס די אָפענע שטעט זענען כסדרדיקע אָפעראציע-פונקטן פון די פיינדלעכע אעראָפלאנען, איז דאָס שפאנישע הינטערלאנד ביז ערשט נישט לאנג נאָך געווען אָן

אָפענע קאמפּס־ארענע צווישן די פּאַרטייען. אָט די שטרייטיקייטן זענען געווען די סיבה נישט פון איין מפּלה פון די רעפּובליקאנישע כוחות.

דער אויטאָר האָט ביים צונויפשטעלן זיינע איילִיגע אויפצייכנונגען פון די שפּאנישע קאמפן זיך באמיט, אז עס זאָל פאַרן לעזער, ווי ווייט מעגלעך, קלאָר ווערן דער פאָן פון דער שפּאנישער טראגעדיע.

דער צווייטער טייל איז א „רייזע" איבער די פראָנטן (אויב א רייזע קען מען אָנרופן דאָס פאָרן דורך באשאָסענע וועגן, אָדער פליען אין דער „באגלייטונג" פון פיינדלעכע יאגד־אעראָפּלאנען...) מאדריד, בילבאָא, אראגאָן.

ש. ל. ש.

פּאריז, יאנואר 1938.

אין באַרצעלאָנאַ

דער ים.

בלוי און אָליוו מיניעט ער זיך אין דער זון און ביים ברעג איז ער ווייס-צעשוימט. אויף די פעלזיקע פלאַכן שטייען איינזאַמע פישער-הייזלעך פון ווייסן, געטעסעטן שטיין.

די מעוועס, וואָס שוועבן דאָ אין געדיכטע טשאַטעס, האָבן זילבערדיק-בלענדנדע פליגל. מיטן זעלבן אימפעט וואַרפן זיי זיך אַראָפּ און שטייגן מיטאַמאָל צוריק אויף אין דער הייך. אין אָט דידאָזיקע ים-פייגל האָבן מיך שפּעטער כסדר דערמאַנט די זילבער-ווייסע יאַגד-אַעראָפּלאַנען, וואָס האָבן אויף דער שפּאַנישער ערד אָן אויפהער געפיקט מיין קאָפּ און מיט דער זעלבער לויערנדער רויב-גיריקייט זיך אַראָפּגעלאָזט אויף די גאַסן פון די אָפענע שטעט, ווי אויף די פאַרשאַנצטע טראַנשייען פון די שלאַכט-פעלדער.

איך בין פאַרבליבן דער איינציקער פּאַסאַזשיר אין דעם לאַנגן צוג, וואָס האָט זיך שנעל געשניטן דורך דעם לעצטן טונעל צום שפּאַנישן גרענעץ-שטעטל פּ אָ ר ט - ב ו. איך בין געשטאַנען אומגעדולדיק ביים פענסטער און דאָס פאָרבילד פון שפּאַניען איז פאַר מיר אויפגעשווומען ווי אַ גרויס שלאַכט-פעלד, אויף וועלכן אַ מענטשן-מענגע איז צונויפגעקנוילט אין בלוטיקן געראַנגל. עס איז דעריבער פאַר מיר געווען אַן איבעררעשונג די רויקייט, מיט וועלכער די מענטשן אויפן פעראָן האָבן אָפּגעוואַרט דעם צוג. עס זענען געשטאַנען ציוויל-געקליידעטע און אויך מיליציאָנערן מיט די גרינע אָדער רויט-שוואַרצע, מיליטערישע פוראַזשערקעס אויף די קעפּ. דאָס האָבן אַלע, אַלזאָ, אָפּגעוואַרט מיך, דעם איינציקן פּאַסאַזשיר פון היינטיקן צוג און באַגלייט אין וואָקזאַל

אַריין. עטלעכע האָבן זיך גענומען צו מיין וואַליזע און די איבעריקע האָבן געוואָרט אויף מיין פּאַס. ער האָט געוואַנדערט פון האַנט צו האַנט. עס זענען געפאַלן פראַגן וועגן ציל פון מיין רייזע און וועגן די צייטונגען, וועלכע איך פאַרטרעט. פון צווישן דער מחנה קאָנטראָליערן האָט זיך אַרויסגערוקט אַ בלאָנדער יונגערמאַן, וועלכער האָט פלוצלינג גענומען רעדן צו מיר דייטש מיט אַ היפּש יידישן אַקצענט און אַ באַזונדערס־שטרענגן טאָן. איך האָב אים דאַן געענטפערט, אַז קיין דייטש קען איך נישט און איבערגעגאַנגען צוריק אויף פראַנצויזיש.

יעדער פון דער גרויסער צאָל קאָנטראָליערן האָט געוואָלט כאַטש מיט איין פראַגע זיך באַטייליקן אין דעם פאָרשן פון דעם איינציקן פּאַסאַזשיר, וואָס דער אינטערנאַציאָנאַלער צוג האָט אַרויסגעוואָרפן אויף דער רויט־אָנגעגליטער שפּאַנישער ערד. עס האָבן געפרעגט אַנאַרכיסטן, טראָצקיסטן און פאָרשטייער פון דער קאַטאַלאָנישער „פאַראייניקטער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי". דער שעף פון דער גרענעץ־קאָנטראָל, אַ ריזיקער פאַרשוין מיט אַ בלאָנדער, צעשויבערטער גריווע, האָט ענדלעך איבערגעריסן דאָס פרעגן און מיר אַוועקגעלייגט אַ סטעמפּל אויפן בריוו פון דער שפּאַנישער אַמבאַסאַדע אין פּאַריז, וואָס האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט אַן אָפיציעלן דאָקומענט צום פרייען באַוועגן זיך איבער דער שפּאַנישער טעריטאָריע.

— איר דאַרפט נישט בייז זיין, — האָט ער זיך צו מיר געווענדט מיט אַ גענוג העפלעכן טאָן — וואָס מיר קאָנטראָלירן אייך אַזוי שטרענג. מיר האָבן שוין געהאַט ביטערע דערפאַרונגען מיט אויסלענדישע זשורנאַליסטן. מיר מוזן דעריבער זיין פאָרזיכטיק.

באַגלייט פון אַ באַוואָפנטן מיליציאָנער בין איך אַריבער אין וואַרט־זאַל. עס איז נאָך געווען אַ שעה צייט צום צוג קיין באַרצעלאָנאַ און איך האָב דעריבער זיך געהייסן דערלאַנגען קאַווע. די ווענט פון וואַרט־זאַל זענען באַדעקט געווען מיט גרויסע פּלאַקאַטן, צווישן וועלכע עס האָבן זיך באַזונדערס אויסגעטיילט צוויי: איינער האָט פאָרגעשטעלט אַ צעבראָכענעם האַקנקרייץ

אונטער אַ פוס אין אַ לייוונטענעם שוך, וואָס עס טראָגן דאָ די אָרימע פּאָלקס-שיכטן, און דער צווייטער איז געווען אַ גלאָריפיצירונג פאַר דער שפּאַנישער פרוי, וואָס האָט אַרויסגעוויזן אַזוי פיל העלדישקייט אויף די באַריקאַדן אין די ערשטע טעג פון מיליטערישן אויפשטאַנד.

דער מיליציאָנער, וועלכער האָט מיך אַריינגעפירט אין וואַרט-זאַל, פאַרלאָזט מיך נישט און ער שטייגט אויך מיט מיר איין אין צוג קיין באַרצעלאָנאַ. פון סטאַציע צו סטאַציע ווערן די וואַגאָנעס אַלץ פולער און פולער. עס פאָרן פויערים, אַרבעטער און מיליציאָנערן, ווער מיט ביקסן אויף די פּלייצעס און ווער בלויז מיט רעוואָלווערן ביי דער זייט. די גרעסטע טייל טראָגט ציוויל-קליידער און בלויז מיליטערישע היטלען, ווער מיט אַ שוואַרץ-רויטן צייכן (אַנאַרכיסטן) און ווער מיט אַ רויטן שטערן (די פאַראייניקטע סאָציאַליסטישע פּאַרטיי). די קאָרידאָרן פון די וואַגאָנען זענען אָנגעשטאָפּט מיט פרויען, וועלכע פירן שפּייז-פּעק אין די נאָענטסטע פּראָוויאַנטירונגס-אַמטן. ביסלעכווייז רוקט זיך דער עולם אַריבער אין דער צווייטער קלאַס.

אַמאָל האָט אין שפּאַניען די דריטע קלאַס געפּוסטעוועט, ווייל די איצטיקע פּאַסאַזשירן, וואָס פולן אויס אפילו די קאָרידאָרן, זענען תּמיד געגאַנגען צופוס...

ס'איז שפּעטער האַרבסטיקער נאָכמיטאָג. די פענסטער פון וואַגאָן זענען אָפן און ס'יאָגט אַ וואַרעם ווינטל, ווי אין פולן זומער. מיט מיינע מיטפאָרער פאַרשטענדיק איך זיך לייכט אויף פראַנצויזיש, ווייל אין גרעסטן טייל זענען עס אַרבעטער, וועלכע זענען ביז ערשט נישט לאַנג געווען אויף אַרבעט אין פראַנקרייך, נישט געפינענדיק קיין באַשעפטיקונג אין זייער היים. איצט זענען זיי באַשעפטיקט אין דער קאַטאַלאָנישער אינדוסטרי אָדער זענען אַריינגעטרעטן אין דער מיליץ.

פיל פון די אַרבעטער נעמען מיך אָן פאַר אַ פראַנצויז און זיי האָבן טענות צו מיר, פאַרוואָס ל עאָ ן ב לו ם לאָזט נישט שיקן קיין געווער...

איינער פון די מיליציאָנערן, וועלכער איז געקומען פון פראָנט ביי מאַלאַגאַ, ווייזט מיר אָן אויף זיין רעוואָלווער, אַ גרויסן אַלטמאָדישן נאַגאַן, און זאָגט מיט פאַרביטערונג:

— אויף אונזער פראָנט זענען הונדערטער מיליציאָנערן אוועק בלויז מיט רעוואָלווערן, אפילו קיין ביקסן האָבן מיר נישט געהאַט!

דאָס קלאָגן זיך אויף פעלן פון געווער הערט זיך פון אַלע-מענס מיילער.

אין כעראָנאַ שטייגט איין אַ יונג עלעגאַנט-געקליידט פאָר-פאָלק, וואָס טיילט זיך שטאַרק אויס פון דער צונויפגעדרענגטער מאַסע רייזנדע. ער איז אַ בלאָנדער און זי — אַ טונקעלע ברו-נעטין. איך פאַרפיר מיט זיי אַ שמועס. ער רעדט זייער אַ פלי-סיקן פראַנצויזיש, אָבער זיין באַגלייטערין קען נישט קיין שום שפראַך, אַ חוץ שפּאַניש. ווי עס ווייזט זיך אַרויס, איז ער אַ דייטשישער ייד און די שיינע שפּאַניערין איז דאָס זיין ווייב, מיט וועלכער ער האָט חתונה געהאַט ערשט מיט עטלעכע טעג צו-ריק. דידאָזיקע דערציילונג צעטרייבט די פאַלשע ווייזע מיינע וועגן שפּאַניען. דער יונגערמאַן פון אַלעקסאַנדער-פּלאַץ אין בער-לין איז גלייך נאָך היטלערס קומען צו דער מאַכט אוועק קיין שפּאַניען און ער איז איצט אַ לערער אין אַ ליצעאום אין כע-ראָנאַ. זיין פאָטער ווידער וווינט אין באַרצעלאָנאַ און איז אַ גאַנצער מאַכער אין דער דאָרטיקער יידישער קהלה.

— — — — — — — —

אין דער אָוונט-דעמערונג טויכט-אויף באַרצעלאָנאַ. ס'איז זיבן אַ זייגער, די געדיכטע ליכט-פּונקטן, וואָס בלינצלען אַנט-קעגן, דערמאַנען אינגאַנצן אין דער „שטאָט פון ליכטער" — פאַריז.

אַ געפיל פון אומרו נעמט מיך אַרום, ווען איך שטעל מיי-נע ערשטע טריט אויפן באַרצעלאָנער באַנהויף.

וואָס פאַר אַ סיורפּריזן דערוואַרטן מיך אין דער שטאָט?

ווי זעט אויס דאָס לעבן אין דער טייל לאַנד, וואָס האָט דערשטיקט דעם מיליטערישן אויפשטאַנד ?

דער מיליציאָנער, וועלכער האָט דעם גאַנצן וועג בלויז געוואַכט אין אַ ווינקל פון וואַגאָן, האָט, גלייך ווי דער צוג איז שטיין געבליבן, זיך צוגערוקט צו מיר און פאַרהאַנגען זיין ביקס אויפן אַקסל. ער האָט מיך אַריינגעפירט אין קאָנטראָל־צימער, ווו מיינע פאַפירן זענען נאָכאַמאָל דורכגעקוקט געוואָרן. איך בין איבערגעגעבן געוואָרן אין דער האַנט פון אַ צווייטן מיליציאָנער און אין אַן אויטאָ אָפּגעפירט געוואָרן אין דער „גובערנאַציאָן“ (רעגירונגס־קאָמיסאַריאַט). דאָ האָב איך באַקומען אַ נייעם סטעמפל אויפן פאַס און פריי, אָן שום באַגלייטונג, שוין אַרויסגעלאָזט געוואָרן אויף די באַרצעלאָנער גאַסן.

אין האָטעל האָט מען שוין געגרייט צום אָוונט־עסן. אַ צעטומלטער בין איך געזעסן ביי דעם רייך־געדעקטן טיש. קויבערס פרוכטן און ווינען, דאָס געשיר בלאַנק און די קעלנערס אין ווייסע פרעק. דאָס איינציקע, וואָס האָט דאָ אין דעם פאַרשווענדעריש־רייכן עס־זאַל געגעבן אַן אָנדייט פון רעוואָלוציע, זענען געווען די מיליציאָנערן מיט די ריזיקע מעכאַנישע פיסטוילן לעבן די עלעגאַנט־געקליידעטע הערן און דאַמען מיט די פריזירטע קעפ. פון דעם אַנטקעגנאיבערדיקן הויז האָט אין אונזער פענסטער אַריינגעשריגן אַ דראָענדיק קול פון אַ ראַדיאָ־הילכער, פון וועלכן איך האָב נישט פאַרשטאַנען קיין וואָרט.

טראָץ דער מידעקייט פון דער לאַנגער רייזע פאַרבלייב איך דאָך נישט אין מיין האָטעל־צימער : דער נייגיר איז פיל שטאַרקער.

ס'איז צען אַ זייגער אין אָוונט. די ליכטיקייט פאַרבלענדט ממש. פילפאַרביקע נעאָן־שילדן שרייען אַראָפּ פון די געשעפטן. אַזאַ ליכטיקייט איז אין פאַריז בלויז אויף די גרויסע בולוואַרן. די גרינע טראַמווייען און די שטאַקיקע אויטאָבוסן איילן מיט אַ געוואַלטיקער שנעלקייט. נאָך שנעלער פליען אָפּט פאַרביי די

רעגירונגס-אויטאָס מיט די צעפּלאַטערטע פענדלעך פון די פּאַר-שידענע מיניסטעריומס.

אויף די טראָטואַרן איז אַ שטאַרקער געדראַנג, הויפּטזעכ-לעך יונגוואַרג און מיליציאָנערן און מיליציאָנערקעס מיט ביקסן אויף די אַקסלען.

די פרויען-מיליציאָנערינס טראָגן הויזן און בלוזעס פון גרי-נעם לייוונט. די קורצע ביקסן זענען ביי זיי אָנגעהאָנגען אויף די אַקסלען, אָבער גלייכצייטיק זענען די ליפּן עלעגאַנט אָנגע-שמירט מיט רוזש און די ברעמען פיין פּרעפּאַרירט...

אויף „פּלאַצאַ קאַטאַלוניאַ" איז די באַוועגונג אַמשטאַרקסטן. דאָס איז דער קניפּ-פּונקט פון דער שטאָט. דאָ געפינט זיך דער „האָטעל קאָלאָן", דער רייכסטער באַרצעלאָנער האָטעל, וואָס איז קאָנפיסקירט געוואָרן דורך דער רעגירונג. דאָ געפינט זיך דאָס ביוראָ פון דער פאַראייניקטער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי — „פּ. ס. או. ק.".

די קאַפעען זענען מיט זייערע טעראַסן אַרויסגערוקט אויף די טראָטואַרן, פּונקט ווי אין פּאַריז. ס'איז שווער צו געפינען אַ פּלאַץ. אומעטום מיליציאָנערן און מיליציאָנערקעס. די שטאָט פּול-סירט נערוועז.

די צייטונגס-יינגלעך לויפן אַן מיט דער לעצטער אויסגאַבע פון דער באַרצעלאָנער אָוונט-צייטונג „לאַ באַטשע".

די ראַדיאָ-הילכערס, וואָס זענען אינסטאַלירט אויפן קאַטאַ-לוניאַ-פּלאַץ, זאָגן אָן, אַז סאַן מאַרטען דע וואַלדעיגלעסיאַס איז צוריק אָפּגענומען געוואָרן ביי די אויפשטענדיקע.

אויף דער טעראַסע פון רוישיקן קאַפע ווערט דידאַזיקע ידיעה באַגלייט מיט בראַוואָס און אויסגעשרייען.

נאָך האַלבער נאַכט! אויף די גאַסן איז נאָך גענוג רוישיק. פון אַלע זייטן פאָרן לאַסט-אויטאָס מיט גרינוואַרג און שפּייז-פּראָ-דוקטן. אויף די ווענט און קיאָסקן ווערן פונאַנדערגעקלעפּט פּלאַקאַטן.

איינער פון די פּלאַקאַטן זאָגט אָן אַ גרויסע פייערונג צום

27־סטן יאָרצייט נאָך דער דערמאָרדונג פון פראַנציסקאָ פעררער – דעם שעפער פון מאָדערנעם שול־וועזן אין שפּאַניען.

דאָס באַפרייטע קאַטאַלאָניען רופט דאָס פאָלק צו פייערן דעם אָנדענק פון דעם גרויסן הומאַניסט, וואָס איז דערמאָרדעט געוואָרן דורך די אַלפאָנסיסטן, וועלכע גייען איצט אונטער דער אָנפירונג פון גענעראַל פראַנקאָ.

* *

*

ס׳איז געווען אָקטאָבער 1936. באַרצעלאָנאַ האָט אַלץ נישט אויפגעהערט זיך צו ענטוזיאַזמירן מיט איר שנעלן טריאומף איבער די אויפשטענדער. די פּאַרטיי־הימנען האָבן אָן איבעררייס געקלונגען סיי אין די ענגע געסלעך פון די אַרבעטער־קוואַרטאַלן און סיי אויף די עלעגאַנטע בולוואַרן. באַרצעלאָנאַ האָט אָן אויפהער געמיטינגט. אויף די לוקסוס־אויטאָס האָבן געפלאַטערט די פאַרשידנפאַרביקע פענדלעך פון די פּאַרטיי־אינסטאַנצן. אין די קאַפעען האָבן די נײַ־אויפגעשווומענע פירער זיך געהיצט און דעבאַטירט וועגן די פאָרמען פון דער קאָלעקטיוויזאַציע, און דערווײַל האָט דער גענעראַל פראַנקאָ געגרייט זײַן ערשטע גרויסע אָפענסיווע אויף מאַדריד.

אויף דער „ראַמבלאַ״, אויף דער הויפּט־אַרטעריע פון באַרצעלאָנאַ, איז אַ ריזיקער המון געשווומען צום פּאָרט. די פאַרבייגייער האָבן אויפן וועג זיך אײַנגעהאַנדלט די פאַרשידנסטע אַרטיקלען פון דער נײַ־אַנטשטאַנענער רעוואָלוציע־אינדוסטריע: שאַליקלעך מיט די עמבלעמען פון אַלע פּאַרטייען, שפּילקעלעך מיט די פּאָרטרעטן פון די פירער, לעדערנע שיידלעך אויף רעוואָלווערן און ענלעכע צייט־אַרטיקלען.

ביז צום אויסברוך פון די געשעענישן איז דער גאַסן־האַנדל געווען פאַרבאָטן. איצט האָבן די פּעדלער אויפגעהערט צו קריכן אויף די שטאָקן. זיי זענען מיט די קרעמלעך אַרויס אויף די גאַסן און באַזונדערס אויף דער ראַמבלאַ — אויף דעם אומענדלעך־לאַנגן

בולוואַר, וואָס פירט צום פּאָרט. דאָס שפּאַנישע לשון פון די פאַרקויפערס האָט מיר גלייך אַ קלונג געטון מיט היימישע תנועות און איך האָב זיך טאַקע שנעל צונויפגערעדט מיט מיינע לאַנדסלייט פון קאָלאָמיי, טשענסטאָכאָוו, לאָדזש און אפילו פון גער.

דער המון האָט אָן אויפהער געשטראָמט צום פּאָרט און פאַרנומען באַקוועמע פלעצער אויף די פעראָנען, כדי נענטער צו קאָנען אָנקוקן די ערשטע סאָוויעטישע שיף, וואָס האָט טאַקע געדאַרפט באַלד אָנקומען קיין באַרצעלאָנאַ מיט אַ שפּייז-טראַנספּאָרט פאַר די פרויען און קינדער פון די קאַטאַלאָנישע מיליציאָנערן, אַלס מתנה פון די סאָוויעטישע פרויען. איך האָב זיך אָבער נישט געלאָזט מיטטראָגן גלייך צום פּאָרט. מיין אויפמערקזאַמקייט האָבן צוגעצויגן די בילדער אין שוואַרצע טרויער-רעמען, וואָס זענען אָנגעהאָנגען געווען אויף דיביימער פון דער ראַמבלאַ-אַלעע. צופוסנס די ביימער זענען געלעגן פאַרוויאַנעטע קראַנצן מיט לענטעס, וואָס האָבן געלויבט די העלדן.

אויף דער ראַמבלאַ זענען אין די טעג פון 19-טן און 20-סטן יולי פאָרגעקומען די בלוטיקסטע קאַמפן. די פאַשיסטן האָבן זיך געהאַט פאַרבאַריקאַדירט אין דער סאַנטאַ-מאָניקאַ-קירך און במשך פון לאַנגע שעהן געשאָסן פון מיטראַליעזן. אויף אַלע ערטער, ווו עס זענען געפאַלן די פאַרטיידיקער פון דער רעפּובליק, זענען אויף די ביימער אויפגעהאָנגען געוואָרן זייערע בילדער. די פעסטונגסאַרטיקע, מיטלאַלטערלעכע קירך איז, פונקט ווי פיל אַנדערע קירכן אין באַרצעלאָנאַ, געוואָרן פאַרברענט און דער פרעכטיקער פאָרטאַל איז איצט פאַרמויערט מיט רויטע ציגל, וואָס זענען פאַרקלעפּט מיט די פאַרשידנסטע פּלאַקאַטן.

עטלעכע הונדערט טויזנט מענטשן האָבן זיך פאַרזאַמלט אין פּאָרט. די, וועלכע קאָנען שוין נישט אַרויף אויף די פעראָנען, שטייען אויפן האַפן-פּלאַץ, ווו עס טורעמט זיך די בראָנזענע קאָלומבוס-זייל.

די סאָוויעטישע שיף שטייט ווייט פון פּאָרט און הונדערטער, הונדערטער שיפלעך מיט אומגעדולדיקע מענטשן איילן צוהין

די מאַטראָזן פון דער רעפּובליק. אויפן גרעסטן שפ
קרייצער „כאַימע דער ערשטער" פלאַטערט די רעגירונגס
די מאַנשאַפט פון דעראַזיקער מאָדערנער קריגס-שיף האָ
צעבּונטעוועט און זיך אָנגעשלאָסן אין רעפּובליקאַנישן

זי אָנצוקוקן. מיר זיצן אַריין אין אַ קליין מאָטאָר־שיפל און לאָזן זיך אַהין. אויף אַ קילאָמעטער־לאַנגן שטח איז דער פּאָרט אָנגעשטאָפּט מיט פאַרשידענע לאַסט־און פּאַסאַזשיר־שיפן — שפּאַנישע און אויך פון פרעמדע מלוכות. צווישן די פאַרשידענע פענער, וואָס פלאַטערן אויף די מאַסטן, ציט באַזונדערס אונזער אויפמערקזאַמקייט די רויטע פאָן מיטן שוואַרצן האַקנקרייץ, וואָס איז פאַרשטעקט אין אַ גרין־געפאַרבטער קריגס־שיף. הינטער דער היטלעריסטישער שיף שטייט אַן איטאַליענישע — צווי גוטע שכנים...

דידאָזיקע צווי קריגס־שיפן שטייען דאָ אין באַרצעלאָנער פּאָרט כלומרשט מיטן צוועק צו באַשיצן די דייטשישע און איטאַליענישע קאָנסולאַטן.

מיר באַקוקן בלויז פונדערווייטנס די אַכט־טויזנט־טאָניקע סאָוויעטישע האַנדלס־שיף „ציריאַנין" און קערן זיך אום אין פּאָרט אַריין. וועגן אַרויסגיין אויפן ברעג איז קיין רייד נישטאָ און מיר פאַרבלייבן דעריבער אין שיפל אויף דער צייט פון דער צערעמאָניע.

איבער דער מענטשן־מענגע פלאַטערן רויטע און רויט־שוואַרצע פענער פון פאַרשידענע אָרגאַניזאַציעס און מיליטערישע רעגימענטן, צווישן וועלכע איך באַמערק אויך אַ פאָן מיט אַן אויפשריפט „די הונדערטשאַפט אויפן נאָמען פון איליאַ ערענבורג".

ווען די סאָוויעטישע שיף איז, אין דער באַגלייטונג פון הונדערטער שיפלעך און שיפן, אַריינגעשווומען אין פּאָרט, האָט זיך פון דער ריזיקער מאַסע אַרויסגעריסן אַ געשריי, וואָס איז — נאָך מער פאַרשטאַרקט געוואָרן דורכן פאַרטויבנדן פייפעריי פון אַלע שיף־סירענעס.

שפּעט ביינאַכט האָט דער המון נאָך צוריקגעשטראָמט פון האַפן. די גאַסן האָבן אָן אויפהער געיובלט. באַרצעלאָנאַ האָט באַוויזן, אַז אין פייערונגען קאָן זיך מיט איר קיינער נישט פאַרמעסטן, פונקט ווי עס קאָן זיך נישט מיט איר קיינער פאַרמעסטן אין באַריקאַדן־קאַמף, אָבער דער שונא איז דערווייל אַלץ געגאַנגען פאָראויס. דערווייל האָט דער שונא אַלץ פעסטער צונויפגעדריקט דעם רימען פון דיסציפּלין, בעת באַרצעלאָנאַ און בכלל

דאָס טריאומפירנדיקע קאַטאַלאָניען האָט געפּלאַטערט מיט די פאַ־
נען. בלויז פאַרן „האָטעל־קאָלאָן" האָט די קאָמפּאַניע אויפן נאָ־
מען פון איליאַ ערענבורג זיך אָנגעטון אין די העלמען און נאָך
די זעלבע נאַכט, גלייך נאָך דער פייערונג, אָפּמאַרשירט אויפן
פראָנט פון אַראַגאָן.

„האָטעל־קאָלאָן"

די מיליציאָנערן, וועלכע האָבן דעראָבערט דעם „האָטעל־
קאָלאָן", האָבן פונדאַנען אַרויסגעצויגן ליבעס־בריוולעך און אינ־
טימע טיילן פון דאַמען־גאַרדעראָבע. עס איז געווען דער עלע־
גאַנטסטער האָטעל אין באַרצעלאָנאַ אויפן סאַמע רעפּרעזענטאַ־
טיווסטן פלאַץ פון שטאָט — אויף „פּלאַצאַ קאַטאַלוניאַ". פאַרלעך
אויף האָכצייטס־רייזעס זענען דאָ איינגעשטאַנען. די אַראַגאָנזישע
מאַרקיזן זענען דאָ פאַרפאָרן. עס איז אַ מאָדערנער האָטעל, וואָס
האָט בלויז גענומען דעם נאָמען פון קאָלומבוס. איצט איז דער
האָטעל אַריין אין דער געשיכטע און דער צוקונפטיקער היסטאָרי־
קער וועט דאָ געפונען זייער וויכטיקע שפורן. דער פראָנט איז
צעשטופּלט פון ביקסן־קוילן, מיטראַליעזן און אויך אַ האַרמאַטן־
קויל האָט זיך איינגעגעסן אין דער בעטאָנענער וואַנט.

דער ערשטער איז דאָ אַריין מיט זיין ברוינינג אין האַנט
אַ יידישער שניידער־אַרבעטער — שאַיע. אַ קליינוווקסיקער מיט
זייער אַ מילד געזיכט. ער האָט שוין דורכגעמאַכט פיל עמיגראַ־
ציעס, געניצט הויזן אין פאַריזער בוידעם־שטיבלעך און אין 1935
אָנגעקומען קיין באַרצעלאָנאַ מיט אַ פרוי און אַ קינד. ער האָט
דאָ געשאַפן אַ קולטור־קלוב מיט אַ יידישער ביבליאָטעק. אין
19־טן יולי איז ער אַרויס צוזאַמען מיט אַלע שפּאַנישע שניידערס

קעמפן אויף די באַריקאַדן. ער איז דאָס דער ערשטער אַריין אין „האָטעל-קאָלאָן", ווו די אויפשטענדיקע אָפיצירן זענען געווען פאַרבאַריקאַדירט.

שפּעטער איז געוואָרן באַלד טאַקע די נשמה פון „האָטעל-קאָלאָן" און דורך זיין האַנט זענען אַדורך די צוקונפטיקע פּאַרטיי-דיקער פון מאַדריד, דורך זיין האַנט זענען אַדורך די העלדן פון דער אינטערנאַציאָנאַלער בריגאַדע.

איך האָב אים געזען ביי דערדאָזיקער אַרבעט, אין אַ קליין צימער פון ערשטן שטאָק. אין אַ לאַנגער רייע זענען פאַר זיין טיש געשטאַנען די נאָר-וואָס געקומענע פריייוויליקע פון אַלע וועלט-עקן. ער האָט צו זיי גערעדט פראַנצויזיש, דייטש, [illegible] און יידיש, ער האָט צו זיי גערעדט ווי אַ חבר, געזאָגט „דו" און אויסגע-הערט געדולדיק. ביז שפּעט ביינאַכט האָט זיך געלויכטן אין זיין צימער און דער ערשטער איז ער געווען אין באַגינען. די שפּאַ-ניער האָבן דערין געזען עפּעס אויסערגעוויינלעכס, פאַר זיי איז דידאָזיקע אַרבעטזאַמקייט פון חבר שפּיע געווען עפּעס אַן איבער-נאַטירלעכע דערשיינונג. זיי האָבן נישט געקאָנט פאַרשטיין, ווי אַזוי מ׳קאָן קומען אין ביוראָ פאַר צען אינדערפרי און נישט אַוועקגיין באַלד צוועלף. דער קולט אַרום דעמדאָזיקן איבערגעגע-בענעם מענטש איז שנעל אויסגעוואַקסן.

אין זיין שופלאָד האָבן איך געזען ליגן אַלע מעגלעכע וואַ-לוטעס פון דער וועלט, אָבער שפּיע האָט אין פערטן חודש פון דער רעוואָלוציע געמוזט פאַרקויפן זיינע שניידער-מאַשינען, ווייל די צען פּעזעטאַס טעגלעך, וואָס ער האָט באַקומען גלייך מיט אַלע מיליציאָנערן, האָבן נישט געסטאַיעט.

פון זיין פענסטער אין „האָטעל-קאָלאָן" האָט ער גערעדט כמעט יעדן טאָג צו די ניי-אָנגעקומענע אויסלענדער. ער האָט גע-רעדט פשוט, צום האַרץ, מענטשלעך און — מיטגעריסן. ביי שפּיען אין צימער האָב איך זיך באַקענט מיט האַנס ביימלער און לודוויג רען. אין דעמדאָזיקן צימער האָב איך במשך פון עטלעכע חדשים געזען פּנים אל פּנים די אַלע, וואָס האָבן זיך דורכגעריסן דורך

גרענעצן פון לענדער און געקומען אָפּגעבן זייערע לעבנס פאַר שפּאַניען.

אין אַ זונטיקדיקן נאָכמיטאָג זענען מיר געגאַנגען אָפּוואַרטן די קליינע איבערבלייבעניש פון טעלמאַן-באַטאַליאָן, וואָס האָט אַזוי העלדיש געקעמפט ביי טאַרדיענטע.

די פרויען פון די מיליציאָנערן, הויפּטזעכלעך דייטשישע עמיגראַנטינס, האָבן געטראָגן אין די הענט בלומען, אָבער קיין איינע פון זיי האָט אויף זיכער נישט געוווּסט, צי זי וועט האָבן וועמען די בלומען איבערצוגעבן. ווען דער צוג האָט זיך פאַר־האַלטן האָבן די פרויען זיך אַ וואָרף געטון צו די זיך-עפענענדי־קע טירן. עס זענען אויסגעשטיגן באַהעלמטע זעלנער מיט אָפּגע־סמאַליעטע, פאַרוואַקסענע געזיכטער. דער אָרקעסטער האָט גע־שפּילט דעם אינטערנאַציאָנאַל, און דאָס ליד, וואָס איז דורך די לאַנגע וואָכן פון אומאויפהערלעכן פאַרטויבן די גאַסן געוואָרן צו־געגעסן, האָט דאָ געקלונגען פריש און דערביי מאָדנע טרויעריק. די טרומייטערס האָבן געקלאָגט, די פלייטן האָבן געשלוכצט און אויך די פויק האָט שווער געוויינט. פיל פרויען זענען שטיין גע־בליבן מיט די בלומען אין די אָרעמס און שפּעטער, מאַרשירנדיק אין שטאָט אַריין, פאַרנומען אין דער רייע דאָס אָרט פון זייערע געפאַלענע מענער.

אין „האָטעל-קאָלאָן", אויפן זעקסטן שטאָק, איז אַוועקגע־שטעלט געוואָרן אַ ראַדיאָ-סטאַציע, וואָס איז געוואָרן דער אמתער בבל-טורעם. אין אַלע שפּראַכן און דיאַלעקטן האָט מען פונדאַנען אַ רעד געטון צו דער וועלט. פאַרן „האָטעל-קאָלאָן" האָט זיך אויך באַוויזן דער ערשטער, מיט דער האַנט געשריבענער פּלאַקאַט, וואָס האָט גערופן פרייוויליק אָפּצוגעבן זייער בלוט פאַר די, וואָס זענען געקומען פרייוויליק אָפּגעבן זייער לעבן און זענען פאַר־וווּנדעט געוואָרן אויף די פראָנטן.

„עס נעסעסיטען דאָנאַראָס דע סאַנג" — עס זענען נייטיק בלוט-געבערס. דאָס איז געווען דער טעקסט פון דעם אויפרוף, און גלייך האָבן זיך געמאָלדן הונדערטער מענטשן און געגעבן זייער

בלוט פאַר אומבאַקאַנטע מענטשן, פאַר די אומבאַקאַנטע העלדן.
פונדאַנען זענען טאָג־טעגלעך אָפּגעגאַנגען די ניי־געקומענע קיין מאַדריד און דאָ אַהער זענען אויך צוריקגעבראַכט געוואָרן די געפאַלענע פירער און פּאָליטישע קאָמיסאַרן, וועמענס לוויות זענען אין באַרצעלאָנאַ ווידער פאַרוואַנדלט געוואָרן אין ריזיקע מאַניפעסטאַציעס.

אָקסן־קאַמף

דער פּלאַקאַטן־פיבער איז אין קיין שום שטאָט פון רעפּובליקאַנישן שפּאַניען נישט געווען אַזוי שטאַרק, ווי אין דער קאַטאַלאָנישער הויפּטשטאָט. אין באַרצעלאָנאַ האָט דער פּאַרטיי־קאַמף דערגרייכט דעם קולמינאַציע־פּונקט. איין פּאַרטיי האָט זיך באַמיט איבערצושרייען די צווייטע אין דער רעקלאַמע און אין דער פּראָפּאַגאַנדע. דאָסדאָזיקע געיעג איז באַזונדערס געקומען צום אויסדרוק אויף די ווענט פון די שטאָטישע הייזער. עס זענען אפילו נישט געשוינט געוואָרן די מאַרמאָרענע פּאַסאַדעס פון די לוקסוס־פּאַלאַצן אָדער מאַגאַזינען, יעדעס מאָל זענען דערשינען גרעסערע פּלאַקאַטן. די גרעסטע זענען אָבער דאָך פאַרבליבן די ריזיקע, גאַנצע ווענט־באַדעקנדע, פאַרביקע רעקלאַמעס פון זונטיקדיקע אָקסן־קאַמפן. דידאָזיקע אַפּישן האָבן צוגעדעקט אַלץ און אָפּגעצויגן די אויפמערקזאַמקייט פון אַלע אויפרופן.

די פּלאַקאַטן, וואָס האָבן אָנגעזאָגט אַ ספּעקטאַקל פון אָקסן־קאַמף, זענען געווען מיין ערשטער סיורפּריז אין שפּאַניען. דער פאַקט, אַז אין סאַמע מיטן פון בירגער־קריג ווערט נאָך ווייטער פאָרטגעזעצט אָט די בלוטיקע פאַרוויילונג, איז פאַר מיר געווען אַ גרעסערע איבעררעשונג, ווי דער אַוועקגעשאָסענער מענטש,

וואָס איך האָב באַלד אין דער צווייטער נאַכט פון מיין זיין אין באַרצעלאָנאַ געטראָפן ליגן נאָענט פון מיין האָטעל אויף איינער פון די באַלעבאַטע גאַסן.

איך האָב נישט געגלייבט, אַז אין אַ צייט, ווען יעדע גאַס איז אַן אַרענע פון מענטשלעך בלוט, וועלן די שפּאַניער נאָך ווייטער ציען צו דער אַרענע פון אָקסן-בלוט...

איך בין לאַנג געשטאַנען פאַר דעם פאַרביקן פּלאַקאַט, וואָס האָט פאַרגעשטעלט אַ שלאַנקן מאַטאַדאָר מיט אַ ראָזער פּעלערינקע לעבן אַ צעיושעטן אָקס, פון וועמעס מויל עס פאַרעט מיט בלוט. אונטער דעם בילד האָט געלויטעט פאָלגנדער אויפשריפט:

„עקסטראַאָרדינאַריאַ קאָררידאַ דע טאָראָז אַ בענעפיציאַ דע לאַ קרוז ראָכאַ עספּאַנאָלאַ דע באַרצעלאָנאַ" — אויסערגעוויינלעכער אָקסן-קאַמף לטובת דעם שפּאַנישן רויטן קרייץ אין באַרצעלאָנאַ.

איז דער אָקסן-קאַמף, הייסט עס, נישט אָפּגעשאַפט געוואָרן, נאָר דינט נאָך אַלס הילפס-מיטל אין קאַמף פאַר דער רעפּובליק?

דער יונגער קאַטאַלאַנישער שריפטשטעלער, וועלכער האָט מיך געפירט איבער דעם אַלטן קוואַרטאַל פון באַרצעלאָנאַ, האָט פון גרויס פאַרלעגנהייט אַראָפּגענומען זיין מיליציאָנעריש היטל און געפרוווט מיר דערקלערן, אַז דידאָזיקע פאַרוויילונג איז צו פיל איינגעוואָרצלט ביים שפּאַנישן פאָלק און אַז איצט איז נישט די צייט דאָס צו ליקווידירן.

— לאַנג וועט דידאָזיקע טראַדיציע שוין אָבער נישט אָנהאַלטן, — האָט צו מיר געזאָגט מיין באַגלייטער — דער אמתער גלאַנץ פון די קאַמפן איז שוין פאַרשוווּנדן און מיט דער צייט וועלן די אַרענעס פאַרוואַנדלט ווערן אין צירקן. אָבער פונדעסטוועגן ראָט איך אייך זיי דאָך איין מאָל אָנצוקוקן, טאַקע דערפאַר, ווייל דאָס זענען שוין די לעצטע אָקסן-קאַמפן...

זונטיק באַגינען האָבן פון די טראַמווייען, אויטאָבוסן און מעטראָ־סטאַציע אַראָפּגעשריגן פאָלגנדע אויפשריפטן: „פּלאַצאַ דע טאָראָס מאָנומענטאַל״. אַרום צוויי נאָכמיטאָג איז שוין אין די טראַמווייען און אויטאָבוסן מיט דידאָזיקע שילדלעך אוממעגלעך געווען צו געפינען אַ פּלאַץ.

די אַרענע „מאָנומענטאַל״ האָט פערציק טויזנט זיץ־פּלעצער, אָבער פאַר די קאַסעס פון גיגאַנטישן בנין זענען געשטאַנען ריזיק־לאַנגע רייען פון אפשר צוויי מאָל פערציק טויזנט. אַ גרויסע צאָל צווישן דער מאַסע האָבן געבילדעט די מיליציאָנערן, וועלכע האָבן אפשר אַמאָל נישט געהאַט די מעגלעכקייט צו קויפן אַ בילעט. אָבער איצט, באַקומענדיק צען פּעזעטאַס געהאַלט אַ טאָג, קאָנען זיי עס זיך דערלויבן.

פון פּאַרטער ביז אויפן זעקסטן שטאָק איז דער בנין אָנגעשטאָפּט געווען מיט מענטשן. אויך די דורכגענג זענען געווען פול. ביז אַ זעכציק טויזנט מענטשן זענען אַריינגעלאָזט געוואָרן. מער האָט שוין נישט געקאָנט אַריין און די איבעריקע האָבן נעבעך געמוזט אַוועק...

פּונקט ווי די מיטינגס אַזוי איז אויך די „קאָרידאַ״ געעפנט געוואָרן מיטן אָפּשפּילן דעם „אינטערנאַציאָנאַל״. דער המון האָט זיך אויפגעשטעלט און אויסגעשטרעקט די פויסטן.

אויף דער אַרענע האָט אַריינמאַרשירט דער אַנסאַמבל. צוערשט האָבן געשפּאַנט די טאָרעאַדאָרס אין זייערע פאַרביקע מאַנטילעס, געשטיקטע פון גאָלד און זילבער, ראָזע זאָקן און שוואַרצע בערעטן, פון וועלכע עס האָבן אַפּערגעקוקט קליינע צעפּעלעך; נאָך זיי זענען געגאַנגען די פּיקאַדאָרס און באַנדרילעראָס מיט די רויטע פּלאַכטעס קאָקעטיש פאַרוואָרפן אויף די אַקסלען. דעם צוג האָבן פאַרענדיקט דריי ווייסע פערד, וואָס שלעפּן צום שלוס אַרויס

דעם דערשטאָכענעם אָקס. דער אַנסאַמבל האָט אַרומגעקרייזט די אַרענע און פאַרשווונדן. אין זעלבן אויגנבליק איז אויף אַ שוואַרץ פערד דערשינען אַ יונגינקער רייטער אין אַ קאָסטיום פון אַ מי־ליציאָנער. אַמאָל פלעגט דערדאָזיקער רייטער טראָגן אַ קאָווּבאָי־קאָסטיום, אָבער איצט איז דער בכבודיקסטער לבוש דער גרין־לייוונטענער „מאנא", וואָס עס טראָגן געוויינלעך מעכאַניקער אין די פאַבריקן — אַ בלוזע מיט הויזן אינאיינעם.

דער רייטער האָט אויסגעפירט קאָרקבּרעכערישע קונצן, אָבער דער עולם האָט זיך געלאַנגווייליקט. אַ שטורעם פון באַ־גייסטערונג איז אָבער אויסגעבראָכן, ווען אויף דער אַרענע איז אַרויסגעשפּרונגען דער ערשטער טונקל־ברוינער אָקס, וואָס האָט ווילד אַרומגעקרייזט די אַרענע און מיטאַמאָל שטיין געבליבן אינ־מיטן פּלאַץ, אַ צעטומלטער און באַרוישטער פון די פרייד־געשרייען, מיט וועלכע דער המון האָט ממש אויפגעציטערט די ווענט פון דער גיגאַנטישער געביידע.

פיר פאַרשוין מיט רויטע פּלאַכטעס האָבן אָנגעהויבן זייער שפּיל. עס האָט זיך נישט איינמאָל געדאַכט, אַז אָט־אָט לעכערט דער אָקס אַדורך דעם באַנדעריל־ער מיט זיינע הערנער, אָבער יע־דעס מאָל האָט ער געטראָפן בלויז אין דער רויטער פּלאַכטע און דער המון האָט געיובלט. דערדאָזיקער געשיקטער און עמאָציאָ־נירנדער שפּיל האָט אָבער לאַנג נישט געדויערט. באַלד האָבן די באַגייסטערטע אויסגעשרייען פון המון זיך פאַרוואַנדלט אין פּראָ־טעסט־שטורמען און זידלערייען אויפן חשבון פון די באַנדערילע־ראָס. נאָך דעם ווי דער אָקס האָט זיך עטלעכע מאָל אַרומגעיאָגט מיט זיינע פאַרפאָלגער, איז ער זיך רויִק שטייןְ געבליבן אינמיטן דער אַרענע און פרידלעך אַרויפגעקוקט צו די שטאָקן, ווו עס האָט זיך געפונען פיל מער רויטס — רויטע האַלז־טיכלעך, רויטע היטע־לעך און רויטע קראַוואַטן. דער אָקס האָט זיך אפנים שנעל צוגע־וווינט צו דער רויטקייט, מיט וועלכער עס איז פאַרפלייצט געווען דער גאַנצער בנין, און די פיר רויטע פעלערינקעס האָבן אים שוין אויפגעהערט צו רייצן...

עס האָט נישט געהאָלפֿן, וואָס דער פּיקאַדאָר אויפֿן פֿערד האָט דעם פֿרידלעכן אָקס אַריינגעזעצט אַ שפּיז אין רוקן. דער אָקס האָט בלויז אַ שטויס געטון דעם פֿערד אין בויך אַריין, פֿון וואָס דער רייטער איז אַראָפּגעפֿאַלן, און ער איז דאַן ווייטער רויִק שטיין געבליבן, נישט וועלנדיק זיך שלאָגן, ווייזט אויס, מיט די באַנדריליערס.

דער אָקס, פֿון וועלכן עס האָט זיך שוין געגאָסן בלוט, איז געשטאַנען ווייטער רויִק. דאַקעגן אָבער דער המון האָט געשטורעמט, געפֿייפֿט און פֿון גרויס רוגזה דעם פּיקאַדאָר און די באַנדריליערס באַוואָרפֿן מיט די קישעלעך, וואָס ליגן אונטערגעלעגט אויף די שטיינערנע בענק.

די שפּאַניער האָבן פּראָטעסטירט קעגן די אומגעלומפּערטע פּיקאַדאָרס, וואָס האָבן זיי קאַליע געמאַכט די שפּיל דורך דעם שלעכטן צילן אין רוקן פֿון בלוטנדן אָקס, אָבער מיין שכן פֿון רעכטס, אין וועלכן איך האָב גלייך פֿון ערשטן אויגנבליק דערקענט אַ לאַנדסמאַן, האָט צונויפֿגעקוועטשט די פֿויסט פֿון אויפֿרעגונג און אויסגעשריגן אויף מאַמע-לשון:

— זיי מאַכן מיר קאַליע די פֿעל!

איך האָב גלייך אויסגעשטרעקט די האַנט צו דעם בלאָסן יונגנמאַן, באַגריסט אים מיט אַן אמתן שלום-עליכם און דאַן זיך דערוווּסט, אַז ער איז אַ וואַרשעווער פֿעל-הענדלער און קויפֿט אויף ספּעציעל די פֿעל פֿון די אַרענע-אָקסן, וואָס ווערן פֿאַרווענדט צום אויסאַרבעטן פֿאַדעשוועס. דערדאָזיקער יונגערמאַן האָט איבערגעלעבט ממש יעדן פֿעלבאַרן שטאָך פֿון די פּיקאַדאָרס און דאָס געלייגט אויפֿן חשבון פֿון דער רעוואָלוציע, וואָס האָט אינגאַנצן אַ תּל געמאַכט פֿון אָקסן-קאַמף.

— די אמתע קינסטלער — האָט ער מיר דערקלערט — זענען אויף דער זייט פֿון גענעראַל פֿראַנקאָ. דאָ זענען פֿאַרבליבן די פֿאַרטאַטשעס — האָט ער אונטערגעשטראָכן מיט ביטול. — איר האָט באַדאַרפֿט זען אַן אָקסן-קאַמף מיט אַ יאָר צוריק. דעמאָלט זענען די פֿעל אַרויס פֿיין, נישט אַזוי צעשטאָכן ווי איצט.

אויף דער אַרענע איז דערשינען דער מאַטאַדאָר, כדי צו ראַטעווען די סיטואַציע און שנעל זיך אָפּפּאַרטיקן מיט דעם שלימ־מזלדיקן אָקס. הינטער אַ רויט טוך האָט ער געהאַלטן פאַרשטעקט זיין שווערד, וואָס ער האָט אַלעמאָל אָפּגעדעקט, און געפּאָכעט דערמיט דעם אָקס פאַר די אויגן. דער אָקס האָט זיך אָנגעהויבן באַוועגן, דער המון איז דאַן ווידער אַריין אין באַגייסטערונג און דעם מאַטאַדאָר ווידער באַוואָרפן מיט מתנות — בלייפעדערס, פּול־פעדערס, נאָטיץ־ביכלעך און באַזונדערס רויט־שוואַרצע און רויטע טיכלעך.

צוויי פלינקע באַנדריליערס זענען אונטערגעשפּרונגען און איינער נאָכן צווייטן דעם אָקס אַריינגעשטעקט אין קאַרק צו צוויי שפּיזן, פאַרוויקלטע אין פאַרביק פּאַפּיר. דאָס בלוט האָט זיך איצט שוין שטראָמענווייז געגאָסן פון דער צעשטאָכענער חיה, וואָס האָט אָנגעהויבן לויפן און יאָגן זיך נאָך די מענטשן אויף דער אַרענע. דער מאַטאַדאָר איז אונטערגעשפּרונגען און מיט איין זעץ אַריינ־געדרוקט די שווערד דעם אָקס אין קאַרק אַריין.

דער המון האָט געיובלט, אָבער איך האָב מעכאַניש מיט די הענט זיך פאַרשטעלט דאָס פּנים. דער אָקס איז נאָך אַ ווילע געשטאַנען מיט דער שווערד אין רוקן, געטרייסלט מיטן קאָפּ און אַ פאַל געטון אויף די פעדערשטע פיס. דער מאַטאַדאָר איז צו־אַרויסגעשלעפּט אים די שווערד, וואָס איז אינגאַנצן געווען אין בלוט, און זי איינגעוויקלט צוריק אין זיין רויט טוך. דער אָקס איז שוין אינגאַנצן אויסגעפאַלן, און באַלד האָבן זיך באַוויזן די דריי ווייסע פערד אין גאָלדענעם געשטאַן. דער אָרטשיק איז פאַר־לייגט געוואָרן דעם אָקס אויף די הערנער און ער איז אַרויסגע־שלעפּט געוואָרן פון דער אַרענע.

דער אָרקעסטער האָט ווידעראַמאָל אויפגעשפּילט דעם אינ־טערנאַציאָנאַל און דער המון האָט אויפשטייענדיק מיטגעזונגען:

„אריבא פּאַריאַס דע לאַ טיעררא...“

פאַר מיין שכן, אַן עלטערן מיליציאָנער, דריק איך אויס מיין עמפּערונג צוליב דעם, וואָס אין דער צייט פון בירגער־קריג

פאַרנעמט מען זיך נאָך מיט אַזעלכע פאַרווײלונגען. ער קוקט מיך אָן מיט שטוינונג און מיט אַן אײנגעהאַלטענער בײזקײט זאָגט ער צו מיר:

— און אײערע באָקס־קאַמפן זענען בעסער? און אַז מען צעבלוטיקט מענטשן, מען האַקט זײ אויס די צײן און די אויגן, דאָס קאָנט איר שוין יאָ צוזען?

— צי אין די פּראָווינצן, וואָס זענען באַזעצט דורך די פאַ־שיסטן, קומען אויך פאָר די אָקסן־קאַמפן? — פרעג איך מײן שכן.

— נײן. פראַנקאָ פאַרוואַנדלט די אַרענעס פון אָקסן־קאַמף אין אַ שעכטהויז פאַר די אַנטי־פאַשיסטן. אין באַדאַכאָז האָט דער פאַשיסטישער גענעראַל־שטאַב געהײסן אַרײנפירן אַלע אַנטי־פאַ־שיסטן אין דער אַרענע־געבײדע און מיט מיטראַליעזן אויסגעשאָסן העכער זעקסהונדערט מאַן. אַט אַזעלכע אַרענע־קאַמפן אָרדנט אײן פראַנקאָ — זאָגט מיט פאַרביטערונג דער מיליציאָנער.

אויף דער אַרענע לויפט דערװײל אַן דער צװײטער אָקס, װעלכער איז פיל װילדער פון ערשטן, און ס׳קומט שוין מער נישט צו קײן פּראָטעסטן. אַלץ קלאַפּט גלענצנד. דער אָקס שלאָגט זיך גוט און די בראַװאָס הילכן. נאָך צען מינוט ליגט ער שוין טויט און די דרײ װײסע פערד מאַרשירן װידער אַרײן.

אין פּראָגראַם זענען אָנגעגעבן גאַנצע אַכט אָקסן. אָבער איך האָב שוין גענוג. מײן שכן לאַכט פון מײן װײכהאַרציקײט און פרוּװט מיך אָנרעדן, אַז איך זאָל דאָך פאַרבלײבן.

איך בין אַרויס אינדרויסן און אויפן עלעגאַנטן בולװאַר פּאַסעאָ דע גראַסיאַ איז מיר אַנטקעגנגעקומען אַ צוג פון שװאַר־צע, געפּאַנצערטע אויטאָס, װאָס האָבן זיך לאַנגזאַם באַװעגט װי טויטן־קאַראַװאַנען, באַגלײט פון אַ ריזיקן המון. פון הינטן איז נאָכגעפאָרן אַ באַטאַליאָן מאָטאָציקליסטן מיט העלמען אויף די קעפּ.

אין אָנבליק פון אָט דעם צוג האָב איך פאַרגעסן אָן דעם אָפּשוילעכן בילד פון אָקסן־קאַמף און פאַר מײנע אויגן איז אויפ־געשװימען דאָס טראַגישע שלאַכטפעלד, די מענטשלעכע „קאָררי־

דאַ", וואָס שפּילט זיך אָפּ טאָג און נאַכט אויף דער ערד פון דעמדאָזיקן פרעכטיקן לאַנד.

*   *

*

דער שונא האָט פאַראויסמאַרשירט צו מאַדריד, אָבער אין באַרצעלאָנאַ האָט ערשט באַדאַרפט געפייערט ווערן די איינהייט פון דער אַרבעטערשאַפט, וואָס איז אָבער נאָך דער פייערונג צוריק פאַרבליבן פונאַנדערגעריסן אין גרופּן און אין צווישן־זיךקעמפנדע לאַגערן.

אין דער זעלבער אַרענע, ווו איך האָב בייגעוווינט דעם אָקסן־קאַמף, איז פאָרגעקומען דער ערשטער געמיינזאַמער מיטינג פון קאַטאַלאָניעס צוויי גרעסטע סינדיקאַלע אָרגאַניזאַציעס — די אַנאַרכיסטישע „ס. נ. ט." און די סאָציאַליסטישע „או. כ. ט.". אַ מאַסע פון העכער הונדערט טויזנט מענטשן האָט אויסגעפולט די רונדע געביידע.

נישט נאָר אויפן אַרענע־פּלאַץ גופא זענען די צוהערער עטלעכע שעה צייט געשטאַנען אונטער דער ברענענדער זון, נאָר טויזנטער מענטשן זענען געהאָנגען אויף די באַריערעס.

דער זעלבער מיטינג איז אַ חוץ אין דער אַרענע „מאָנומענטאַל" פאָרגעקומען אויך אויף אַלע פּלעצער פון דער שטאָט, ווו ס'זענען אינסטאַלירט געוואָרן ראַדיאָ־הילכערס.

אין סאַמע מיט פון אַרענע־פּלאַץ איז פאָרגעקומען די סימבאָלישע באַהעפטונג פון דער אַנאַרכיסטישער רויט־שוואַרצער און דער סאָציאַליסטישער פאָן. שפּעטער האָט אַ פלוטאָן רעפּובליקאַנישע מיליץ צו די צוויי פענער צונויפגעהאָפטן אויך די געל־רויטע נאַציאָנאַלע פאָן. אַזויערנאָך איז פאָרגעקומען די פאַראייניקונג פון אַלע אַנטי־פאַשיסטישע גרופּן.

לאַנג האָט דער המון געיובלט און איך האָב זיך דערמאַנט אָן דעם 14־טן יולי 1935 אין פּאַריז, ווען אויפן פּלאַץ באַסטיל איז דורך אַנרי באַרביס פונקט אַזוי צונויפגעהאָפטן געוואָרן די פראַנ־

פאָן מיט דער רויטער סאָציאַליס־טישער פאָן.   צווישע רויט־בלוי־ווייסע

איבער די גאַלעריעס האָבן געפלאַטערט פענער און לאָזונ־גען, פון צווישן וועלכע עס האָבן אַרויסגעקוקט די פאַרביקע פאַר־טרעטן פון די באַרימטע טאָרעאַדאָרס, וואָס הענגען אַרום און אַרום. איבער דער רעדנער־טריבונע איז אויפגעבויט געווען אַ גי־גאַנטישע, פּלאַסטיש־אויסגעפירטע פויסט.

די גרעסטע רעדנער פון קאַטאַלאָניען זענען אַרויסגעטרעטן אויף דעם מיטינג. זייער שטים איז פאַרשטאַרקט געוואָרן דורך די הילכערס, וואָס זענען געוואָרן אינסטאַלירט אין אַ גרויסער צאַל, און ווען איבער מיר האָט זיך צעכריפּעט דער שלעכט־פונק־ציאָנירנדער הילכער, האָב איך, אַ צעשראָקענער, פאַרריסן דעם קאָפּ אין דער הייך, צי עס פליט נישט אָן אַמאָל אַ פאַשיסטישער באָמבאַרדיר־אעראָפּלאַן...

„דער אַרבעטער־פראָנט איז דער פראָנט פון זיג!” — דאָס איז געווען די לאָזונג, וואָס איז איבערגעחזרט געוואָרן סיי דורכן סאָציאַליסטישן מיניסטער קאָמאָרערא און סיי דורך דער באַרימ־טער אַנאַרכיסטישער פירערין, פרעדעריקאַ מאָנטסעני, וועלכע האָט אונטערגעשטראָכן דעם העראָאיזם פון שפּאַנישן פאָלק, וואָס האָט מיט ליידיקע הענט זיך געוואָרפן אויף האַרמאַטן. ווען די פאַשיס־טישע אָפיצירן האָבן געטוישט די קוילן אין די האַרמאַטן אויפן קאַטאַלוניאַ־פּלאַץ, זענען די אַרבעטער אַרויפגעשפרונגען אויף די האַרמאַטן און זיי דערלאַנגט.

די פאָנען, וואָס זענען פאַראייניקט געוואָרן אויפן אַרענע־פּלאַץ, האָבן נאָך דער פייערונג זיך צוריק צעשיידט און ווייטער געקעמפּט אין שפּיץ פון זייערע פאַרערער. קאַטאַליאָנען איז פאַר־בליבן צעריסן. דאָס געפאַר פון פראָנט איז געווען ווייט, די באַ־רוישונג פון די ערשטע טעג האָט נאָך נישט געהאַט אויסגעוועפּט און די פּאַרטייען האָבן דעריבער מער ענערגיע פאַרווענדט אויף די רייסערייען צווישן זיך וועגן דער העגעמאָניע און וועגן די

צוקונפטס-פּראָגראַמען, ווי אויף דער אָרגאַניזירונג פון ווידער-שטאַנד קעגן שונא.

אין די נעכט און אין די פּאַרטאָגן האָבן אין די באַרצע-לאָנער גאַסן נישט איינמאָל אָפּגעהילכט איבערראַשנדע שאָסן פון מעכאַנישע רעוואָלווערס. די פּאַרטיי-חשבונות זענען געמאַכט גע-וואָרן שנעל און אומרחמנותדיק. די קרימינאַל-כראָניק פון די צייַ-טונגען, וואָס איז רעדוצירט געוואָרן צו טרוקענע קאָמוניקאַטן פון פּאָליציי-פּרעזידיום, האָט דערציילט יעדן טאָג וועגן פאַרשווונדע-נע מענטשן, אָדער געפונענע טויטע קערפּערס. דערצו זענען צו-געקומען די לאַנגע ליסטעס דערשאָסענע אין נאָמען פון דער גערעכ-טיקייט. די שנעל-געריכטן האָבן מיט אימפּעט אָפּגעהאַלטן זייערע זיצונגען און געמשפּט די דורכגעפאַלענע מיליטערלייט, וועלכע מ'האָט אין די טעג פון די גאַסן-קאַמפן געכאַפּט מיט געווער אין דער האַנט.

ווען מען פאַראורטיילט צום טויט

די שנעל-געריכטן זענען אינגיכן פאַרביטן געוואָרן אין פאָלקס-טריבונאַלן. דאָס איז געווען די איניציאַטיוו פון געוועזע-נעם יוסטיץ-מיניסטער אין דער קאַטאַלאָנישער רעגירונג, דער פירער פון די טראָצקיסטן אַנדרעו נין, וועלכער געהער שוין איצט אַליין אויך צו די „פאַרשווונדענע" און פאַרטראָגענע דורך דער אומרחמנותדיקע כוואַליע פון דער רעוואָלוציע.

העכער אַ שעה צייט האָב איך פאַרבראַכט אין זיין קאַבי-נעט. מיר האָבן גערעדט רוסיש און דאָס האָט זייער שטאַרק אימ-פּאָנירט טראָצקיס געוועזענעם סעקרעטאַר. מיר האָבן גערעדט וועגן דער אומפאַרמיידלעכער גרויליקייט, וואָס עס ברענגט מיט זיך יעדער רעוואָלוציע, און איינשטימענדיק שוין ענדלעך צו געבן מיר אַ דערלויבעניש אויף בייצווווינען אַ זיצונג פון פאָלקס-טרי-בונאַל אויף דער שיף „אורוגוויי", האָט ער מיר באַמערקט:

— איר דאַרפט זיך נישט וווּנדערן אויף די שוועריקייטן, וואָס מיר מאַכן אויסלענדישע זשורנאַליסטן ביים אַרויסגעבן דידאָ־זיקע דערלויבענישן. אויף דער שיף „אורוגוויי״ ווערן געמשפּט די שווערסטע פאַרברעכער פון דער רעפּובליק. דאָס זענען די אָפיצירן, וועלכע האָבן מיט קאַנאָנען און מיטראַליעזן געשאָסן אויף דער פרידלעכער שוצלאָזער באַפעלקערונג. אָבער דער פרעמדער צושויער, וועלכער האָט נישט ביי־געוווינט אונזערע קאַמפן, זעט בלויז, ווי מען פאַרמשפּט צום טויט... ער נעמט בלויז אויף דעם לעצטן איינדרוק, ער פאַרגעסט לייכט דעם באַשולדיקונגס־אַקט, וואָס איז געשריבן מיטן בלוט פון פאָלק, און גיט זיך אונטער דעם נאַטירלעכן רחמנות־געפיל.

•

•

דער דיקלעכער סעקרעטאַר פון העכסטן געריכט, וועלכער האָט מיין דערלויבעניש פון יוסטיץ־מיניסטער אויסגעטוישט אויף אַ געריכטס־דאָקומענט, האָט מיט באַדויערונג עטלעכע מאָל אונ־טערגעשטראָכן, אַז איך וועל ליידער מוזן פּינקטלעך ניין פרי שוין זיין ביים פּאָרט, כדי צוזאַמען מיטן טריבונאַל אָפּצופאָרן צו דער שיף „אורוגוויי״, אויף וועלכער דאָס געריכט האַלט אָפּ זיי־נע זיצונגען.

פאַר אַ שפּאַניער איז דאָס אויפשטיין ניין אינדערפרי ממש אַ קרבן, און איך האָב טאַקע צומאָרגנס באַוווּנדערט די פּינקט־לעכקייט פון געריכטס־טריבונאַל. געגוי ניין האָבן פאַר דער קאָ־לומבוס־זייל שוין געוואַכט די צוועלף מיטגלידער פון געריכט: די אַדוואָקאַטן, די עדות און די אַרמיי־רעפּאָרטערן פון די באַרצע־לאָנער צייטונגען.

די אַדוואָקאַטן — אָן טאָגעס און די ריכטער אָן קראַוואַטן. דער פּאָרזיצנדער פון טריבונאַל, אַן אַלטער מאַן אין אַ בערעט, באַ־גריסט זיך מיט זיינע נייע קאָלעגן, וועלכע וועלן אים היינט העלפן אַרויסטראָגן דעם אורטייל.

די געשווירענע זענען פאָרשטייער פון אַלע פּאָליטישע גרופּירונגען, וואָס געהערן צום פאָלקס-פראָנט. עטלעכע טראָגן בלויז מיליציאָנער-קאָסטיומען און רעוואָלווערן. ביז איצט איז אויף דער „אורוגוויי" טעטיק געווען אַ מיליטעריש געריכט, איצט וועלן די פאַשיסטישע אָפיצירן געמשפּט ווערן דורך די פאָרשטייער פון פאָלק.

אייניקע פון די ניי-געוויילטע ריכטער זענען נאָך ביז ערשט נישט לאַנג געווען שוסטער-געזעלן אין פּאַריז און זיי רעדן בעסער פראַנצויזיש, ווי די וואָנסיקע אַדוואָקאַטלעך מיט די אויסגעפּוצטע שיך.

מיר פאָרן צו אויף אַ מאָטאָר-שיפל צו דער רויט-געפאַרבטער שיף „אורוגוויי", וואָס איז פאַראַנקערט ווייט אין פּאָרט. אַמאָל, מיט צענדליקער יאָרן צוריק, האָט די שיף קורסירט צווישן באַרצעלאָנאַ און בוענאָס-איירעס און געפירט טראַנספּאָרטן „לעבעדיקע סחורה" — מיידלעך פון רומעניען און פּוילן. היינט איז די אַלטע שיף פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ תפיסה. די צוויי דעקשפּיצן זענען אָפּגעשלאָסן מיט הויכע, אייזערנע שטאַכעטן און אין די אונטערשטע קאַיוטעס זיצן אַרעסטירט 400 פאַשיסטישע אָפיצירן, דייטשישע שפּיאָנען און פיר גלחים, וועלכע וואַרטן אויף זייערע פּראָצעסן.

אין אַמאָליקן שיפס-סאַלאָן איז איצט איינגעאָרדנט געוואָרן דער געריכטס-זאַל.

דער ריכטער-טיש איז געשטאַנען אויפן פאָן פון אַ גרויס אייל-בילד, אַ קאָפּיע פון גאַיאַס באַרימטער „אידיליע", וואָס שטעלט פאָר אַ פּאָרל אונטער אַ פייגנבוים. אין אָנהייב איז טאָקע די געריכטס-פאַרהאַנדלונג געווען ביז גאָר אידיליש. מיט אַ מילדן טאָן האָט דער פאָרזיצנדער אויסגעפרעגט די אָנגעקלאָגטע, וואָס האָבן נאַטירלעך אַראָפּגעוואָרפן פון זיך יעדע שולד.

די אָנגעקלאָגטע רייכערן זיך פּאַפּיראָסן און טרינקען וואַסער פון די גלעזער, וואָס שטייען אויפן ריכטער-טיש. די געשווירענע גיסן נאָך אַליין אָן דאָס וואַסער און דערלאַנגען עס די אָפיצירן,

ביי די ברעגן פון שפּאַניען. אויך די רואיגע פישדערפער ווערן אָן אויפהער באַשאָסן פון די פיינדלעכע קריגס־שיפן.

די אָנגעקלאָגטע ווייזן נאָך דערוויַיל נישט אַרויס דעם מינדסטן שפּור פון אומרויִקייט. יעדער באַזונדער גלייבט זיכער, אַז ער וועט אַרויס פריי. די אַדוואָקאַטן פאַרטיידיקן זיי מיט פּאַטאָס און אָנשטאָט פאַר דער טאָגע כאַפּן זיי זיך אָן פאַר די קלאַפּעס פון די אָנצוגן.

אויפן פאָן פון גאיאס „אידיליע” האָט זיך אָפּגעשפּילט אַ געריכטס־אידיליע. דורכן פענסטער האָבן זיך געזען די ווייסע מעוועס, וואָס האָבן זיך געטראָגן איבער די בלויע, לייכטע ים־כוואַליעס. עס איז געווען אַן אמת־אידילישע שטימונג. וועט מען דאָ פאַרמשפּטן צום טויט ?

— איר האָט געשאָסן אויף דער רעפּובליקאַנישער גוואַרדיע און אויף דער פּאָליציי פון דער לעגאַלער מאַכט ? — זאָגט דער פּראָקוראָר.

— מיר האָבן אויסגעפירט די באַפעלן פון די העכערע אָפיצירן.

דער פּראָקוראָר אין דער זאַמשענער ברוינער בלוזע באַוואַרפט די אָנגעקלאָגטע מיט אַ האָגל שאַרפע פראַגן, פון וועלכע די אָפיצירן הייבן זיך אָן פּלאָנטערן.

ווי אויף אַ פילם לויפט פאַרביי דער גאַנצער טראַגיזם פון 19־טן יולי, ווען באַרצעלאָנאַ איז געווען איין גרויס און בלוטיק שלאַכטפעלד.

די באַשולדיקטע אָפיצירן האָבן פון דעם אַרטילעריע־פּאַרק געשאָסן אויף דער באַפעלקערונג. דער דירעקטאָר פון דער אַמוניציע־פאַבריק האָט נישט געוואָלט געבן דער פּאָליציי קיין געווער און צוזאַמען מיט זיינע צוויי געהילפן זיך פאַרשלאָסן אין דעם בעטאָנירטן הויפּט־מאַגאַזין. ערשט פאַרנאַכט האָבן די אַרבעטער אויפגעריסן די טיר און אַרעסטירט זייער דירעקטאָר מיט די געהילפן.

עס דערשיינען עדות פון דער באַשולדיקונג און אויך פון דער פאַרטיידיקונג. די באַשולדיקונגס־עדות זענען איינפאַכע זעלנער און פון דער פאַרטיידיקונג — דעמיסיאָנירטע אָפיצירן, וועלכע האָבן זיך פאַרהאַלטן נייטראַל בעת די געשעענישן.

ס׳ווערט דערקלערט אַ מיטאָג־פויזע. אין אַלטמאָדישן אָבער געגוג עלעגאַנטן זאַל זעצן זיך צום טיש די ריכטער, די אַדוואָקאַטן און די זשורנאַליסטן. מ׳דערלאַנגט גרינע איילבירטן — די סימבאָלישע פרוכט פון פרידן... די הויפּט־טעמע פון די געשפּרעכן איז דער באמת פאַלקסטימלעכער כאַראַקטער פון געריכט, די אויפמערקזאַמקייט, וואָס דער פאָרזיצער שענקט יעדער דערקלערונג פון דער פאַרטיידיקונג.

מיטן אָנקומען פון שאָטנדיקן אָוונט איז אויך אָנגעקומען דער שאָטן פון טויט. אונטערן קרייץ־פאַרהער פון יונגן, ענערגישן און פאָליטיש גוט־אויסגעשולטן פּראָקוראָר הייבן זיך די באַשולדיקטע אָן צו פּלאָנטערן. זייערע פאַרברעכנס ווערן בולט און קלאָר.

דער ערשטער ברעכט זיך צוזאַמען דער גרויער לייטנאַנט, ער פאַלט אַריין אין אַ היסטעריש געוויין. ביים קאָמענדאַנט פון אַרטילעריע־פאַרק צינדן זיך אָן די מאַגערע באַקן, דער דירעקטאָר פון דער געווער־פאַבריק ברעכט אַלעמאָל אויס אין אַ האַלבמשוגען געלעכטערל, דער יונגער סערזשאַנט ווערט אינגאַנצן פאַרגליווערט און די צוויי וויצע־דירעקטאָרן פאַרשטעלן זיך דאָס פּנים מיט די הענט. בלויז דער קאַפּיטאַן ריילען הערט זיך אויפמערקזאַם צו צו די אויספירונגען פונם פּראָקוראָרס לאַנגער רעדע וועגן פאַרלויף פון דער רעוואָלוציע.

דער קאַפּיטאַן ריילען ווערט די הויפּט־פיגור פון פּראָצעס. די זעלבער, די עדות פון דער באַשולדיקונג, און באַזונדערס דער קאָוואַל פון אַרטילעריע־פאַרק, האָבן זיך וועגן אים אויסגעדריקט מיט סימפּאַטיע, אונטערשטרייכנדיק זיינע רעפּובליקאַנישע אָנשויאונגען. אָבער פאַרוואָס — פרעגט דער פּראָקוראָר — אויב איר האָט אַזוי אָפט דעקלאַרירט אייערע דעמאָקראַטישע אָנשויאונגען — פאַרוואָס האָט איר, אַלס רעפּובליקאַנישער אָפיציר, נישט געפונען פאַר נייטיק אַרויסצוגיין אויף דער גאַס און פאַרטיידיקן די רעפּובליק, נאָר איר זענט פאַרבליבן צוזאַמען מיט די פאַשיסטישע

אָפיציוין אין אַרטילעריע-פּאַרק, פונוואַנען די שטאָט איז כסדר באַשאָסן געוואָרן ?

דער קאַפּיטאַן ריילען, וועמענס געזיכט האָט גיכער שטריכן פון אַ פילאָזאָף, ווי פון אַ מיליטערמאַן, טוט אויס זיינע האָרנברילן און פאַרשטעלט זיך די אויגן מיט דער האַנט.

די באַטאַרייע פון קאַפּיטאַן ריילען האָט געשאָסן, אָבער עס איז נישט באַוויזן געוואָרן, אַז ער זאָל מיט איר דירעקט האָבן אָנגעפירט, דאַקעגן די איבעריקע באַשולדיקטע זענען אַרעסטירט געוואָרן אין פולער אַקציע.

די פאַרהאַנדלונגען דערנענטערן זיך צום סוף. די זשורנאַליסטן שיקן זיך צעטעלעך מיט פּראָגנאָזן וועגן אורטייל און כמעט אַלע זען פאָר זיבן טויט-אורטיילן. טייל גיבן בלויז אָן האָפענונגען וועגן קאַפּיטאַן ריילען, אָבער דער וויכטיקסטער פאַרטיידיקונס-עדות, גאַרציאַ מיראַנדאַ, אַ געוועזענער קאַפּיטאַן און איצט אַ באַרימטער קאָלומנע-פירער אויפן אַראַגאָנער פראָנט, איז נאָך אַלץ נישטאָ און לויט אַלע אויסרעכענונגען האָט ער שוין געדאַרפט זיין. פלוצלינג אָבער ווערט אַ געטומל און דורך דער מענגע צושויער, וואָס האָט זיך באַדייטנד פאַרגרעסערט נאָך דער מיטאָגפויזע, רייסט זיך דורך דער קאַפּיטאַן, אַ פאַרשוואַרצטער און מיט אַן אָפּגעסמאַליעטן הענט. ער ווערט אויפגענומען מיט גרויס ענטוזיאַזם דורך אַלעמען.

די דערקלערונגען פון גאַרציאַ מיראַנדאַ פאַלן אויס פאָזיטיוו לטובת קאַפּיטאַן ריילען און אויף די פנימער פון די ריכטער באַמערקט זיך אַ בפירושע צופרידנקייט.

דאָס פיינלעכסטע איז געווען דאָס לעצטע וואָרט. דער גרויער אָפיציר האָט זיך אינגאַנצן געוואָרפן, געוויינט און כסדר איבערגעחזרט : — וועט מען מיך טאַקע דערשיסן ? ! דער דירעקטאָר פון דער אַמוניציע-פאַבריק האָט פלוצלינג אויסגעשריגן : — איך בין אַ סאָציאַליסט ! דער קאָמענדאַנט פון אַרטילעריע-פּאַרק האָט געבעטן רחמנות האָבן אויף זיינע קינדער. דער יונגער סערזשאַנט האָט זיך אויפגעשטעלט צו זיין לעצט וואָרט, אָבער נישט געקאָנט

רעדן. די צוויי וויצע־דירעקטאָרן האָבן אויך געזאָגט, אַז זיי זע־נען קעגן די פאַשיסטן און דער קאַפּיטאַן ריילען האָט ווידעראַמאָל געוווּנען אַלעמענס סימפּאַטיע מיט זיינע קורצע עטלעכע ווערטער:

— איך האָב נישט קיין מורא פאַרן טויט. איך וויל אָבער פאַלן אין קאַמף. איך בין באַגאַנגען אַ פעלער, וואָס איך האָב נישט אַזוי ענערגיש געהאַנדלט ווי מיין חבר גאַרציאַ מיראַנדאַ, אָבער דערלויבט מיר דעם פעלער צו פאַרריכטן.

דאָס געריכט איז אַוועק אויף אַ באַראַטונג און די אָנגע־קלאָגטע זענען אָפּגעפירט געוואָרן אין זייערע צעלעס. איצט האָט שוין געריש ווי אין אַ בינשטאָק און דער טויט האָט מיטגע־זשומט אין אַלעמענס רייד.

נאָך אַ האַלבער שעה איז דערשינען דער טריבונאַל, אָבער די פאַראַנטוואָרטלעכע האָט מען שוין מער נישט אַריינגעפירט.

דער פאָרזיצנדער האָט פאָרגעלייענט די נעמען פון די זעקס פאַראורטיילטע צום טויט און ביי יעדן נאָמען איבערגעפרעגט די געשווירענע, צי זיי זענען מסכים, אויף וואָס ס׳האָט אַלעמאָל אָפּגעהילכט אַ צוועלף־שטימיקער: יאָ!

— דער קאַפּיטאַן ריילען — אויף צען יאָר תּפיסה, מסכים?

— יאָ!

די צוויי בענק פון די באַשולדיקטע זענען געשטאַנען ליי־דיק, אָבער איך האָב קלאָר געזען זייערע אַלעמענס פּנימער און געהערט דאָס לאַכן און דאָס וויינען פון די צוויי אַמיינסטן צוזאַ־מענגעבראָכענע צווישן די פאַראורטיילטע.

מיט אַ פלאַמענדיק געזיכט בין איך אַרויס אויפן דעק פון דער שיף, כדי זיך אַ ביסל אָפּצוקילן. פון ביינאַכטיקן ים האָט זיך געטראָגן אַ גלעטנדיק ווינטל און איך האָב זיך באַמיט אַראָפּ־צושלינגען די ערשטע ביטערע פּיל פון דער שפּאַנישער רע־וואָלוציע.

„באַריאָ-טשינאָ“

עס איז דער קוואַרטאַל, פון וועלכן עס זענען אַרויס די העלדישע באַריקאַדן-קעמפער. עס איז דער עלטסטער קוואַרטאַל פון באַרצעלאָנאַ און ליגט האַרט ביים פּאָרט. דאָ איז דער פּראָלעטאַריאַט, אָט דער מיט די פאַרמאָזאָליעטע הענט און אָפּגעסמאָליעטע געזיכטער פון שאַרפן ים-ווינט. דאָ זענען די פישער און מאַטראָזן, דאָ איז די נויט, די אָרימקייט.

„באַריאָ-טשינאָ“ — כינעזישער קוואַרטאַל. קיין כינעזער וווינען נישט דאָ, אָבער קיין בעסערע באַצייכענונג פאַר אָט דער נעסט פון מענטשלעכן עלנט איז טאַקע שוין נישט פאַראַן. די געסלעך זענען דאָ ענג, קרום, שמוציק און אָן זון אין אָט דער זוניקער שטאָט. אויפן ברוק זיצן קאַליקעס מיט אַנטבלויזטע, ראַכיטישע גלידער און ביז צו די פאַרטערן זענען די פענסטער פאַרהאָנגען מיט וועש צום טרוקענען. עס שפּילן קאַטאַרינקעס, אייזעלעך שרייען יללהדיק, כישופמאַכערס שפּרעכן אָפּ פאַרשידענע חולאתן און פאַרקויפן וווּנדער-טוּענדע קרייטעכצער.

דאָ זענען שטענדיק געווען די נעסטן פון די אַממיינסט פערווערזע פאַרוויילונגען. די באַרצעלאָנער אויבערוועלט איז זיך שטענדיק געקומען פאַרוויילן אין אָט דער אונטערוועלט. דאָ זענען באַרימט געווען די לאָקאַלן פון די האָמאָסעקסועלע, וואָס האָבן צוגעצויגן טוריסטן פון אַלע קאָנטינענטן. אין די טעג פון אויפשטאַנד זענען דידאָזיקע לאָקאַלן פולשטענדיק פאַגראָמירט געוואָר, און דאָס פאָלק האָט איבערגענומען דאָס „באַריאָ-טשינאָ“. איצט קאָן מען דאָ זען די פאַרביקסטע שפּאַנישע טענץ פון אַלע פּראָווינץ. אין סאַמע קריג האָט דאָ אויפגעבליט די רעגיאָנאַלע שפּאַנישע קונסט.

די העל-פאַרביקע רייך-געהאָפטענע קליידער פון אראַגאָן דערמאַנען אין די ליוויטשער פויערן-קאָסטיומען. דאַקעגן אָבער די אַנדאַלוזיער מיט זייער שוואַרץ-זיידענעם טראַכט האָבן אין זיך פיל יידישס. אויך די טענץ און דאָס זינגען פון די אַנדאַלוזיער האָט אין זיך אַ סך עקסטאַטיש-מיסטישס. זייערע באַרימטע „פלאַמענגאָס" קלינגען ווי האַלב-אַראַבישע, האַלב-יידישע געזאַנגען.

פאַרהאַן אפילו אַ ווערסיע, אַז די „פלאַמענגאָס" שטאַמען פון די שפּאַנישע יידן, וועלכע האָבן בעת זייער אויסוואַנדערונג קיין פלאַנדריען פאַרפאַסט די דאָזיקע קלאָג-לידער.

אמת פאָלקסטימלעך איז דער ווייַן-קעלער פון די „פרייע זינגער". דאָ הערט מען איצט דאָס געזאַנג פון אַלע פעלקער דערדאָזיקער ריזיקער לאָקאַל איז זייער פאַרביק אויסגעשטאַטעט אין נישעס געפינען זיך פעסער מיט הילצערנע קראַנען, פון וועלכע מען צאַפּט וויין דירעקט פאַר די געסט. פון די שוואַרצע סופיט-בעלקעס הענגען אַראָפּ די פאַרשידנסטע עקזאָטישע געוויקסן: פאַלמען-בלעטער, רויטער פעפער, הענגלען איינגעטרוקנטע וויינטרויבן, פאָמעראַנצן-צווייגן, מילגרוימען א. אַ. דאָ ווערן געזונגען לידער אין די פאַרשידנסטע שפּראַכן און דיאַלעקטן. די אינטערנאַציאָנאַלע פּריוויליקע, וועלכע קומען פון די פראָנטן קיין באַרצעלאָנאַ אויף עטלעכע טעג אורלויב, זינגען דאָ אויס די בענקשאַפטס-לידער פון זייערע היימען.

דאָ בין איך שוין איינמאָל איבערראַשט געוואָרן, ווען ביים קלאַוויר האָט זיך באַוויזן אַ מיליציאָנער, וועלכער האָט אין אַ כמעט ווייַנענדיקן טאָן אָנגעהויבן פלוצלינג זינגען ביאַליקס יידישע פאַראַפראַזירונג פון יהודה הלוי׳ס ים-ליד:

„איך האָב פאַרגעסן אַלע ליבסטע,
איך האָב פאַרלאָזט מיין אייגן הויז"...

דערדאָזיקער יידישער מיליציאָנער פון ריגאַ איז פון פאָליטעכניקום אין גרענאָבל אַוועק אויפן פראָנט, אָן דעם וויסן פון זיינע

עלטערן, און דאָסדאָזיקע ליד האָט אפנים אמבעסטן אויסגעדריקט זיין געמיטס-צושטאַנד. אין אַלטן קוואַרטאַל, אין אַמאָליקן באַרצעלאָנער יידישן געטאָ, האָט דער יונגער יידישער סטודענט געזונגען דאָס ליד פון י ה ו ד ה ה ל ו י, וועלכער האָט אפשר פיל פון זיינע וווּנדערלעכע פערזן געשאַפן טאַקע אָט דאָ, אין די זעלביקע שמאָלע געסלעך...

אין דעם זעלבן ווין-קעלער האָב איך בייגעוווינט אפשר די געבורט פון דער „שפּאַנישער מאַרסעליעזע"... נאָכדעם, ווי אַ פראַנצויזישער מיליציאָנער האָט אָפּגעזונגען די פולע פראַנצויזישע מאַרסעליעזע פון ראַזשע דע ליל, האָט נאָענט פון מיין טישל זיך אויפגעשטעלט אַ מיליציאָנער פון אַ ריזיקן וווּקס. זיך דורכגעדרענגט צום קלאַוויר אין צווייטן עק פון זאַל און אָנשטאָט צו זינגען, האָט ער מיט אַ מעכטיקער רויער שטים אָנגעהויבן אויסצושרייען: „אוהאַשעפּע!" „אוהאַשעפּע!"

דער פּיאַניסט האָט מיטן גאַנצן פּאַרטיסימאָ מיטגעפּויקט די אינטאָנירונג פון די דריי איניציאַלן „או. ה. פּ." (אוניאָן דע הערמאַנאָס פּראָלעטאַריאָס) — דער אויסגעשריי פון די אַסטורישע קוילנגרעבער ביים שליידערן זייערע דינאַמיט-באָמבעס, אַן אויסגעשריי, וואָס ווערט ביים שנעלן אויסשרייען פאַרוואַנדלט אין דעם פּאָנעטיש-צונויפגעגאָסענעם קלאַנג: „אוהאַשעפּע!"

דערדאָזיקער מיליציאָנער — ווי ס'האָט זיך שפּעטער אַרויסגעוויזן — טאַקע אַן אַסטורישער קוילנגרעבער — האָט נאָך עטלעכע מאָל אויסשרייען דעם „אוהאַשעפּע" אָנגעהויבן מיטאַמאָל דאָס וואָרט צו אינטאָנירן, דאָ שטילער, דאָ שטאַרקער, אַמאָל בייז, אַמאָל בעטנדיק, און ביי דער עלאַסטישער אַקאָמפּאַנירונג פון געשיקטן פּיאַניסט האָבן די רויע אויסגעשרייען זיך אָנגעהויבן מוזיקאַליש צו פאָרמען.

באַלד האָט מען ביי עטלעכע טישלעך אָנגעהויבן מיטצואינטאָנירן דעם „אוהאַשעפּע" און שוין האָט דער גאַנצער זאַל זיך מיטגעוויגט:

„או-האַש ע-פּע ! או-האַש ע-פּע !"

די סימבאָלישע דריי איניציאַלן, וואָס באַדייטן : „פּאַראַיי-ניקונג פון פּראָלעטאַרישע ברידער", זענען פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ ליד.

דער היטשוועקסיקער קוילנגרעבער איז אַוועק פון קלאַוויר אונטער שטורמישע אַפּלאָדיסמענטן. אַ מידער, אָן אויסגעשעפּטער, האָט ער זיך אַוועקגעזעצט ביי זיין טישל און זיינע טיף-פאַרגראָ-בענע אויגן זענען געווען פייכט פון גערירטקייט.

דער אויסגעשריי „אוהאַשעפּע" איז די קאַמפּס-לאָזונג פון די אַסטורישע דינאַמיט-וואַרפער, וועלכע האָבן באַוויזן ווונדער אויפן פראָנט פון מאַדריד. די לאָזונג דערמאַנט אָבער אויך אין די טראַגישע טעג פון 1934 אין אָוויעדאָ, ווען די מאַראָקאַנישע טרופּען, אונטער דער אָנפירונג פון גענעראַל פראַנקאָ, האָבן אויס-געשאָכטן טויזנטער קוילנגרעבער, וועלכע האָבן אין די לעצטע רגעס פאַרן טויט אויסגעשריגן דעם זעלבן „אוהאַשעפּע !"...

ביים קלאַוויר איז דערשינען אַ פרוי, וועלכע האָט אָנגע-הויבן קלאָגעוודיק אויסצוזינגען אַ „פלאַמענגאָ", אָבער אין מיי-נע אויערן האָט אָן אויפהער געקלונגען די „שפּאַנישע מאַרסע-ליעזע", וואָס איז אפשר דאָ צום ערשטן מאָל אויסגעזונגען גע-וואָרן ביי דער באַגלייטונג פון מוזיק.

אָט אַזוי איז דאָך אייגנטלעך אויך אַנטשטאַנען די פראַנ-צויזישע מאַרסעליעזע, וואָס איז ביי אַ קלאַוויר אימפּראָווי-זירט געוואָרן דורך דעם יונגן רעוואָלוציאָנערן אַריסטאָקראַט, ראָזשע דע ליל.

אָבער בעת דער פראַנצויזישער נאַציאָנאַלער הימן איז אַנטשטאַנען אין אַ פּריוואַט-סאַלאָן פון וויל-געבוירענע רעוואָלו-ציאָנערן, איז אָט די צוקונפטיקע שפּאַנישע מאַרסעליעזע אין איר אורשפּרונג געבוירן געוואָרן אין אָפענעם שלאַכטפעלד, באַגלייט דורך דער מוזיק פון אויפרייסנדע דינאַמיט-באָמבעס.

יעדע רעוואָלוציע ברענגט אירע לידער, איר הימן. אויך די שפּאַנישע רעוואָלוציע האָט שוין איר הימן געשאַפן,

דאָס איז דער „אוהאַשעפּע“, די לאָזונג פון פּאַראייניקן אַלע אַר-בעטער-ברידער.

דער „אוהאַשעפּע“ האָט שוין פון די טראַנשייען אַריבער-געוואַנדערט אין ווײַן-קעלער אַרײַן. ער וועט מיט דער צײַט באַ-קומען זײַן פעסטע מוזיקאַלישע באַקליידונג און וועט ווערן דאָס ליד פון באַפרײַטן שפּאַנישן פאָלק.

רײזע איבער קאַטאַלאָניען

כדי צו קאָנען אַן שטערונגען רײזן איבערן לאַנד האָט מען באַדאַרפט זיך באַזאָרגן מיט דערלויבענישן פון אַלע פּאַרטײען. אין יעדן שטעטל אָדער דאָרף איז דער אָרטיקער קאָמיטעט געווען אין די הענט פון אַן אַנדערער פּאָליטישער גרופּירונג און מען האָט דעריבער באַדאַרפט יעדעס מאָל קאָנען אַרויסציִען דאָס נײטיקע פּאַפּירל, כדי צו באַקומען אַ באָן אויף אַ האָטעל, אויף אַ מיטאָג אָדער בענזין צום אויטאָ.

דעם אויטאָ האָט מען באַקומען בײם „פּראָפּאַגאַנדע־קאָמיסאַריאַט" אין באַרצעלאָנאַ, וואָס האָט אין די ראַמען פון זײנע מעגלעכקײטן זיך באַמיט די אויסלענדישע זשורנאַליסטן אַנטקעגנצוקומען אין אַלע הינזיכטן. נישט אַלעמאָל אָבער האָבן געגוגנט די דערלויבענישן פון פּראָפּאַגאַנדע־קאָמיסאַריאַט און מ'האָט דעריבער תמיד געדאַרפט האָבן אַ הילפס־פּאַפּירל פון דער אָדער יענער פּאַרטײ.

דער פּראָפּאַגאַנדע־קאָמיסאַריאַט האָט אַ דאַנק דער ענערגיע און אינטעליגענץ פון זײן פירער, זשאַם מיראַוויטלעס, באַוויזן פיל אויפצוטון. אויסלענדישע זשורנאַליסטן האָבן דאָ געהאַט זײער אינפאָרמאַציע־ביוראָ, סײ פאַר די פּאָליטישע און סײ פאַר די קולטורעלע אָנגעלעגנהײטן פון לאַנד.

אין אַ רויטן סוועטער און מיט אַ צעשפּיליעט העמד האָט דערדאָזיקער יונגער רעוואָלוציאָנער אַמטירט אין פּרעכטיקן פּאַלאַץ פון פּראָפּאַגאַנדע־קאָמיסאַריאַט. זעלטן ווען רואַירט און מיט רויטלעכע נישט־אויסגעשלאָפענע אויגן, איז ער געזעסן בײ דעם לוקסוסאַרטיקן אינקרוסטירטן שרײבטיש און אָן איבעררײס אויפגענומען אויסלענדישע דעלעגאַציעס, זשורנאַליסטן, פאָרשטײער פון

פֿאַרשידענע קאָמיטעטן און געדולדיק געענטפֿערט אויף די פֿאַר־שידענע פֿראַגן. באַזונדערס אַקטיוו האָט ער אָרגאַניזירט די אויס־פֿלוגן איבערן לאַנד, כּדי צו באַווייזן דער וועלט די אומבאַשע־דיקטע היסטאָרישע מאָנומענטן און די מוסטערהאַפֿטע אינדוסטריע פֿון קאַטאַלאָניען.

מיר זענען געווען פֿיר זשורנאַליסטן און עס איז אונז אויס־געפֿאַלן דער בעסטער אויטאָ, וואָס דער קאָמיסאַריאַט האָט געהאַט צו זיין דיספּאָזיציע — אַ „היספּאַנאָ־סואיזאַ", וואָס איז אוודאי קאָנפֿיסקירט געוואָרן ביי עפּעס אַ קאַטאַלאָנישן מאַגנאַט.

עס איז אַ זוניקער פֿרימאָרגן, און דער האַרבסט שמעקט אייגנטלעך מיט פֿרילינג. די באַרגיק־שטיינערדיקע פֿעלדער דער־ציילן וועגן דער פֿלייסיקייט פֿון קאַטאַלאָנישן פֿאָלק. די צעאַקער־טע בייטן לויפֿן אַרויף ביז די סאַמע שפּיצן פֿון די צוויי־דרייהונ־דערט־מעטערדיקע בערג. דאָס האָט די רעוואָלוציע געשענקט די פּויערים די ווילד־ליגנדע שטחים, וואָס האָבן אין סאַמע גרוי־זאַמסטן קריג זיך פֿאַרוואַנדלט אין געבענטשטער ערד. אויף די פֿעלדער איז נישט צו זען קיין פּויער, עס איז זונטיק, עס איז רו־טאָג.

די וועג־ווייזערס טראָגן דעם אויפֿשריפֿט: „מאָנסעראַט".
דאָס איז דער באַרימטסטער שפּאַנישער קלויסטער, וואָס איז נאָך אין 11־טן יאָרהונדערט אויפֿגעבויט געוואָרן אין די גיגאַנטישע פֿעלזן־בערג. אין 16־טן יאָרהונדערט האָט איגנאַציאָ לאָיאָלאַ דאָרט געגרינדעט דעם יעזואיטן־אָרדן, פֿון וועלכן ער איז אַליין געוואָרן דער ערשטער גענעראַל. אין יולי 1936 האָבן די מאָנאַכן דאָרט געהאַט פֿאַרפֿעסטיקט מיטראַליעזן, גרייט מיטצומאַכן דעם מיליטע־רישן אויפֿשטאַנד.

יעדער איינער פֿון אונזער זשורנאַליסטן־גרופּע פּאַקט אויס זיין ביסל קענטעניש וועגן מאָנסעראַט, וועגן דעמדאָזיקן זעלטענעם אוצר פֿון דער קריסטלעכער קולטור. איינער וויל שוין אַ נישטער־טון אין דער זאַמלונג פֿון די אַלטע מאַנוסקריפּטן, אַ צווייטער גאַרט גאָר צו בלעטערן די אילומינירטע ביבעלס און צו זען די

װוּנדער־טוּענדע, הייליקע בילדער. אויך איך האָב מיין באַזונדע־רע פאַראינטערעסירונג. דאָס איז די רייכע יידישע זאַמלונג, וואָס ווערט פון דעם מאָנאַסטיר אויסגעבאָרגט אויף אינטערנאַציאָנאַלע אויסשטעלונגען.

דער קאָרעספּאָנדענט פון אַ גרויסער ענגלישער צייטונג פאַרזיכערט זיך באַלד מיין מיטהילף ביים באַזוכן דידאַזיקע אָפּ־טיילונג. אויך ער האָט אַן אינטערעס פאַר יידישע זאַכן און ער קוקט אויף מיר כמעט מיט באַוווּנדערונג, ווען איך ציטיר אים אַ פסוק פון דער תורה אין אָריגינאַל.

מיר זענען שוין אַלע געשפּאַנט צו זען דעם מאָנאַסטראָט, וואָס איז פאַרהילט אין לעגענדעס און פאַרנעמט זינט יאָרהונדער־טער שוין זייער אַ וויכטיק אָרט אין דער רייזע־ליטעראַטור פון אַלע פעלקער. דער מאָנאַסטראָט האָט וואַגנער געדינט אַלס סיוּ־זשעט פאַר זיין אָפּערע „פאַרסיפאַל", און צו די קלאַסישע מוסטערן פון דער אַלטער רייזע־ליטעראַטור געהער די מאָנסעראַט־שילדע־רונג פון ווילהעלם פאָן הומבאָלדט. דאָסדאָזיקע וווּנדערלעכע נאַ־טור־ווינקעלע געפינט זיך בסך־הכל זעכציק קילאָמעטער פון באַר־צעלאָנאַ, אָבער אויפן וועג האָבן מיר נאָך צו באַזוכן די אַמאָלי־קע זומער־רעזידענץ פון קעניג אַלפאָנס דעם 13־טן, מיט וועלכער עס איז פאַרבונדן אַ געוויג פּיקאַנטע געשיכטע.

אונזער אויטאָ פאַרהאַלט זיך פאַר אַ ניי פּאַלאַצל, וואָס איז אַרומגערינגלט מיט אַ ריזיקן גאָרטן. איצט געפינט זיך דאָרט אַ סאַנאַטאָריום פאַר קינדער, צווישן וועלכע די איבערוויגנדע מער־הייט איז פון מאַדריד. דערדאָזיקער פּאַלאַץ איז אין יאָר 1923 אויפגעבויט געוואָרן פאַרן געלט פון שפּאַנישע רייכע מנדבים. די דערעפנונג איז פאַרגעקומען מיט אמתער קעניגלעכער פייערלעכ־קייט און זיך אָבער באַלד פאַרוואַנדלט אין אַ נישט־דורכשניטלעכן סקאַנדאַל. געשען איז דאָס אין דעם מאָמענט, ווען דער באַרצע־לאָנער שטאָט־פּרעזידענט האָט דעם קעניג איבערגעגעבן אין דער האַנט אַריין די שליסלען פון זיין נייער רעזידענץ. דער ערשטער שליסל האָט באַלד נישט געפּאַסט און דער פּאַראַד־איינגאַנג האָט

געמוזט געעפנט ווערן דורך אַ שלאָסער. דעמדאָזיקן שלאָסער איז דער קעניג געווען געצוווּנגען מיטצונעמען אַזש ביז אין שלאָפצימער אַריין, ווייל קיין שום שליסל האָט נישט געפּאַסט צו די טירן פון די אַפּאַרטאַמענטן. אָבער נאָך נישט דערמיט איז שוין דער סקאַנדאַל געווען פאַרענדיקט. צומאָרגנס איז אַלפאָנס ביז און ברוגז אַנטלאָפן פון פּאַלאַץ, ווייל ביינאַכט האָבן פּלוצלינג זיך געעפנט די קראַנען פון דער וואַסער-לייטונג און פאַרפלייצט די סאַלאָנען. פון די סופיטן איז געפאַלן די טייערע שטוקאַטור און דאָס קעניגלעכע בעט איז געלעגן איינגעבראָכן... אָט אויף אַזאַ אופן האָבן די קאַטאַלאָנישע אַרבעטער אַרויסגעוויזן זייער גרויסע ליבשאַפט צום קעניג.

דער פאַרוואַלטער פון סאַנאַטאָריום קלאָגט זיך פאַר אונז, אַז ער האָט כסדר צרות מיט דעם פּאַלאַץ. ער האָט יעדן טאָג צו מאַכן רעפּאַראַציעס.

— עס איז אַ פּאַלאַץ פון פּאַפּיר. אַלץ פאַלט און ברעכט זיך איין, אַזאַ טאַנדייט — צעשמייכלט ער זיך — האָב איך נאָך נישט געזען. אפנים, אַז די מנדבים, די באַרצעלאָנער גבירים, זענען אויך פאַרמישט געווען אין דעם. אדרבה, קוקט, — קלאַפּט ער מיט די פינגער אין די הויל-אָפּקלינגנדע ווענט — עס איז אַ פּאַלאַץ פון גיפּס. סוף-כל-סוף — זעצט ער ווייטער פאָר אין דעם זעלבן גוטן מוט — זענען דאָס געווען קורצזיכטיקע מענטשן, זיי האָבן דען נישט געקאָנט פאָראויסזען, אַז דער פּאַלאַץ וועט סײַ-ווי נישט בלײַבן בײַם קעניג ?... וואָס איז דען פאַרהאַן צו רעדן, — זאָגט ער שוין גאַנץ שטיל — אַנאַרכיסטישע קונצן...

אונזער אויטאָ פאַרנעמט זיך איצט אַלץ מער באַרג-אַרויף. דער שאָסיי וויקלט זיך ווי אַ שרויף אַרום די רויטע בערג. אונטן לויפט דער שטראָמיקער טייך ליאָברעגאַט, וואָס באַפרוכפּערט די קאַטאַלאָנישע פעלדער און טרייבט די מאָדערנע אינדוסטרי פון דעמדאָזיקן לאַנד. העכער, אין די פירענעען, איז דער טײַך ברייט, איבערפולט און קיין באַרצעלאָנאַ דערגייט ער שוין ווי אַ מאָגער וואַסערל, אויסגעשעפּט דורך די קאַנאַלן, וואָס צעטראָגן זיינע

שטראָמען איבער די ווייטע פעלדער און גערטנער. ביים ברעג פון דעם טייך, אין דער געדיכטקייט פון דעם ניואַנסן־רייכסטן גרינס, שטייען בעטאָנענע פאַבריקס־בלאָקן, וועמענס טורבינען ווערן געטריבן דורך דעם צעשוימטן ליאָברעגאַט.

עס טויכט־אויף דער קרוינען־קאָפּ פון מאָנסעראַט. מיר פאָרן אַריין אין דעם האַלב־קרייז פון די בערג, וואָס רינגלען אַרום דעם קלויסטער און שליסן אים אָפּ פון דער וועלט. אויפן האַלז פון סאַמע העכסטן פעלז זענען אָנגעהאָנגען די דראָטן פון דער לופט־באַן, וואָס קורסירט דאָ.

צווישן דידאָזיקע פעלזן — ווי עס דערציילט די לעגענדע — האָט זיך באַוויזן דאָס בילד פון דער הייליקער יונגפרוי און עס זענען דאָ געשען נסים. אין די ערשטע טעג פון יולי 1936 האָבן די מאָנאַכן דאָרט געהאַט אָוועקגעשטעלט מיטראַליעזן, גרייט מיט־צומאַכן דעם מיליטער־אויפשטאַנד. אָבער אין די סאַמע לעצטע טעג פאַרן 19־טן האָבן זיי רעזיגנירט פון באַטייליקן זיך אין דער מרידה און זענען שנעל אַנטלאָפן קיין סאַראַגאָסאַ. פאַרבליבן איז בלויז איין מאָנאַך, דער הויפּט־פאַרוואַלטער פון קלויסטער. ער האָט אין לעצטן מאָמענט אָפּגעשלאָסן די טירן פון די אַרכיוון, צוויי טעג זיך אויסבאַהאַלטן אין די פעלזן און אַראָפּגעקומען ערשט דאַן, ווען די רעפּובליקאַנישע מיליציאָנערן האָבן שוין געהאַט באַ־זעצט דעם מאָנסעראַט.

דערדאָזיקער מאָנאַך שטייט איצט פאַר אונז מיטן בינט שליסלען אין דער האַנט און עפנט די טויערן פון קלויסטער.

מאָנסעראַט

דער מאָנאַך איז אָנגעטון אין אַ גרויען כאַלאַט און לייוונ־טענע שיך. זיינע שוואַרצע האָר זענען גלאַט צוגעקעמט, דאָס פּנים איז יונג און קיילעכדיק. די לעצטע בענעדיקטינער פון מאָנ־סעראַט זענען נישט געווען קיין מיסטיקער, האָבן נישט געפירט

דאָ קיין לעבן פון פּרושים צווישן די נאַקעטע פעלזן, נאָר אַרבעט־זאַם זיך אָפּגעגעבן דעם קאָמענטירן און אילומינירן די רעליגיעזע ספרים, באַנוצנדיק די נייעסטע דרוק־מאַשינען, וואָס זענען גע־ברענגט געוואָרן פון טשיקאַגאָ.

— די הערן ווינטשן זיך פריער צו זען די קאַפּעלע, צי דעם קלויסטער? — פרעגט דער מאָנאַך.

מיינע קאָלעגן ווינטשן זיך אָנצוהייבן פון אַ גאַנץ אַנדערער מערקווירדיקייט... דער בענעדיקטינער קלויסטער איז נישט ווי־ניקער באַרימט פון דעם „בענעדיקטינער", דעם טייערן וויין, וואָס ווערט דאָ אויסגעאַרבעט דורך די מאָנאַכן און טראָגט אפילו דעם ספּעציעלן נאָמען „מאָנסעראַט". זיי ווינטשן זיך דעריבער צו געניסן קודם־כל פון די ערדישע תענוגים, וואָס דער מאָנסעראַט שטעלט צו. מיר קומען אַריין אין דעם גרויסאַרטיקן רעסטאָראַן מיט דעם פּאַר־ביקן, געשניצטן סופיט און לאַדן אויך איין דעם מאָנאַך טועם צו זיין מיט אונז אַ ביסל וויין, אָבער ער זאָגט זיך קאַטעגאָריש אָפּ.

דער מאָנאַך טרינקט נאָך נישט קיין וויין. ער איז געבליבן פרום ווי אַמאָל, די רעוואָלוציע האָט נישט געענדערט זיינע רע־ליגיעזע איבערצייגונגען.

— אַלע יאָר פרילינגס־צייט — קלאָגט זיך דער קעלנער — פלעגן דאָ קומען צו אונז אַ סך אויסלענדער. זינט דעם אויסברוך פון אויפשטאַנד האָט די טוריסטישע באַוועגונג זיך אָפּגעשטעלט. די רעכטע אויסלענדישע פרעסע דערציילט אויסטערלישע זאַכן וועגן כלומרשטע אומרוען אין קאַטאַלאָניען, האָבן דעריבער די ענגלענדער מורא צו קומען. אָבער פאַראַכטאָגן האָט אונז דאָ באַזוכט אַ דעלעגאַציע פון ענגלישע און אַמעריקאַנער גלחים און זיי האָבן זיך איבערצייגט, אַז דאָ אויפן מאָנסעראַט איז אַלץ גע־בליבן ווי אַמאָל. דער מוזיי איז היינט אין זעלבן צושטאַנד ווי געווען — פאַרזיכערט אונז דער קעלנער.

— און די מאָנאַכן? — פרעגט עמעצער פון אונזער גרופּע.

— קיינער האָט זיי פונדאַנען נישט אַרויסגעטריבן — ענט־פערט דער קעלנער. — אָט איז דער בעסטער באַווייז — ווייזט

ער אָן מיט אַ באַוועגונג פון קאָפּ אויפן מאָנאַך, וועלכער וואַרט ביים אַריינגאַנג, נישט וועלנדיק אפילו אַריבערטרעטן די שוועל פון רעסטאָראַן.

פון עס-זאַל פירן טרעפּ צום קלויסטער און דער קאָנטראַסט וואַרפט זיך גלייך אין די אויגן אַריין. פון אויסנווייניק שטייען נאָך גאָטישע, מיטלאַלטערלעכע אַרקאַדן אויפן פּאָן פון הויכע נאַקעטע פעלזן, וואָס דערמאַנען אין אַ פּרעהיסטאָרישן לאַנדשאַפט. אינעווייניק אָבער איז אַלץ איינגעאָרדנט אויפן מאָדערנעם שטייגער און מאַכט דעם איינדרוק פון אַ פּאַלאַץ: קיין שפּור פון קלויסטער-דעמערונג און מיסטישער שטימונג. אין די אַמאָליקע אַפּאַרטאַמענטן פון אַרציביסקופּ וווינט איצט דער פּרעזידענט אַזאַניאַ, וועלכער איז גראָד אָפּגעפאָרן אויף אַ רעגירונגס-זיצונג קיין וואַלענציאַ, און מיר האָבן דעריבער די מעגלעכקייט דידאָזיקע סאַלאָנען פריי צו באַזוכן. די ווענט זענען געדעקט מיט זייד, דאָס מעבל איז רייך אינקרוסטירט און אין מוזיק-סאַלאָן אויף דעם בעכשטיין-קלאַוויר ליגט אין גרינער לעדער אַ באַנד פון בעטהאָווענס „ניינטער סימפאָניע”.

אין דער בילדער-גאַלעריע, צווישן די אָריגינאַלן פון גרעקא און די לייוונטן מיט אַ רעליגיעזן אינהאַלט, הענגט אויך אַ קאָפּיע פון מורילאָס באַרימטן בילד, וואָס שטעלט פאָר אַ בערדיקן זקן, וועלכער זייגט די ברוסט פון אַ יונגער פרוי.

דער קעלנער איז אפנים גערעכט געווען. אין דעמדאָזיקן קלויסטער איז גאָרנישט גערירט געוואָרן און עס איז טאַקע אַן עוולה, וואָס די ענגלענדער און אַמעריקאַנער זענען דאָס יאָר נישט געקומען אויפן מאָנסעראַט.

דער מאָנאַך דערציילט אונז אויספירלעך די געשיכטע פון יעדן בילד און יעדן קעגנשטאַנד אין מוזעאום, אָבער דידאָזיקע אויפקלערונגען ווערן אָפט איבערגעריסן דורך פראַגן, וואָס זענען נוגע צוויי איינוווינער פון דעמדאָזיקן מאָנאַסטיר: דעם איינציקן דאָ געבליבענעם מאָנאַך, וועלכער איז טאַקע אונזער באַגלייטער, און דעם פּרעזידענט אַזאַניאַ.



אַעראָפּלאַנען! בעת א פרויען־מיטינג אין באַרצעלאָנאַ פליען

אָן פיינדלעכע באָמבאַרדיר־אַעראָפּלאַנען.

— פאַרוואָס זענט איר נישט אַנטלאָפן מיט די איבעריקע מאָנאַכן ? — דידאָזיקע פראַגע ווערט איבערגעחזרט אין די פאַרשידנסטע וואַריאַציעס, אָבער דער מאָנאַך קאַרלאָס האַרעסאָ באַרויִקט מיט צוויי ווערטער אונזער נייגיריקייט :

— איך בין אַ באַסק !

מער אויספירלעך דערציילט דער רעפּובליקאַנישער מאָנאַך וועגן לעבן פון פּרעזידענט אַזאַניאַ.

— דער פּרעזידענט איז אַן אומגעוויינלעך אַרבעטזאַמער און באַשיידענער מענטש. ער באַזוכט אָפט די פאַרוווּנדעטע מיליציאָנערן, וואָס געפינען זיך אין אונזער שפּיטאָל. ער אַרבעט יעדן טאָג פון ניין אינדערפרי אין דער ביבליאָטעק.

מיר גייען דורך גרויסע זאַלן, ווו די ווענט זענען פון אויבן ביז אַראָפּ פאַרשטעלט דורך אָפענע ביכער-שרענק — דאָ געפינען זיך אויך זעלטענע כתבֿ-ידן. דידאָזיקע ביכער-זאַמלונג ציילט העכער דרייהונדערט טויזנט בענדער. די רוקנס זענען גרויע, פאַרמעטענע און אויך קאָלירטע — געפרעגטע אין לעדער. דידאָזיקע ביבליאָטעק איז אַ זאַמלונג פון דער פאַרשידנסטער רעליגיעזער און וועלטלעכער ליטעראַטור אין אַלע שפּראַכן. לעבן אַלט-לאַטיינישע פאָליאַנטן שטייען פאַרצייטישע אויסגאַבן פון תּלמוד, העברעאיש-כאַלדעאישע לעקסיקאָנען און אפילו די „פילאָלאָגישע שריפטן" פון יידישן וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט אין ווילנע.

מיר דערנענטערן זיך צום טיש אין דער ביבליאָטעק, ביי וועלכן עס אַרבעט דער פּרעזידענט אַזאַניאַ. עס ליגן אויף אים צוויי ביכער : איינשטיינס רעלאַטיוויטעטס-טעאָריע און פויכטוואַנגערס „יידישער קריג".

— נאָכמיטאָג פאָרט דער פּרעזידענט געוויינלעך קיין באַרצעלאָנאַ אויף פּאָליטישע קאָנפערענצן — דערציילט ווייטער דער מאָנאַך — און אין אָוונט אַרבעט ער ביז שפּעט אין זיין צימער. יעדן טאָג ברענגט די פּאָסט אַ סך נייע ביכער, דער עיקר פון פראַנקרייך.

פון דער ביבליאָטעק גייען מיר אַריבער אין דער דרוקע-

ריי, וואָס האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט דעם הויפּט-וואַרשטאַט, ווו די מאַנאַכן פון מאָנסעראַט האָבן געאַרבעט. פון די צוויי-הונדערט איינוווינער אין מאָנאַסטיר זענען העכער הונדערט געווען באַשעפטיקט אין דער דרוקעריי און אין פאַרלאַג. יעדע וואָך פלעגט דאָ דערשיינען אַ ניי בוך. דער מאָנסעראַט האָט געליפערט רעליגיעזע ליטעראַטור פאַר אַלע לענדער, ווו עס ווערט גערעדט שפּאַניש. די זעצעריי פאַרנעמט צוויי גרויסע זאַלן. איבער די קאַסטנס, ווו עס ליגן די העברעאישע אותיות, געפינט זיך אַן אויפשריפט: „לשון הקודש".

דריי דרוק-מאַשינען פון נייעסטן טיפּ, אַן איינבינדעריי און די ביוראָ פון פאַרלאַג. אויף די טישן ליגן אַרומגעבונדענע זייטלעך פון העברעאישן זאַץ. אין די דרוק-מאַשינען געפינען זיך די פאָרעמס פון דער נייער אילוסטרירטער ביבעל, וואָס האָט געהאַלטן אין געדרוקט ווערן; אַלץ איז געבליבן אין זעלבן צושטאַנד, ווי אין מאָמענט, ווען די מאַנאַכן זענען אַנטלאָפן.

מיר גייען שנעל דורך די זאַלן פון מוזיי, זוכנדיק די יידישע אָפּטיילונג. מיין קאָלעגע פון דער ענגלישער צייטונג ווייזט אויך נישט אַרויס קיין איבעריקן אינטערעס פאַר די עקספּאָנאַטן פון אַלגעמיינער אַרכעאָלאָגיע. די מומיע פון פאַר דריי טויזנט יאָר, וואָס דרימלט אויף אַ קאַטאַפאַלק, שאַצט ער אַלס זייער „יונגינקע". ער ווייזט אויך נישט אַרויס דעם מינדסטן אינטערעס פאַרן באַלזאַמירטן קראָקאָדיל, איבער וועלכן עס געפינט זיך אַן אויפשריפט אין צוויי שפּראַכן, אין לאַטיין און אין העברעאיש: „קראָקאָדילוס — לויתן".

די יידישע אָפּטיילונג הייבט זיך אָן מיט אַ גרויסער, פּלאַסטישער מאַפּע פון פּאַלעסטינע, וואָס פאַרנעמט אַ האַלבע וואַנט. אונטער גלאָז זענען דאָ צונויפגעזאַמלט אַ מאַסע יידישע אַנטיקן און אַרכעאָלאָגישע אָביעקטן, וואָס גרייכן כמעט משה רבינו'ס צייטן... סלאַיען ראָזע שטענגלעך פון געטלעכן מן און דערלעבן — ציגל, וואָס זענען אויסגעקנעטן געוואָרן דורך די יידן אין מצרים. פיל ערגער איז פון כראָנאָלאָגישן שטאַנדפּונקט געסדרט

די אַנטיקן־אָפּטיילונג. לעבן זעלטענע מנורות און אילומינירטע מגילות ליגן באַנאַלע ראש־השנהדיקע ווינטש־קאַרטן, וואָס אַזעלכע פאַרקויפט מען ביזן היינטיקן טאָג אויף די נאַלעוועקעס אין וואַרשע און אויפן „פּלעצל" אין פּאַריז. אויך קאָלירטע רעפּראָדוקציעס פון הירשענבערגס בילדער, אויסגעשניטענע פון האַמבורגער „איזראַעליטישן פאַמיליען־בלאַט". אָבער דער יידישער היסטאָריקער וואָלט דאָ אויך געפינען אַן אוצר פון אַלטע דאָקומענטן, העברעאישע חתימות פון יידישע שאַצמייסטערס אין שפּאַניען, אַ רייכע קאָלעקציע זילבערנע טעלערס, גאָלדענע בראָנזאָלעטן מיט אויסגעקריצטע פּסוקים פון תורה און פּאַרצייטישע צעראַמיק. אויף אַ סך טעלערס געפינען זיך אויפשריפטן אין יידיש: „גוט־וואָך!" „גוט־שבת!" „גוט־יאָר!"

לאַנג מוז איך מיין ענגלישן קאָלעגע אויפקלערן, צו וואָס עס ווערן באַנוצט די מוהל־מעסערס, וואָס געפינען זיך דאָ אין אַ רייכער קאָלעקציע אין די גלעזערנע סערוואַנטקעס. מיט דער דערלויבעניש פון מאָנאַך ווייז איך אים, ווי אַזוי מען טוט אָן תפילין אויפן קאָפּ און לאָז אים אויך הערן עטלעכע תקיעות און שברים־תרועות פון אַ גרויסן, געלן שופר.

אַ דאַנק מיינע ידיעות אין די ענינים פון יידישן ריטואַל בין איך שטאַרק נושא־חן אין די אויגן פון מאָנאַך, וועלכער דערנענטערט זיך צו מיר און פרעגט מיך, צי איך בין נישט אַמאָל אַ „העברעאָ"?

אין עטלעכע שווער־צונויפגעקלעפּטע העברעאישע זאַצן דערציילט ער מיר, אַז ער איז פּאַראַיאָרן אין אַפּריל געווען מיט אַ ספּעציעלער מיסיע אין ירושלים, ווו ער האָט ביייגעווינט אַ פּאָגראָם אויף יידן.

— צי איז שוין רויִק אין פּאַלעסטינאַ? — פרעגט דער מאָנאַך, אַ פּאַראינטערעסירטער, און גיט צו, אַז ווען ער האָט געוויילט אין ירושלימער קלויסטער, האָבן די שפּאַנישע בענעדיקטינער דאָרט אויסבאַהאַלטן עטלעכע יידישע משפחות.

ביים אַרויסגאַנג באַקוקן מיר דאָס אָנדענק־בוך פון מאָנסעראַט.

עטלעכע מאָל האָט זיך דאָ אין דעם בוך איינגעשריבן זיין מאַיעסטעט דער קעניג, אַלפאָנס דער 13־טער, וועמענס גאווהדיקער אונטער־שריפט צעלייגט זיך איבער אַ גאַנצער זייט פון גאַנצן אַלבאָם. לעבן דעם פראַנצויזישן גרויסן פּאָעט פּויל וואַלערי, וועלכער וויד. מעט די מאָנאַכן עטלעכע באַגייסטערטע פערזן, זעט זיך דער אונ־טערשריפט פון אַלעקסאַנדער קערענסקי מיט דער דאַטע פון 9־טן מאַי 1933.

אַלע נאָטיץ־ביכלעך ווערן מיטאַמאָל געעפנט, ווען איינער פון אונזער זשורנאַליסטן־גרופּע דערזעט פּלוצלינג דעם אונטער־שריפט פון קאַלוואָ סאָטעלאָ. דערדאָזיקער נאָמען ווערט שטענ־דיק פאַרבינדן מיטן אויסברוך פון בירגער־קריג אין שפּאַניען. קאַלוואָ סאָטעלאָ, דער קעניגלעכער מיניסטער, איז געווען דער ערשטער קאַנדידאַט אויפן קומענדיקן שפּאַנישן דיקטאַטאָר. ער האָט צוגעגרייט דעם מיליטערישן אויפשטאַנד און פראַנקאָ האָט בלויז אויס נויט פאַרנומען זיין אָרט. סאָטעלאָ איז אומגעקומען בעת אַן אַטענטאַט אין מאַדריד עטלעכע טעג פאַרן 19־טן יולי. דאָס איז געווען אַן ענטפער אויפן מאָרד, וואָס איז דורך די פאַ־שיסטן אויסגעפירט געוואָרן אויף אַ הויכן רעפּובליקאַנישן אָפיציר.

סאָטעלאָ האָט זיך נישט בלויז פאַרשריבן אין אָנדענק־בוך פון מאָנסעראַט, נאָר האָט אויך איבערגעלאָזט דאָ זיין פּאָליטישן קרעדאָ.

אַ סענסאַציע!

די פאָטאָגראַפישע אַפּאַראַטן פאַראייביקן די זייט פון קאַל־וואָ סאָטעלאָס אומבאַקאַנטער סענטענץ:

„אין אָנבליק פון דער מעכטיקייט פון מאָנסעראַט —
די טיפע פאַרערונג פון אַ קריסט און אַ פּאַטריאָט,
וועמענס ליפּן עס פּליסטערן אָן אויפהער: איך
גלייב אין גאָט און האָב ליב שפּאַניען.
כאָזע קאַלוואָ סאָטעלאָ
(פינאַנץ־מיניסטער)
16־טער מאַי 1928".

* *
*

די אש-פארביקע פעלזן פון מאנסעראט גליען אין דער רוי-טער אוונטיקער שקיעה. מיר גייען דורך די ציפרעס-אלעען פון קלויסטער-פארק און קוקן אראפ אונטן, אויפן גרינעם טאל, צו-פוסנס דעם פעלזיקן בארג. די נאכט פאלט שנעל צו. די שטיל-קייט רוישט אין די אויערן. עס הערט זיך בלויז דער געפלאטער פון א פאן. דאס איז א ווייסע פאן מיט א רויטן קרייץ, פאר-שטעקט איבער דעם טויער פון האטעל, וואס איז פארביטן גע-ווארן אין א שפיטאל פאר פארוואונדעטע מיליציאנערן. אומעטום, אפילו צווישן די נאקעטע פעלזן פון מאנסעראט, אומעטום פאר-פאלגט דאס געשפענסט פון קריג, וואס גייט דא אן אויף דערדא-זיקער ערד.

קאלעקטיווירטע פאבריקן

בארג-אראפ פון מאנסעראט יאגן מיר אן א לויה. הינטערן קאראוואן גייט נאך א גרופע מיליציאנערן, טייל מיט פארגיפסטע הענט, אנדערע ווידער הינקענדיק אויף קוליעס און מיט פארבאנ-דאזשירטע קעפ. דער קאראוואן באוועגט זיך לאנגזאם און די פערדישע קאפיטעס פויקן טרויעריק אין גלאנציקן אספאלט.

דער קאראוואן פארקירעוועט זיך אויף רעכטס און אונזער אויטא, וואס האט א לענגערע ווײלע לאנגזאם זיך נאכגעגליטשט נאך דער לויה, האט מיטאמאל ווילד זיך א טראג געטון איבערן שאסיי.

מיר פארן דורך דעם רייכסטן טייל פון קאטאלאניען, וואס איז געבענטשט מיט א סך וויינגערטנער און וויין-קעלערן. דאס-דאזיקע שטיק לאנד איז פון די נאענטע אראגאן-פראנטן געשיצט מיט א נאטירלעכער פעסטונג — מיט א ריזיקער בערג-קייט. גלייך

אין די ערשטע טעג נאָכן דערשטיקן דעם פאַשיסטישן אויפשטאַנד אין קאַטאַלאָניען, איז דאָ מיט אַ פיבערהאַפטן טעמפּאָ דורכגעפירט געוואָרן די סאָציאַליזירונג און די קאָלעקטיוויזאַציע. דידאָזיקע ראַדיקאַלע רעפאָרמען, וואָס זענען דורכגעזעצט געוואָרן דורך די אַנאַרכיסטישע סינדיקאַטן, האָבן זייער דערפאָלג געהאַט צו פאַרדאַנקען דעם פון פריִער שוין צוגעגרייטן באָדן. אין אָט דער געגנט האָט שוין פון לאַנג געהאַט געבליט אַ פאַרצווייגטע קאָאָפּעראַטיווע באַוועגונג, און דער איבערגאַנג צו דער קאָלעקטיוויזאַציע איז דעריבער נישט געווען קיין פלוצלינגדיקער איבערבּרוך.

עס האָבן דאָ עקזיסטירט מוסטערהאַפטע קאָאָפּעראַטיוון פון וויין־קולטיווירער, וויין־פּרעסערייען און אפילו קאָאָפּעראַטיוון פון פאַרמיטלער, וועלכע פלעגן ביי די פּויערים אויפקויפן די טרויבן און זיי צושטעלן צו די וויין־פאַבריקן און באַזונדערס פאַר שפּאַניעס גרעסטער שאַמפּאַניער־פאַבריק „קאָדאָרניו‟, וווהין מיר פאָרן טאַקע איצט.

די אַנאַרכיסטישע טרוימער, באַרוישטע פונם דערפאָלג, וואָס די קאָלעקטיוויזאַציע האָט געהאַט צווישן די קאָאָפּעראַטיסטן, האָבן זיך פאַרגאַלאָפּירט אַזש אַזוי ווייט, אַז זיי האָבן אָנגעהויבן קאָלעקטיוויזירן די פּיצינקע ערד־שטיקלעך פון די לוין־אַרבעטער, די באַשעפּטיקטע אין די סאָציאַליזירטע גרויסע פּריצ׳ישע גיטער. דאָס האָט אָנגעהויבן אַרויסרופן די ערשטע אומצופרידנקייט ביי די אָרימע פּויעריב און אויף דעם באָדן האָט זיך אָנגעהויבן אַ שטאַרקער שטרייט צווישן די אַנאַרכיסטן און די איבעריקע פּאַרטייען, וועלכע האָבן זיך אַנטקעגנגעשטעלט אָט דערדאָזיקער אומגעלומפּערטער פאָרם פון אינטעגראַלער קאָלעקטיוויזאַציע.

אין אינדוסטרי־שטעטל מאַרטאָרעל באַזוכן מיר אַ גרויסן קאָלעקטיוויזירטן וויין־פּרעס, וואָס האָט נאָך פאַר דער רעוואָלוציע געאַרבעט אַלס קאָאָפּעראַטיוו. דער פאַרוואַלטער ווייזט אונז די ריזיקע ציסטערנ־ס, וואָס זענען פול מיט פליסיקייט, און דערקלערט אונז דעם קאָמפּליצירטן מעכאַניזם פון דער וויין־דיסטילע־

ריי. פון די גלעזערנע פראָבע-רערלעך גיט מען אונז צו פאַרזוכן די פאַרשידענע ווייַנען און ליקערן, וואָס ווערן אין דער פאַבריק אויסגעאַרבעט. נאָכן באַקענען זיך מיטן פאַבריקס-מעכאַניזם פרעגן מיר אויך אויס וועגן דעם אַדמיניסטראַטיוון מעכאַניזם פון קאָלעקטיוו.

— ביי אונז האָט זיך אייגנטלעך ווייניק וואָס געענדערט, — זאָגט אונז דער פאַרוואַלטער — מיר זענען פאַרבליבן די זעלבע צאָל מיטגלידער פון קאָאָפּעראַטיוו, וואָס האָט איצט פיל גרעסערע אַנטוויקלונגס-מעגלעכקייטן, אַ דאַנק די קרעדיטן, וואָס מיר באַקומען פון דער מלוכה-באַנק. אַמאָל האָבן מיר געהאַט צו טון מיט פיל צענדליקער אויפקויפער פון ווייַנטרויבן, אָדער מיט די פויערים גופא, וואָס פלעגן אונז אַליין צושטעלן די פרוכט. איצט איז אונזער צושטעלער דער אַגריקולטור-סינדיקאַט, וועלכער האָט אָפּגעשאַפט די קאָנקורענץ און פאַראייַנהייטלעכט די פרייזן. מיר האָבן אויך צו טון מיט איין אָפּנעמער. דאָר איז דער לאָקאַלער ווירטשאַפטלעכער ראַט, וואָס באַקומט זייַנע באַשטעלונגען פון אַפּראָוויזאַציע-מיניסטעריום, פון דער אַרמיי און פון די עקספּאָרט-אינסטיטוציעס.

— ווי איז איצט ביי אייך דער צושטאַנד פון דער פּראָדוקציע ? האָבן די קריגס-געשעענישן נישט פאַרקלענערט דעם אָפּזאַץ ?

— פאַרקערט, דער אומזאַץ איז איצט גרעסער. די אַרמיי נעמט פיל ווייַן און אויך די באַפעלקערונג גופא האָט איצט מער מעגלעכקייטן צו קאָנסומירן. די פאַבריקן אַרבעטן איצט אין דריי שיכטן. נישטאָ קיין אַרבעטסלאָזע — דערקלערט אונז דער פאַרוואַלטער און פילט-אָן די גלעזלעך מיט אַ נייעם געטראַנק.

— טיילט איר זיך, ווי פריער, מיט דער ריינער הכנסה פון אייער קאָאָפּעראַטיוו ?

— דערווייל נישט. אונזער אַרבעטס-לוין איז לויט די פריערדיקע טאַריפן געהעכערט געוואָרן אויף פופצן פּראָצענט און דער עודף ווערט אָוועקגעלייגט אויף אונזער באַנק-קאָנטע און מיר

קאָנען עס פּאַרווענדן בלויז אויף נייטיקע אינוועסטיציעס. קיין שום דעציזיע איז נאָך דערוויילּ נישטאָ וועגן דעם.

— איז טאַקע אין אייער געגנט קאָלעקטיוויזירט געוואָרן די גאַנצע ערד?

— עס זענען סאָציאַליזירט געוואָרן די גרויסע גיטער, וועמענס אייגנטימער זענען אַנטלאָפן מיט די פּאַשיסטן. די גיטער ווידער, וועמעס באַלעבאַטים זענען באַקאַנט געווען אַלס רעפּובּליקאַנער, ווערן בלויז קאָנטראָלירט דורך אַן אַרבעטער-קאָמיטעט און די הכנסה ווערט אַוועקגעלייגט אין דער מלוכה-באַנק. עס זענען אויך געמאַכט געוואָרן פּרווון פון שאַפן קאָלעקטיוון צווישן די קליינע ערד-באַזיצער, אָבער נישט אין אַלע פאַלן האָט דאָס געבּרענגט נוטע רעזולטאַטן. איצט איז די קאָלעקטיוויזאַציע צווישן די קליינע ערד-אייגנטימער אינגאַנצן געוואָרן אָפּגעשטעלט. עס איז שוין אַפילו צו פאַרצייכענען פאַלן פון צוריק-אויפגעלעזטע קאָלעקטיוון. אָבער דאָס איז נאָר ביי ערד-אייגנטימער — שטרייכט אונזער אינפאָרמאַטאָר באַזונדערס אונטער די לעצטע ווערטער און דערקלערט אונז באַלד די סיבּה.

די קאָלעקטיוויזאַציע האָט געבּרענגט גוטע רעזולטאַטן אין דער אינדוסטרי, וואָס איז שוין טעכניש רייף צו קאָלעקטיווער ווירטשאַפט. אויפן לאַנד אָבער און ספּעציעל אין שפּאַניען, ווו די אַגריקולטור שטייט נאָך אויף זייער אַ פּרימיטיווער מדרגה, איז אוממעגלעך מיט איינמאָל די קליינע ערד-שטיקלעך צונויפצוגיסן אין קאָלעקטיוויזירטע שטחים. דערצו איז נייטיק אַ פולשטענדיקע מאַשיניזירונג פון דער ערד-אַרבעט, וואָס איז איצט, אין דער צייט פון קריג, אוממעגלעך צו רעאַליזירן.

— מיר, — אַקצענטירט אונזער אינפאָרמאַטאָר — מיר באַקעמפן דעם שטאַנדפּונקט פון מעכאַנישן קאָלעקטיוויזירן. מיר זענען פאַר דער קאָלעקטיוויזאַציע נאָר דאַן, ווען דאָס ברענגט נוצן די פאַראינטערעסירטע. דער מענטש איז נישט פאַר דער אידעע, נאָר די אידעע פאַרן מענטש — פאַרענדיקט ער מיט אַ פילאָזאָפישער סענטענץ.

נאָך אָט דער דעקלאַראַציע ווילן מיר וויסן, צו וועלכער פּאַרטיי ער געהער און בכלל וועגן די פּאָליטישע איינפלוסן אויפן דאָרף.

אַלזאָ, אונזער אינפאָרמאַטאָר געהער צו די „ראַבאַסאירעס". דאָס איז די פּאַרטיי פון פּרעזידענט קאַמפּאַניס, וואָס גרופּירט אַרום זיך די קליינע ערד-באַזיצער און בכלל אַ לינק-רעפּובליקאַנישן עלעמענט. אין אָרטיקן עקאָנאָמישן ראַט פאַרטרעט ער טאַקע דיזאָזיקע פּאַרטיי.

די ערד-אַרבעטער שטייען אין גרעסטן טייל אונטערן איינפלוס פון די אַנאַרכיסטישע סינדיקאַטן, אָבער דער אַנאַרכיסטישער איינפלוס איז שוין נישט מער קיין שטייגנדיקער. אַ שטייגנדיקע טענדענץ איז גיכער צו מערקן ביי די סינדיקאַטן פון דער „פּאַראייניקטער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי", וואָס באַקעמפט די אינטעגראַלע קאָלעקטיוויזאַציע.

אין דעם זעלבן שטעטל באַזוכן מיר עטלעכע מעטאַלורגישע פאַבריקן, וואָס אָנשטאָט אַקעראייזנס אַרבעטן זיי איצט אויס האַנטגראַנאַטן. עס ווערט געאַרבעט אין דריי שיכטן. שבת נאָכמיטאָג און זונטיק אַרבעט אַ ספּעציעלער עקיפּ פון פרייוויליקע, וועלכע באַשטייערן זיך אַזויאַרום פאַר דער אַרמיי.

מיר פאָרן דורך דערפער. אין די שאָטנדיקע קרעטשמעס זעט מען שוין נישט קיין יונגוואַרג, ווי מיט עטלעכע חדשים צוריק. אַלע זענען אין דער אַרמיי. אויף די ווענט הענגען אומבאַרירט די לעדערנע וויין-לאָגלען. דאָס אַריינשפּריצן זיך דעם וויין אין האַלז אַריין איז אַ מין קונסט און דאָס יונגוואַרג פלעגט תמיד זיך וועלן איבעריאָגן אין דער גרייס פון וויין-בויגן, פונם לאָגל ביזן מויל. מיר פּרוּוון אויך אַ טרונק טון פון די לאָגלען, אָבער מיר באַשפּריצן זיך די פּנימער און די אַלטע פּויערים מיט די שוואַרצע טיכלעך אויף די קעפּ צעלאַכן זיך און ווייזן אונז, ווי אַזוי מען טרינקט פון לאָגל.

מיר קומען אָן קיין סאַן-סאַדורני, וואָס ליגט הויך אין די בערג. אין 16-טן יאָרהונדערט, אומגעפער אין די זעלבע יאָרן,

ווען לאַיאָלאַ האָט אויפן מאָנסעראַט פאַרלייגט דעם יעזואיטן־אָרדן, האָט יאָזעף ראַווענטאָס אויפן קעגנאיבער־ליגנדיקן באַרג פאַרלייגט די שאַמפּאַניער־פאַבריק „קאָדאָרניו״. עס איז נאָך דאָ פאַרבליבן דאָס ערשטע וויין־קעלערל מיט דעם פאַ־צייטישן הילצערנעם פּרעס. אין די נישעס זענען מיט רויטע נר־תּמידס באַלויכטן די באַרעליעפן פון די משפּחה־מיטגלידער, וואָס האָבן במשך פון יאָרהונדערטער אויסגעברייטערט די פאַבריק. די נייע באַלעבאַטים האָבן דידאָזיקע נר־תּמידס נישט אויסגעלאָשן. מיר האָבן דאָ אייגנטלעך אָנגעטראָפן די שטימונג, וואָס מיר האָבן געגלייבט צו טרעפן אויפן מאָנסעראַט. נישט נאָר דאָס אַלטע קעלערל, נאָר אפילו די נייע אונטערערדישע געוועלבונגען זענען געבויט אין אַ קירכלעכער גאָטיק.

אויף צוועלף קילאָמעטער ציִען זיך די קעלערס פון דער שאַמפּאַניער־פאַבריק. אין לאַגער געפינען זיך תּמיד פון צען ביז פופצן מיליאָן פלעשער. דער פּראָצעס פון דער שאַמפּאַניזירונג דויערט גאַנצע פינף יאָר. במשך פון די פינף יאָר ווערן די שאַמפּאַניער־פלעשער צען מאָל איבערטראַנספּאָרטירט אין צען קעלערן מיט אַ פאַרשידענער טעמפּעראַטור. די זיך־קרייצנדיקע קאָרידאָרן זענען ווי גאַסן באַצייכנט מיט נעמען פון קריסטלעכע הייליקע און די משפּחה־מיטגלידער פון די געוועזענע אייגנטימער. פיל פון די גאַסן האָבן שוין אָבער לעצטנס באַקומען די נעמען פון די פאַבריקס־אַרבעטער, וואָס זענען געפאַלן אויף די פראָנטן. ביי די ווענט זענען אויפגעטורעמט די פלעשער־בלאָקן און אינמיטן צירקולירט אַן עלעקטרישע קאָלייקע, וואָס טראַנספּאָרטירט איבער די פלעשער צוויי מאָל אין יאָר.

דער הויפּט־פאַרקויף פון דער קאָדאָרניו־פּראָדוקציע איז תּמיד געווען אין שפּאַניען גופא. בלויז אַ קליינער פּראָצענט פלעגט עקספּאָרטירט ווערן קיין אַרגענטינע און קיין ענגלאַנד. איצט איז צוגעקומען נאָך אַ באַדייטנדער אָפּנעמער: סאָוויעט־רוסלאַנד.

עטלעכע טעג פאַרן אויפשטאַנד פון 19־טן יולי זענען די

אייגנטימער פון קאדארניו אנטלאפן קיין איטאליען, און נאך צוויי טעג איבעררייס, אלזא דעם 21־סטן יולי, האט שוין די פאבריק ווייטער געארבעט נארמאל.

איינער פון די קאדארניו־אייגנטימער איז דאס דער באריממ־טער אינזשיניער כואן דע לא סיערוואַ, דער דערפינדער פון „אויטאזשירא", פון דער ווערטיקאל־לאנדענדע עראפלאנען. לא סיערוואַ איז דער געוועזענער אוויאציע־שעף פון גענעראל פראנ־קא און ער איז מיט א קורצער צייט צוריק אומגעקומען ביי א לופט־קאטאסטראפע.

דער קאמיטעט־פארשטייער, וועלכער באווייזט אונז די איינ־ריכטונגען, דערציילט אונז דידאזיקע געשיכטע וועגן דערפינדער פון „אויטאזשירא", כדי אונז איבערצייגן, אז די באלעבאטים פון דער שאמפאניער־פאבריק זענען פאשיסטן און אפילו אקטיווע אנטיילנעמער אינם אויפשטאנד.

ווען מיר פרעגן דעם קאמיטעט־פארשטייער, צי די פראָ־דוקציע אין דער פאבריק האט זיך פארשטארקט

קוקט ער אונז אן ווי פארוואונדערט, און זאגט:

— די ארבעטער האבן איצט אלע דעם באוווסטזיין, אז זיי ארבעטן פאר זייערע קעמפנדיקע חברים, וועלכע קאנען אין די אקאפעס זיך דערווארעמען מיט א ביסל שאמפאניער. א חוץ דעם איז שאמפאניער איצט דאס בעסטע עקספארט־ארטיקל אין שפא־ניען. פאר שאמפאניער באקומט מען וואלוטע און פאר וואלוטע באקומט מען געווער. די ארבעטער האבן דעם באוווסטזיין, אז זיי ארבעטן גאר דא אויס מיטראליעזן, הארמאטן און עראָ־פלאנען...

מיר גייען דורך די קעלערס און אונטערן איינדרוק פון די לעצטע אויספירונגען פונם קאמיטעט־פארשטייער זע איך שוין מער נישט קיין פלעשער שאמפאניער. די אויפגעטורעמטע בוטלעס פאר־וואנדלען זיך פאר מיר אין בלאקן מיט האנט־גראנאטן. ביי א ווינקל, לעבן א קליין טישעלע, ציט אונזער באגלייטער ארויס אזא

פלאַש. עס גיט אַ הילך און אין די קרישטאָלענע בעכערס עקס-פלאָדירט ווייסער שוים — שאַמפּאַניער.

מיר האָבן איבערגענעכטיקט אין דער לוקסוס-ווילע פון קאַ-דאַרניו-אייגנטימער און לאַנג נישט געקאָנט איינשלאָפן אין די ברייטע פאַמיליען-בעטן מיט דעם פעכלדיקן זיידענעם איבערצוג. אין באַגינען האָבן מיר ווייטער זיך געלאָזט אין וועג אַריין — קיין סאַבאַדעל.

* *

*

דער אַספאַלטירטער שאָסיי גלאַנצט אין דער גליִענדיקער נאָוועמבער-זון. אויף די בערג-רוקנס גאָלדיקן זיך די האַרבסטיקע קוסטעס פון די אָפּגעלײדיקטע וויינטרויבן און אונטן, אין טאָל, איבער די אויסגעשטרעקטע קוימען-העלזער וויקלען זיך פיאָלעטע רויך-וואָלקנס. סאַבאַדעל אַרבעט מיטן פולן דאַמף. מיר דערנענ-טערן זיך צום שפּאַנישן מאַנטשעסטער, צום שפּאַנישן לאָדזש.

שוין אין אַכטן יאָרהונדערט האָבן דאָ געקלאַפּט צענדלי-קער וועב-שטולן און אין צוועלפטן יאָרהונדערט האָט אַ קעניג-לעכער דעקרעט באַפוילן די אָפּיצירן און באַאַמטע זייערע קליי-דער צו מאַכן אויסשליסלעך פון סאַבאַדעלער פּראָדוקציע און נישט פון די אימפּאָרטירטע אינדישע שטאָפן.

דעם 8-טן מאַי 1853 איז סאַבאַדעל געווען די צווייטע שטאָט אין שפּאַניען און די פערטע אין אייראָפּע, וואָס האָט אָנ-געצונדן גאַז-לאָמפּן. טעלעגראַף און טעלעפאָן איז דאָ אינסטאַ-לירט געוואָרן פריער ווי אין בערלין.

ביזן 19-טן יולי 1936 האָבן די עלעגאַנטסטע און טייערסטע פּאַריזער שניידער, ווי: לאַרסען, וואָרזען און פּאָרטעס, די שטאָם-שניידער פון די גרעסטע וועלט-דענדיס, געקויפט שטאָפן אין סאַ-באַדעל. איצט אַרבעט סאַבאַדעל פאַר די אַרמיי, פאַר די פשוטע זעלנער, פאַר די אָרעמע פּויערים פון עקסטרעמאַדור.

מיר פאָרפאָרן צום שטאָטראַט, וואָס שטייט אין שאָטן פון

ריזיקע פאלמען-ביימער. דער שטאט-ראט האט א חוץ די ביז-איצ-טיקע מוניציפאל-רעסארטן באקומען א נייעם, אפשר דעם וויכ-טיקסטן רעסארט — די ליטונג פון דער ארטיקער קאלעקטיוויזיר-טער, אדער קאנטראלירטער אינדוסטרי. דא טאקע דארפן מיר באקומען די דערלויבעניש צו באזוכן די פאבריקן, וואס געהערן איצט צו דער קריגס-אינדוסטרי.

דער מער פון סאבאדעל איז א געוועזענער טעקסטיל-אר-בעטער. ער איז דער גענעראל-סעקרעטאר פון ארטיקן סינדיקאט, וואס באלאנגט צו דער פאראייניקטער סאציאליסטישער פארטיי, און די ליטונג פון דער אינדוסטרי געפינט זיך טאקע אין די הענט פון דעם ארבעטער מיטן מאדנעם נאמען מ א י ש.

איך האב לאנג געפילט די פעסטע האנט פון דעם הויכגע-וואקסיקן ארבעטער אין דער געקראטעטער בלוזע. ער איז גע-שטאנען הינטער דעם לוקסוסארטיקן ביורא-טיש, דעם פארלייגטן מיט אקטן און, נישט אפלאזנדיק מיין האנט, לאנג מיך אויסגע-פרעגט וועגן לאדוש.

אין פאלאץ פון אמאליקן פארבאנד פון די סאבאדעלער אינ-דוסטריעלער געפינט זיך איצט די האנדלס-ליטונג פון די קאלעק-טיוויזירטע פאבריקן און דער סעקרעטאריאט פון אלגעמיינעם אר-בעטער-קאנטראל-קאמיטעט.

דא באקומען מיר די איינלייטנדע אינפארמאציעס וועגן דעם מעכאניזם פון דער קאלעקטיוויזירונג.

דער קליענט איז איצט די ארמיי און דער פארקויפער — דער פאבריקס-קאמיטעט.

די פרייזן זענען רעגולירט דורכן העכסטן עקאנאמישן ראט, אין וועלכן ס'זענען אויך פארהאן פארטרעטער פון די ארבעטער-קאמיטעטן פון אלע אינדוסטרי-צווייגן. דער עקאנאמישער ראט איז גלייכצייטיק דער צושטעלער פון רוי-שטאפן פאר די פאבריקן. אין פיל פאלן גיט די ארמיי אליין דעם רוי-שטאף און צאלט בלויז ארבעטס-לוין.

אפיציעל איז פעסטגעשטעלט א פערציק-שעהדיקע ארבעטס-

וואָך, אָבער ווען עס איז נייטיק, אַרבעט מען אויך פיל מער און אפילו זונטיק, וואָס איז דער אָפיציעלער אָפרו-טאָג. אין די פאַבריקן, אין וועלכע עס ווערט נישט געאַרבעט צוליבן מאַנגל אין געוויסע רוי-שטאָפן, באַקומען די אַרבעטער נאָרמאַל געצאָלט זייער געהאַלט, אפילו מיט דער 15-פּראָצענטיקער העכערונג, וואָס איז לעצטנס דעקרעטירט געוואָרן. די פרויען פון צווישן דידאָ-זיקע אַרבעטסלאָזע שטרייקן פאַרשידענע נייטיקע זאַכן פאַר דער אַרמיי און די מענער פירן אויס אַנדערע צייטווייליקע אַרבעטן.

— אַלע מוזן עסן! — דאָס איז אונזער פּרינציפּ און מיר האָבן דעם פּרינציפּ רעאַליזירט — דערקלערט אונז דער פאָרזי-צער פון אָרטיקן אַרבעטער-קאָמיטעט. — דער דורכשניטלעכער לוין אין דער טעקסטיל-אינדוסטרי איז פאַר מענער — 80 פּעזע-טאַס וועכנטלעך (60 גילדן) און פאַר פרויען — 45.

דאָס פּראָבלעם פון רוי-שטאָפן איז טאַקע זייער אָנגעווי-טיקט פאַר דער שפּאַנישער טעקסטיל-אינדוסטרי און קאָן ברענגען צו אַ שווערן קריזיס, אויב דער בירגער-קריג זאָל זיך פאַרציִען נאָך אויף לאַנגע חדשים. ביז איצט פלעגט אַן ערך 30 פּראָצענט פון רוי-שטאָפן אימפּאָרטירט ווערן פון אויסלאַנד: ביינוול און שמאַטעס. איצטער אָבער איז דער אימפּאָרט אָפּגעשטעלט גע-וואָרן צוליבן מאַנגל אין דעוויזן, וואָס ווערן נאַטירלעך פאַר-ברויכט אויף איינקויפן אַרטיקלען פון ערשטן געברויך...

— זאָגט אונזערע פריינט אין אויסלאַנד, אַז זיי זאָלן אונז שיקן אַ ביסל שמאַטעס — זאָגט צו אונז שמייכלענדיק איינער פון די קאָמיטעט-מיטגלידער.

פאַרן באַזוכן די פאַבריקן ראַטן אונז אונזערע פירער אַ בליק צו טון אין אָרטיקן מוזיי און אין דער טעקסטיל-שולע, כדי

אויף אַזאַ אופן צו זען די אַנטוויקלונגס־ליניע פון דער סאַבאַדע־לער אינדוסטרי.

די מוזיי־זאַמלונג, וואָס באַלאַנגט דירעקט צו דער אַלטער טעקסטיל־אינדוסטרי אין סאַבאַדעל, נעמט אַרום אַ סעריע מעשע־נע סטעמפּלען פון 14־טן יאָרהונדערט מיט אומגעהייערע קאָמפּלי־צירטע מוסטערן פאַר וועליור־אויסאַרבעטונגען. ס׳איז דאָ אויפגע־היטן געוואָרן אַ וועבער־שטול פון 9־טן יאָרהונדערט און עטלעכע שפּין־רעדלעך, וואָס דערמאָנען אין די לעגענדעס וועגן כישופ־מאַכערינס. אַ גאַנצע שאַנק פאַרנעמען די שטאָף־מוסטערן פון 12־טן יאָרהונדערט ביז די לעצטע צייטן. די עלטסטע מוסטערן פאַרמאָגן דווקא קאָמפּליצירטע דעסענס און די שטאָפן זענען אין די סאַמע העלסטע פאַרבן.

פון אָט דידאָזיקע מיטלאַלטערלעכע איבערבלייבענישן פאַלן מיר פּלוצלינג אַריין אין דער ליכטיקער, ריזיקער געביידע פון דער טעקסטיל־שולע, ווו עס שטייען די נייעסטע מאַשינען.

אויף איינער פון די מעכאַנישע וועב־שטולן באַמערק איך אַ נאַר־וואָס פאַרענדיקטן פּאָרטרעט פון געוועזענעם שפּאַנישן מלוכה־פּרעזידענט אַלקאַלאַ זאַמאָראַ, וועלכער געפינט זיך איצט אין דער עמיגראַציע אין פּאַריז.

דער לייטער פון דער טעקסטיל־שולע פילט זיך שטאַרק אומ־באַקוועם פון דערדאָזיקער „אַנטדעקונג" מיינער און איז זיך מודה, אַז ביזן היינטיקן טאָג לערנען די שילער אַליין זיך די קונסט פון וועבן אויפן פּאָרטרעט פון געוועזענעם פּרעזידענט. אָבער דאָס איז נישט זיין שולד, וואָס מ׳גיט זיי נישט קיין מאָדעל פון נייעם פּרעזידענט אַזאַניאַ, ווייל מאַכן אַזאַ מאָדעל איז נישט פון די לייכ־טע זאַכן און דאַרף קאָסטן אַ היפּשע סומע, וואָס דער קאָמיטעט טראַכט גאָרנישט צו אַסיגנירן אין דער איצטיקער צייט. נאָך די־דאָזיקע ווערטער האָט דער שול־לייטער דעם נאָכהענגענדיקן פּאָר־טרעט איבערגעדרייט אויף דער לינקער זייט, אַז מיר זאָלן זיך מער צו אים נישט צוקוקן...

פון די אַלטע פאַבריקס־געביידעס איז אין דער מיטאַלטער־

לעכער טעקסטיל־שטאָט נישט פֿאַרבליבן קיין זכר און די ניי־אויפֿגעבויטע, אפֿילו די פֿון צענדליקער יאָרן צוריק, באַשטייען הויפּטזעכלעך פֿון לאַנגע פּאַרטער־געביידעס מיט גלעזערנע דעכער. נישטאָ די רויט־ציגלדיקע נאַקעטקייט און די שטיקנדיקע ענגקייט פֿון די פֿאַבריקס־געביידעס אין רובע, למשל, אָדער אין לאָדזש. די פֿאַבריקס־ווענט זענען דאָ ווייס־געקאַלכט און טראָגן דער שטאַרקער זון איז אין די פֿאַבריקס־הייף און אפֿילו אין די מאַשינען־האַלעס זייער לופֿטיק. באַזונדערס ווערן מיר אויפֿמערקזאַם אויף דער זעלטענער זויבערקייט, וואָס הערשט דאָ אין יעדן ווינקל. די פֿאַבריקן געפֿינען זיך דאָ הויפּטזעכלעך אויף די גרענעצן פֿון דער אין טאָל־ליגנדיקער שטאָט, וואָס איז אַרומגערינגלט מיט פּאַלמען און איילבירט־וועלדלעך.

אין סאַבאַדעל מיט אירע אַכציק טויזנט איינוווינער זענען העכער פֿערציק טויזנט באַשעפֿטיקט אין דער טעקסטיל־אינדוסטרי. נישטאָ דאָ קיין טיפּישע אַרבעטס־הייזלעך. די אַרבעטער וווינען אין בירגערלעכע וווינונגען צו דריי און פֿיר צימערן.

צוקוקנדיק זיך צו די אַרבעטס־באַדינגונגען פֿון דער שפּאַנישער טעקסטיל־אינדוסטרי, איז פֿאַר מיר אויפֿגעשוווּמען דאָס בילד פֿון די ייִדישע וועבער אויפֿן לאָדזשער ב אַ ל ו ט, וווּ די וועב־שטול שטייט האַרט לעבן בעט און די קינדער ליגן אין רינשטאָק פֿאַר די פֿענסטערלעך, וואָס גרייכן צו דער ערד.

אָבער צי בלייבן שוין די שפּאַנישע אַרבעטער ביי זייערע דעראָבערונגען.

העכער דריי טויזנט מיליציאָנערן זענען פֿון די סאַבאַדעלער טעקסטיל־פֿאַבריקן אַוועקגעשיקט געוואָרן אויף די פֿראָנטן. יעדע פֿאַבריק האַלט אויס איר גרופּע פֿרייוויליקע און זייערע פֿרויען באַקומען דעם נאָרמאַלן וואָכן־געהאַלט. סאַבאַדעל אַרבעט נישט בלויז פֿאַר דער אַרמיי, נאָר קעמפֿט אויך מיט אויף די פֿראָנטן.

די סאַבאַדעלער פֿאַבריקן, וואָס האָבן שטענדיק געאַרבעט די העלסטע און פֿאַרשידנפֿאַרביקסטע שטאָפֿן פֿאַר די עלעגאַנטסטע

מ׳ראַטעוועט קונסט־ווערק פון פאַרניכטונג. אין די שטעטלעך נאָענט פון די פראָנטן, ראַטעווען מיליציאָנערן רעליגיעזע קונסט־ווערק פון די באַזראַטע קירכעס און קלויסטערס.

פאַריזער שניידער — פּראָדוצירן איצט בלויז געלע מונדיר־שטאָפן פאַר דער אַרמיי.

אין די פרייע ווינקלען פון די פאַבריק־האַלעס אַרבעטן פרויען. טייל נייען מונדירן און די איבעריקע שטריקן אין דער האַנט פאַרשידענע זאַכן פאַר דער אַרמיי — סוועטערס, שאַליקעס, זאָקן און היטלען — אַלץ אין געלער פאַרב.

די פאַרשטייער פון די פאַבריקס־קאָמיטעטן שטרייכן אונטער מיט שטאָלץ די פּראָדוקציע־שטייגערונג פון זייערע קאָלעקטיוון און די אַבסאָלוטע אָרדענונג, וואָס הערשט ביי דער אַרבעט, טראָץ דעם, וואָס עס איז אָפּגעשאַפט געוואָרן דאָס בייזע אויג פון אויפזעער. יעדער אַרבעטער פילט זיך פאַרפליכטעט און דיסציפלינירט ביי זיין מאַשין.

— ווו זענען די אייגנטימער פון די קאָלעקטיוויזירטע פאַבריקן ? — פרעגן מיר אונזערע פירער.

— די, וואָס האָבן געהערט צו דער „פאַלאַנגאַ", זענען אַוועק מיט די פאַשיסטן, אָדער זענען „אָפּגעשיקט" געוואָרן אויף יענער וועלט... געבליבן זענען בלויז די, וועלכע האָבן נישט גע־טריבן קיין פּאָליטיק אָדער זיי האָבן געהערט צו דער רעפּובלי־קאַנישער פּאַרטיי. אויב איר ווילט, קאָנען מיר אייך צונויפפירן מיט אַזאַ אייגנטימער.

מיר שטייגן איין אין אונזער „היספּאַנאָ סואיזאַ" און נאָך אַ צען־מינוטיקער רייזע דורך אַ פּאַלמען־אַלעע פאַרהאַלט זיך דער אויטאָ פאַר אַ גאָלד־געליישטן אייזערנעם טויער מיט אַן עמאַלירט שילדל : „סאַלאַרדעס דעאו".

— דאָ וועט איר קאָנען רעדן מיטן אייגנטימער פון דער פאַבריק — זאָגט אונזער באַגלייטער, וועלכער דריקט שוין מיטן פינגער אויפן גלעקל.

דורך מאַרמאָר־טרעפּ קומען מיר אַריין אין אַ פּרעכטיקן האָל מיט פּילפאַרביקע וויטראַזשן, אין וועלכע עס שפּילן זיך די שטראַלן פון דער פאַרגייענדיקער זון. די ווענט זענען באַדעקט מיט פאַנטאַסטישע פרעסקן און דער סופיט מיט אַ רייכער שטו־

קאַטור. לענגאויס דעם האָל ליגן אין צוויי רייען אָנגעהויפּט פאַר־שידנפאַרביקע מאַנופאַקטור־שטיקער, וואָס לעבן אויף אונזערע בליקן נאָך דעם אייגטאָניקן געלס, וואָס מיר האָבן געזען אומעטום.

ווען איך וואָלט נישט געוווּסט, אַז דאָס איז שוין אַן אַל־טער פאַבריקס־לאָקאַל, וואָלט איך געגלייבט, אַז עפּעס אַ רעפאָרמירטע קירך איז דאָ פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ מאַנופאַק־טור־לאַגער.

עמעץ פון די אָנגעשטעלטע איז אַוועק רופן דעם געוועזענעם באַלעבאָס, וועלכער איז איצט פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַן אייגפאַכן אָנגעשטעלטן אין זיין אייגענער פאַבריק.

פאַר אונז דערשיינט אַן עלעגאַנט־געקליידעטער הער מיט גרוי־ווערנדע האָר און אַן אינטעליגענט געזיכט. ער האַלט זיך געניוג פריי און ער פרעגט אונז, מיט וואָס ער קאָן אונז דינען, אָבער נישט בלויז ביי מיר, נאָר ביי אַלע מיינע קאָלעגן פלאָנטערן זיך די צונגער און ערשט נאָך אַ לאַנגער ווייל פון אומקלאָרע גערעדערייען שטעלן מיר די פראַגע וועגן זיין איצטיקער ראָל אין דער פאַבריק.

— די פאַבריק ווערט קאָנטראָלירט דורך דעם אַרבעטער־קאָמיטעט. איך בין, ווי פריער, געשעפטלעכער לייטער און מיין ברודער דירעקטאָר. מיר זענען ביידע צוויי גלייכע יורשים פון דער פאַבריק, וואָס איז געגרינדעט געוואָרן דורך אונזער פאַר־שטאָרבענעם פאָטער. מיר אַרבעטן פונקט ווי פריִער און זאָרגן נישט ווייניקער פאַר דער פראָספּעריטעט פון דער אונטערנעמונג, הגם דער פאַרדינסט געהער שוין נישט צו אונז.

— איז די פאַבריק נישט קאָלעקטיוויזירט?

— ניין, ביי מיר...

ער כאַפּט זיך אָבער באַלד צוריק, פאַררויטלט זיך אַ ביסל פון דעם אומגעלונגענעם אויסדרוק און זעצט ווייטער פאַר:

— דאָ אַרבעטן בלויז זעקס און ניינציק מענטשן און דאָס געזעץ וועגן דער קאָלעקטיוויזאַציע נעמט אַרום בלויז פאַבריקן, וווּ ס'זענען באַשעפטיקט גאַנצע הונדערט אַרבעטער. די קאָלעק־

טיוויזירונג פון אַט דער פאַבריק איז דעריבער אָפּהענגיק איצט פון דער דעציזיע פון די אַרבעטער גופא. זיי קאָנען באַשליסן, צי זי זאָל קאָלעקטיוויזירט ווערן, אָדער זי זאָל ווייטער אַרבעטן אונ־טער דער קאָנטראָל.

נאָך דידאַזיקע ווערטער איז ער אַנטשוויגן געוואָרן און ס'האָט זיך געפילט אין זיי דער טיפער ווונטש און אַפילו אַ גלויבן, אַז די אַרבעטער וועלן נישט דווקא זיך איינשפאַרן, אַז די פאַבריק זאָל קאָלעקטיוויזירט ווערן, און אַ גרונד דערצו איז דאָך פאַראַן, עס פעלן דאָך גאַנצע פיר אַרבעטער צו די הונדערט...

פון פינאַנציעלן שטאַנדפּונקט איז דעם אייגנטימער אַלצאיינס די אָדער יענע פאָרם. דער אונטערשיד איז בלויז אין דעם, וואָס אין אַ קאָנטראָלירטער פאַבריק קאָן דער אייגנטימער אַרויסווייזן מער פּערזענלעכע איניציאַטיוו און דאָס פאַרשאַפט אים די אילו־זיע, אַז די פאַבריק איז נאָך זיין אייגנטום, בעת אין אַ קאָלעק טיוויזירטער פאַבריק קאָן דער אייגנטימער נישט אַרויסווייזן מער איניציאַטיוו, ווי אַלע אַנדערע אַרבעטער.

— וויפיל באַקומט איר פּענסיע ?

— טויזנט פּעזעטאַס מאָנאַטלעך. דאָס איז עפּעס מער ווי דער געהאַלט פון ערשטן פאַבריקס־אינזשיניער.

— און ווי זעט איצט אויס די געשעפטלעכע זייט פון דער פאַבריק ?

— אין איצטיקן מאָמענט — זאָגט דער באַלעבאָס — אַר־בעטן מיר אויסשליסלעך פאַרן מיליטער. אויף גוטע שטאָפן איז היינט אין לאַנד גופא פאַרהאַן ווייניק אָפּנעמער און פאַר מיינע אַלטע פּאַריזער קליענטן וועט אַט דער לאַגער, וואָס איר זעט דאָ, נאָך גענוג זיין אויף היפּשע עטלעכע חדשים.

— זענען אַ חוץ אייך נאָך געבליבן אַ סך פאַבריקאַנטן אין סאַבאַדעל ?

— נישט אַלע מאַנופאַקטור־פאַבריקאַנטן מוזן דאָך זיין פאַ־שיסטן — ענטפערט ער אַפ מיט אַן איינגעהאַלטענער עמפּערונג.

— איר האָט רעכט, — באַשטעטיק איך די באַהויפּטונג פון ה׳ סאָלאַרדעס — פרידריך ענגעלס איז אויך אַ געווען אַ זון פון אַ מאַנופאַקטור-פאַבריקאַנט און אפילו אַ געוויסע צייט געפירט זיין פאָטערס געשעפטן.

— איך ווייס, — כאַפּט זיך אָן דער ה׳ סאָלאַרדעס — אין אַרכיוו פון אונזער פאַרבאַנד איז אפילו פאַרהאַן אַ באַריכט וועגן אַ באַזוך פון פרידריך ענגעלסעס פאָטער אין סאַבאַדעל.

* *
*

אין דעמערונג שטייגט אונזער אויטאָ באַרג-אַרויף אויפן וועג צוריק קיין באַרצעלאָנאַ.

סאַבאַדעל, דער אַמאָליקער צענטער פון די עלעגאַנטסטע שטאָפן, אַרבעט איצט גראָבן מאַטעריאַל אויף זעלנערישע מונדירן. אויך די פאַבריק, וואָס האָט אויסגעאַרבעט דעם פּרעכטיקן אויטאָ, מיט וועלכן מיר פאָרן, פּראָדוצירט איצט שוין נישט מער דידאָזיקע לוקסוס-וואָגנס, נאָר ליפערט שווערע פאַנצער-אויטאָס, וואָס זענען געפאַרבט אויף דעם זעלבן כאַקי-קאָליר, וואָס די שטאָפן פון די סאַבאַדעלער פאַבריקן.

געל, געל, געל. אין די פאַבריקן און אויך אויף די האַרבסטיקע פעלדער, אומעטום פאַרפאָלגט די געלע פאַרב פון קריג

ביים פּרעזידענט פון קאַטאַלאָניען

אויף דער רייזע איבער די דערפער און די אינדוסטריע-שטעטלעך פון קאַטאַלאָניען האָבן מיר, פּונקט ווי אין איר הויפּטשטאָט, בולט געזען די שטרייטיקייטן פון די פּאַרטייען. מיר זענען אָבער אויפמערקזאַם געוואָרן אויף איין זאַך: אַלע, די רעפּובליקאַנער, די סאָציאַליסטן, די קאָמוניסטן און אפילו די עקסטרעמסטע אַנאַרכיסטן, אַלע האָבן מיט דער זעלבער פאַרהערלעכ-

כונג גערעדט וועגן לואי קאָמפּאַניס, וועגן דעם פּרעזידענט פון קאַטאַלאָניען. נישט קאַבאַליעראָ און נישט דער פּרעזידענט פון דער שפּאַנישער רעפּובליק, מאַנועל אַזאַניאַ, האָבן דערגרייכט צו אַזאַ פּאָפּולאַריטעט, ווי קאָמפּאַניס. און מיר האָבן עס געפילט קלאָר, אַז אין אַ מאָמענט פון געפאַר וועט די שטים פון אָט דעם פּאַר־הערלעכטן מענטש באַווייזן צו פאַראייניקן אַלעמען אונטער איין פאָן — אונטער דער פאָן פון דער רעפּובלק.

דעם 19־טן יולי, ווען די אויפשטענדיקע גענעראַלן האָבן אַרויסגעפירט די רעגימענטן אויף דער גאַס, האָט פּרעזידענט לואי קאָמפּאַניס פאַר די רעפּובליקאַנער, סאָציאַליסטן און אַנאַר־כיסטן געעפנט די אַמוניציע־סקלאַדעס און דאָס פאָלק האָט מיט געוועהר אין האַנט זיך פאַרטיידיקט און באַזיגט די אויפ־שטענדיקע.

די באַזיגטע פאַשיסטישע אָפיצירן זענען אָפּגעפירט געוואָרן אויף דער שווימענדיקער תפיסה „אורוגוויי", וווּ דער פּרעזידענט קאָמפּאַניס איז אין יאָר 1934 אָפּגעפירט געוואָרן דורך דער פּאָלי־ציי פון דיקטאַטאָר לערו.

דער פּאָפּולערסטער פּלאַקאַט אין באַרצעלאָנאַ איז נאָך ביז היינט צו טאָג דער, וואָס שטעלט פאָר דעם פּרעזידענט קאָמפּאַ־ניס הינטער די קראַטן. עס ציט אייער אויפמערקזאַמקייט דאָס אויסגעמאָגערטע, קראַנקהאַפטע געזיכט מיט די צעבליצטע אויגן, אָט אַזוי איז דאָס געזיכט פון פּרעזידענט קאָמפּאַניס פאַרבליבן. די שטערן־ווינקלען האָבן זיך בלויז נאָך מער פאַרטיפט אין די גרויע, לייכט־צעשויבערטע האָר.

דריי שעה האָבן מיר געוואַרט אין אויפנאַם־זאַל פון רעגי־רונגס־פּאַלאַץ און איבער דער צייט גענוי אויסשטודירט די פרעסקן, וואָס שטעלן פאָר אידילישע סצענעס פון פאַרצייטישע מלחמות, ווען דאָס הויפּט־געוועהר איז געווען די שפּיז.

די זיצונג פון מיניסטאָרן־ראַט פאַרציט זיך, און יעדע האַל־בע שעה דערשיינט דער סעקרעטאַר פון פּרעזידענט, וועלכער

דערקלערט אונז, אַז אָט־אָט, אין אַ ווײַלע אַרום, וועלן מיר שוין אויפגענומען.

אין אַ ווינקל פֿון זאַל אַנטדעקט מײַן קאָלעגע אַן אַלט בילד, וואָס שטעלט פֿאָר „די עקדה״. אברהם איז שוין גרייט צו שעכטן יצחקן און מיטאַמאָל באַווײַזט זיך דער מלאך מיט אַ שעפּסל. ווי פֿרידלעך, ווי רחמימדיק. אָבער דורך די באַמאָלענע ווענט דערגייט אַלעמאָל דער אָפּקלאַנג פֿון אַ הייסער דעבאַטע. דאָרט באַראַטן זיך די פֿירער פֿון לאַנד, דאָרט ווערט דיסקוטירט וועגן דעם גרויזאַמען קריג, וואָס גייט אָן אויף דערדאָזיקער ערד.

פֿון איין טיר צו דער צווייטער. פֿאַנטאַסטיש־אינקרוסטירטע מעבל־שטיקער. קרישטאָלענע זשיראַנדאָלן און טיפֿע פֿאָטעלן. אינם געפּלאָנטער פֿון די טירן פֿאַרליר איך שוין די אָריענטאַציע, אין וועלכער זײַט פֿון פּאַלאַץ מיר זענען. און אָט דערשײַנט פֿאַר אונז דער פּרעזידענט. מיר געפֿינען זיך אין אַ קליין צימער מיט אַ גרויסן ביוראָ־טיש. לעבן דעם גאָלדענעם טינטער מיט דער בלײַער שטרויס־פֿעדער ליגט אויף אַ געשטעלעכל אַן עראָפּלאַן־באָמבע פֿון דער באַרצעלאָנער אַמוניציע־פֿאַבריק.

— מיר זענען פֿון דער ייִדישער פּרעסע, — פּרוּוו איך אײַנלייטן דעם שמועס — דאָס ייִדנטום פֿון דער גאַנצער וועלט פֿאַרפֿאָלגט מיט אומרו דעם גורל פֿון רעפּובליקאַנישן שפּאַניען.

מיט טיפֿער גערירטקייט שטעקט דער פּרעזידענט קאָמפּאַניס אויס צו אונז זײַנע הענט:

— שיקט זיי איבער מײַן ברידערלעכסטן גרוס. איך ווייס עס און בין דערין טיף איבערצײַגט. איך ווייס, אַז פֿיל ייִדן, וואָס האָבן אין די לעצטע יאָרן אײַנגעוואַנדערט קיין שפּאַניען, און באַזונדערס דאָ אין קאַטאַלאָניען, האָבן צוזאַמען מיט די געטרײַעסטע בירגער גלײַך אין ערשטן טאָג זיך געמאָלדן צו דער פֿאַרטיידיקונג פֿון זייער נײַ־דערוואָרבן פֿאָטערלאַנד.

אָט דידאָזיקע ווערטער וועגן יידן האָב איך געהערט אין שפּאַניע אין יאָר 1937, אין דער צייט, ווען אין היטלער־דייטש־לאַנד און אין אַנדערע פיל גרעסערע יידישע צענטערס באַשול־דיקט מען אונז אין פאַרראַט און דעזערציע. איך האָב דידאָזיקע ווערטער געהערט אויסן מויל פון קאַטאַלאָניעס פּרעזידענט און אין די מויערן פון זעלבן פּאַלאַץ, וווּ מיט זעקסהונדערט יאָר צו־ריק זענען אַרויסגעגעבן געוואָרן די אינקוויזיטאָרישע פאַראָרדע־נונגען צו פאַרברענען אויף שייטערהויפנס די יידישע איינוווינער פון באַרצעלאָנאַ, טאַרטאַזאַ און אַנדערע יידישע קהילות פון קאַ־טאַלאָניען.

דורכן פענסטער פון פּרעזידענטס קאַבינעט זע איך די גאָ־טישע פאַסאַדע פון דער קאַטעדראַלע, וווּ עס געפינען זיך נאָך ביז היינט צו טאָג די טאַרטור־מכשירים פון דער אינקוויזיציע און דערלעבן — דאָס קאַאַל־געסל (קהל) מיטן לעצטן שטיין פון דער אַמאָל אַזוי מעכטיקער באַרצעלאָנער יידישער קהילה.

— די טויערן פון מיין לאַנד זענען אָפן פאַר די יידן, פּונקט ווי עס איז פאַר זיי אָפן מיין הארץ.

אָט אַזוי ענטפערט מיר פּרעזידענט קאָמפּאַניס אויף דער פראַגע וועגן דער מעגלעכקייט פון יידישער עמיגראַציע קיין שפּאַניען.

דערווייל גייט אָבער דאָ אָן אַ פאַרביטערטער קריג קעגן אינערלעכן שונא און קעגן פרעמדע אינוואַזיע־אַרמייען. ווי זע־נען אַלזאָ די פּערספּעקטיוון פון דעמדאָזיקן קריג? פּרעזידענט קאָמפּאַניס שטעלט זיך אויף פון זיין שטול, בייגט זיך אָן צו אונז און אין זיינע פּאַטעטישע ווערטער קלינגט פאַרביטערונג און מיטרייסנדער גלויבן:

— מיר וועלן דעם קריג געווינען, ווייל מיר קעמפן פאַר אונזער גערעכטער זאַך. ווייל מיר זענען אַן אָפּפערווויליק און העראָאיש פאָלק, ווייל מיר זענען געחתמעט מיטן סטעמפּל פון

זיג, ווייל מיר ווילן און מוזן געווינען דעם קריג. מיר מוזן זיגן, ווייל פון אונזער זיג איז אָפּהענגיק די צוקונפט פון דער גאַנצער דעמאָקראַטישער וועלט.

אין דידאַזיקע ווערטער האָב איך געהערט קאָמפּאַניסן, דעם באַרצעלאָנער גרויסן אַדוואָקאַט, וועלכער האָט אין די יאָרן פון דער מאָנאַרכיע און דיקטאַטור תמיד פאַרטיידיקט די קאַטאַלאָני-שע רעוואָלוציאָנערן און די מוראדיק-פאַרפאָלגטע אַנאַרכיסטן. זיינע אַרויסטרעטונגען אין די געריכטן זענען געווען דער אָנזאָג פון דער קומענדער באַפרייאונג פון קאַטאַלאָנישן פאָלק. זיינע ווערטער זענען געווען די שווערסטע דראָאונג קעגן דער רעאַקציע. באַלד אָבער האָט געגומען אַ וואָרט קאָמפּאַניס, דער אַקטיווער רעוואָלוציאָנער, אָט דער, וועלכער איז אין יולי 1931 אויפן באַלקאָן פון איצטיקן רעגירונג-פּאַלאַץ דערשינען מיט דער רויט-געלער פאָן אין דער האַנט און פּראָקלאַמירט די קאַטאַלאָנישע אומאָפּהענגיקע רעפּובליק:

— אויף דער טעריטאָריע, ווו די פאַשיסטן הערשן, בושע-ווער אַ ווילדער טעראָר, זקנים און קינדער ווערן דערמאָרדעט, פון די שפּיטעלער נעמט מען אַרויס די פאַרוווּנדעטע, כדי זיי צו טויטן. קונסט-ווערק ווערן פאַרברענט און פאַרניכטעט. דאָרט, ווו די פאַשיסטן קומען דורך, גייט נישט אויף מער קיין שפּראָ-צונג, פּונקט ווי אין די צייטן פון אַטילאַ. די רעוואָלוציע מוז אָבער באַווייזן איר דראַנג צו אויפבוי, דאָס, וואָס עס איז אייגנט-לעך דער באַגריף פון רעוואָלוציע. דער רעוואָלוציאָנער מוז קאָ-נען אויף די חורבות אויפבויען די נייע געזעלשאַפט. אַ רעוואָ-לוציע, וואָס שטעלט נישט פאָר מיט זיך קיין ענערגישע און פאַר-אַנטוואָרטלעכע מאַכט, איז פאַראורטיילט צום אונטערגאַנג. עס קאָן נישט אין יעדן קוואַרטאַל און פאָרשטאָט עקזיסטירן עפּעס אַ באַ-זונדערע מאַכט. אין איצטיקן מאָמענט מוז אַלץ קאָנצענטרירט ווערן אויפן קריג, דערביי אָבער מיט ערנסטן פאָרזיכט — נישט צו וואַרפן קיין מענטשן אַלס האַרמאַטן-פלייש, ווי עס טוען עס די פאַשיסטישע גענעראַלן און זייערע אויסלענדישע שותפים. מיר

שוינען און היטן יעדן מיליציאָנער, יעדן מענטש, ווײַל דער זיג איז דאָ פאַר אַלעמען.

לואי קאָמפּאַניס איז דער גײַסטיקער יורש פון קאַטאַלאָניעס ערשטן פּרעזידענט פראַנצעסק מאַסיאַ, וועלכער איז געשטאָרבן אין יאָר 1933. צוזאַמען מיט מאַסיאַ האָט קאָמפּאַניס געהערט צו די פירער פון דער „עסטאַט קאַטאַלאַ" — דער קאַטאַלאָנישער אומאָפּהענגיקייטס־פּאַרטיי. דערפון נעמען זיך טאַקע די אָפּטע קלאַנגען, אַז קאַטאַלאָניען וויל שליסן אַ סעפּעראַטן שלום מיטן גענעראַל פראַנקאָ און זיך אָפּרייסן פון איבעריקן שפּאַניען. אָט די קלאַנגען געהערן, נאַטירלעך, בלויז צו די טרוימען פון די פאַשיסטן און זייערע באַצאָלטע פּריינט.

איך האָב דידאָזיקע פראַגע נישט געשטעלט, אָבער פּרעזידענט קאָמפּאַניס האָט אפשר טאַקע צוליב אָט די קלאַנגען געהאַלטן פאַר נייטיק אונטערצושטרייכן די איינקייט פון קאַטאַלאָניען מיטן איבעריקן שפּאַניען.

— שפּאַניען קעמפט פאַר איר אומאָפּהענגיקייט, זי קעמפט קעגן די מאַראָקאַנער און די היטלעריסטיש־מוסאָלינישע טרופּן. קאַטאַלאָניען איז דער רעזערוואַר פון אַנטיפאַשיזם און וועט תּמיד זיין אינערהאַלב דער שפּאַנישער פעדעראַלער רעפּובליק. אין דער ווירקלעכקייט לעבן מיר שוין איצט אין אַ פעדעראַציע. פעדעראַציע און דעמאָקראַטיע זענען שוועסטערן, אין נאָר זיי באַפרייען די פעלקער.

אין דער קאַנצעלאַריע פון פּרעזידענט האָט מען אונז דעליקאַט געהאַט אָנגעדייט, ווי לאַנג דער שמועס קאָן דויערן, אָבער דידאָזיקע צייט איז שוין לאַנג געהאַט פאַרביי. מיר געזעגענען זיך און פאָרן פאַרלאָזן דעם קאַבינעט ווייזט אונז פּרעזידענט קאָמפּאַניס די ערשטע דייטשישע ביקס, וואָס איז אויפן אַראַגאָנער פראָנט אָפּגענומען געוואָרן ביי אַ פאַשיסטישן געפאַנגענעם סאָלדאַט. ביי דער געלעגנהייט שטעל איך נאָך די לעצטע פראַגע וועגן גאַנג פון דער אַלגעמיינער מאָביליזאַציע אין קאַטאַלאָניען:

— מיר מאָביליזירן איצט אין אַ פיבערהאַפטן טעמפאָ, — ענטפערט פרעזידענט קאָמפאַניס — אויף קריג מוז מען ענט־פערן מיט קריג. מיר האָבן שוין אַ נייעם רעפובליקאַנישן אָפי־צירן־קאָרפוס, און מיר האָבן דעריבער וועמען אָנצופאַרטרויען אונזער פאָלקס־אַרמיי. די נייע אויסגעשולטע אָפיצירן זענען די אָפיצירן פון דער רעוואָלוציע, און זיי וועלן זיין אויך די אָפי־צירן פון אונזער זיג, וואָס וועט זיכער קומען.

יידן אין שפּאַניען

פאַרשטויבט און אָפּגעריבן זענען דאָ די דענקמעלער פון דער אַמאָליקער, רומפולער יידישער קהילה אין באַרצעלאָנאַ, וואָס איז אין 14־טן יאָרהונדערט געווען דער פירנדער גייסטיקער צענטער פון יידנטום. אין די מוזייען זענען פאַרבליבן טליתים, ספרי־תורות, הענגל־לייכטער, גאָלדענע מנורות און לשון־קודשדיקע סטעמפּלען פון די צייטן, ווען יידן זענען דאָ געווען קעניגלעכע שאַצמייסטערס און אפילו פּאָליציי־מיניסטאָרן (אברהם בן חיה הנשיא — אַסטראָנאָם, מאַטעמאַטיקער, מחבר פון „הגיון־נפש״ און אָפּיציעל־נאָמינירטער פּאָליציי־מיניסטער פאַר קאַטאַלאָניען — 12־טער י. ה.).

אין אַלטן באַרצעלאָנער קוואַרטאַל, נאָענט פון איצטיקן רעגירונג־פּאַלאַץ, איז אין דער פראָנט־וואַנט פון אַ הויז איינגעמויערט אַ מצבה מיט פאָלגנדן אויפשריפט:

הקדוש
ר׳ שמואל
הסרדו
נ. ב. ה.

אונטער דערדאָזיקער מצבה איז אויך פאַרהאַן אַ שטיין מיט אַ פאַרטייטשונג פון העברעאישן טעקסט און דערביי אויך אַ היסטאָרישע באַמערקונג וועגן אַט דער איבערבלייבעניש פון יידישן געטאָ. די ווערטלעכע איבערזעצונג פון דעם שפּאַנישן אויפשריפט לויטעט:

„דער הייליקער רבי שמואל הסרדו, זיין גייסט זאָל איי־
ביק זיין צווישן די לעבעדיקע (נ. ב. ה.) — יאָר 692.
צוזאַמען מיט אַנדערע איבערבלייבענישן פון דער יידי־
שער תקופה איז דאָס (די מצבה) געפונען געוואָרן אין
דער חורבה, אויף וועלכער עס איז אין יאָר 1820
אויפגעבויט געוואָרן דאָסדאָזיקע הויז".

דידאָזיקע מצבה און אויך דער נאָמען פונם געסל קאַאַל
באַווייזט, אַז דאָ טאַקע האָט זיך געפונען די אַמאָליקע יידישע
קהילה און דאָס בית־עולם. דאָס קאַאַל־געסל גרענעצט זיך אויך
מיט דער קאַטעדראַלע, אין וועמעס קעלערן עס זענען נאָך אויפ־
געהיטן געוואָרן אַלע מאַרטור־אינסטרומענטן פון דער אינקוויזי־
ציע, וואָס האָט אין יאָר 1487 דערפירט צו דער ענדגילטיקער
אויסוואַנדערונג פון די באַרצעלאָנער יידן און גורם געווען די
ווירטשאַפטלעכע רואין פון אָט דער שטאָט.

זינט יענער צייט פאַרשווונדן אַלע יידישע שפּורן אין
באַרצעלאָנאַ.

ערשט אין וועלט־קריג האָבן זיך דאָ אָנגעהויבן באַזעצן די
ספרדים פון באַלקאַן און אויך מיטל־אייראָפּע. די ערשטע קהילות
האָבן זיך אָנגעהויבן פאָרמירן ערשט נאָך דער פּראָקלאַמירונג פון
דער שפּאַנישער רעפּובליק אין יאָר 1931 און די פונאַנדערבליִונג
פון די נייע יידישע ישובים אויף דער שפּאַנישער ערד איז געווען
צו פאַרדאַנקען דער פערזאָן פון פּראָפעסאָר דאָן פערנאַנדאָ דע
לאָס ריאָס, וועלכער איז אין זיין היים־שטאָט אין גראַנאַדאַ באַ־
קאַנט אונטערן צונאָמען „על ראַבינאָ" — דער ראַבינער.

דעמדאָזיקן צונאָמען האָט דער גרויסער וויסנשאַפטסמאַן
צו פאַרדאַנקען זיין דורכאויס יידישן אויסזען: פּעך־שוואַרצע
האָר אויפן קאָפּ, אַ שוואַרצע באָרד רעמט אַרום זיין געזיכט און
אויף דער האָרבאַטער נאָז — גאָלד־געפאַסטע ברילן.

לאָס ריאָס האָט קיינמאָל נישט אָפּגעלייקנט, אַז אין זיינע
אָדערן פליסט יידיש בלוט און דערמיט דערקלערט זיך זיין גרוי־
סער אינטערעס פאַר יידישע פּראָבלעמען.

דעם 14-טן אפריל 1931 איז פראקלאמירט געווארן די שפא-נישע רעפובליק. דער מאראן אלקאלא זאמארא ווערט פרעמיער-מיניסטער און פערנאנדא דע לאס ריאס באקומט די טעקע פון יוסטיץ-מיניסטער. ווער, אויב נישט דער פראפעסאר פון יורידישן פאקולטעט אויפן מאדרידער צענטראל-אוניווערסיטעט, זאל אויפ-בויען די געזעצגעבונג פון דער רעפובליק? האט ער דען ווייניק געליטן פאר זיינע סאציאליסטישע איבערצייגונגען?

דעם 3-טן אקטאבער 1931 איז זיך צוזאמענגעקומען די „קארטעס קאנסטוענטעס", ד. ה. דער געזעצגעבערישער פארלא-מענט. אויף דער טריבונע דערשיינט פראפעסאר לאס ריאס, כדי פארצולייגן די ערשטע געזעצן פון דער יונגער רעפובליק. ער האלט א רעדע, וואס רופט ארויס שטורמישע באגייסטערונג אינם איבערגעפולטן זאל. מיניסטער לאס ריאס לאזט דאן פאלן ווער-טער, וואס קאנען נישט אויסגעמיטן ווערן דורך קיין שום יידישן היסטאריקער.

„אין איצטיקן מאמענט, ווען איך לייג פאר די נייע גע-זעצגעבונג, פיל איך זיך פארפליכטעט אויסצודריקן מיין באוווּ-נדערונג פארן יידישן פאלק און גלייכצייטיק אויך אומגילטיק צו מאכן דעם עדיקט פון די „קאטוילישע קעניגן", וואס האט די טויערן פון אונזער לאנד געשלאסן פאר דעם פיל-געליטענעם, אבער אלגעמיין-באוווּנדערטן פאלק".

די דעפוטאטן שטעלן זיך אויף פון זייערע פאטעלן און אפלא-דירן לאנג דעם יוסטיץ-מיניסטער. נישט נאר די דעפוטאטן, נאר דאס גאנצע, דעמאקראטישע, רעפובליקאנישע שפאניען האט אפלא-דירט דעם „ראבינער" פון גראנאדא.

א שאנד-פלעק איז אפגעמעקט געווארן פון דער שפאנישער געשיכטע, דער שאנד-פלעק, וואס טראגט דעם נאמען „קעניגלעכער עדיקט פון יאר 1482".

אין יאר 1482 האבן די אזוי-גערופענע „קאטוילישע הער-שער", פערדינאנד און איזאבעלא, אונטערגעשריבן אין גראנאדא דעם דעקרעט, וואס האט געלויטעט, אז אלע יידן, וועלכע ווילן

זיך נישט אָפּזאָגן פון זייער אמונה, מוזן פאַרלאָזן דאָס לאַנד. פון דעם זעלבן גראַנאַדאַ איז אויך געקומען דער מאַן, וועלכער האָט מיט פיר מיט אַ האַלבן יאָרהונדערט שפּעטער דעמדאָזיקן עדיקט אויסגעשטראָכן פון דער שפּאַנישער געזעצגעבונג.

דער יוסטיץ-מיניסטער לאָס ריאָס האָט נישט בלויז סימ-באָליש אויסגעשטרעקט די האַנט צום יידנטום, נאָר טאַקע אין דער ווירקלעכקייט. אין עטלעכע וואָכן אַרום נאָך דעם פייערלעכן אַקט איז לאָס ריאָס אָפּגעפאָרן אין שפּאַנישן מאַראָקאָ און אין אַלע שטעט, וווּ עס זענען פאַראַן יידישע קהילות, באַזוכט די אָרטיקע יידישע פאָרשטייער. אין טעטואַן, אין דער שטאָט, וווּ די „פאַלאַנגיסטן" פּראָגראַמירן איצט אָן אויפהער די יידישע באַפעל-קערונג, איז דער רעפּובליקאַנישער מיניסטער פייערלעך אויפגענו-מען געוואָרן אין יידישן קאַסינאָ. לאָס ריאָס האָט דאָן געהאַלטן אַ רעדע, וואָס ער האָט אָנגעהויבן מיט פאָלגנדע ווערטער: „יידן פון טעטואַן! איך בין געקומען אין אייער הויז, גלייך איך וואָלט זיך אומגעקערט אין מיין אייגענער היים; אין אייער הויז פיל איך זיך פונקט אַזוי, ווי אין מיין אייגענער שטוב"...

אין אַ צייט אַרום טוישט לאָס ריאָס זיין מיניסטער-פּאָרט-פעל פון יוסטיץ אויף דעם בילדונגס-רעסאָרט.

דער „ראַבינער" פון גראַנאַדאַ טרעט דאָן צו צו זיין ווערק פון באַקעמפן דעם שפּאַנישן אַנאַלפאַבעטיזם, וואָס האָט דאָן באַ-טראָפן גאַנצע 70 פּראָצענט. במשך פון איין יאָר בויט ער אויף אַ נעץ פון נייע זעקס טויזנט שולן. אין דערדאָזיקער פיבערהאַפּ-טער אַרבעט פאַרן שפּאַנישן שול-וועזן האָט לאָס ריאָס נישט פאַרגעסן אָן די יידן.

נישט אין קיין אַנדערער שטאָט, ווי טאַקע אין גראַנאַדאַ, האָט ער געשאַפן דעם אינסטיטוט פאַר אָריענטאַלישער קולטור, וווּ עס איז אויך געלערנט געוואָרן די העברעאישע שפּראַך. אַ חוץ דעם מאַכט ער אין דער זעלבער צייט באַקאַנט זיין פּראָ-יעקט פון אַן אינסטיטוט צו פאָרשן די יידישע קולטור אין שפּאַ-ניען. צוויי שטעט — צעאוטאַ (מאַראָקאָ) און קאָרדאָווע, די שטאָט

פון רמב״ם, האָבן צווישן זיך געקעמפּט וועגן דעמדאָזיקן אינסטיטוט. פּראָפעסאָר לאָס ריאָס האָט אָבער פרידלעך דערליידיקט דעם שטרייט צווישן די ביידע שטעט: ער האָט אַוועקגעשטעלט צוויי אינסטיטוטן. אין קאָרדאָוואַ ווערט געשאַפן אַ הויך־שולע אונטער דער לייטונג פונם מאַסאָן אַנטאָניאָ כעאַן, אוניווערסיטעט־פּראָפעסאָר און סאָציאַליסטישער דעפּוטאַט. אין צעאוטאַ ווידער ווערט אויפגעשטעלט אַ מיטל־שולע, מיט וועלכער עס פירט אָן דער פּאָרזיצנדער פון דער מאַדרידער יידישער קהילה, דער גרויסער קענער פון דער יידישער עפּאָכע אין שפּאַניען, דאָן איגנאַציאָ באַוער.

ביי די וואַלן פון נאָוועמבער 1933 זיגט די רעאַקציע. דאָס אָנגעהויבענע ווערק פון לאָס ריאָס ווערט איבערגעריסן און דער מיניסטער קערט זיך צוריק אום צו זיין פּראָפעסאָרישער קאַטעדרע.

בעתן אויסברוך פון די יולי־געשעענישן האָט זיך לאָס ריאָס געפונען אין פּאַריז, פונוואַנען ער איז גלייך אָפּגעשיקט געוואָרן אַלס אַמבאַסאַדאָר אין וואַשינגטאָן.

אויף דער טעריטאָריע, וואָס ווערט באַהערשט דורכן גענעראַל פראַנקאָ, צעלויפן זיך די יידישע איינוווינער, זיי ווערן פאַרטריבן דורכן טעראָר, וואַס הערשט אין לאַגער פון די אויפשטענדיקע. פון עוואַקויאירנדן מאַדריד פאָרן אַרויס די ווינציקע יידישע איינוווינער, און בלויז אין באַרצעלאָנאַ פאַרבלייבט די איינציקע יידישע קהילה אין רעפּובליקאַנישן שפּאַניען, אָבער דערפאַר אַ קהילה מיט אַלע פּיטשעווקעס — מיט מחלוקתן און אפילו קאָנקורירנדע שוחטים.

זינט דעם 19־טן יולי איז די שול געשלאָסן, אָבער פאַרהאַן ב״ה יעדן שבת אַ מנין, מען פראַוועט חתונות און מען מאַכט בריתן, גלייך ווי ס׳וואָלט אין שפּאַניען גאָר קיין מלחמה נישט געווען.

אין דער סאַן־פּאַבלאָ, אין דער האַנדלס־גאַס פון אַלטן באַרצעלאָנער קוואַרטאַל, געפינען זיך פיל יידישע געוועלבער — קליידער־מאַגאַזינען, ביזשוטעריע־געשעפטן און אפילו אַ כשרע יאַטקע.

די כּשרע יאַטקע ווערט געפירט דורכן אָפיציעל־אָנערקענטן קצב, שוחט, מוהל, מלמד, רב און בעל־תּפילה אין איין פּערזאָן. דאָס איז ר׳ מנחם קינסטלינגער פון אָשוויענטשים (גאַליציען), וועל־כער איז טאַקע אַ קינסטלער אין אַלע זיינע פאַכן. ער דאַוונט ספרדיש און אשכּנזיש, האַלט דייטשישע רעדעס ביים מסדר־קדושין־זיין און שטעלט צופרידן אַלע מיטגלידער פון דער יידי־שער קהילה אין באַרצעלאָנאַ, וואָס באַשטייט פון דייטשישע עמי־גראַנטן, ספרדים פון סאַלאָניקי, רומענישע און פוילישע יידן.

וויפיל יידן איז פאַראַן אין באַרצעלאָנאַ ? שווער דערויף צו ענטפערן. מ׳שאַצט ביז פיר הונדערט פאַמיליעס. צו דער קהילה געהער אָבער נישט מער ווי אַ הונדערט פופציק און פאַר ר׳ מנחם קינסטלינגער עקזיסטירן נישט מער ווי זעכציק פאַמיליעס. דאָס זע־נען די, וואָס קויפן ביי אים כּשר פלייש...

איבער די „נשמות" פון די קהילה־מיטגלידער קאָנקורירן צווישן זיך דער אָפיציעלער שוחט און דער ווינקל־שוחט, וועלכער אַרבעט אויף לינקס און האָט אויף זיין זייט אַ פּאָר „ווילדע יונ־גען". די העגעמאָניע האָט אָבער ר׳ מנחם קינסטלינגער, וועל־כער איז אַ בעל־מנגן, דאַוונט מיט אַ טרער און האָט הינטער זיך די אַרויסגעאַרבעטע, חשובע באַלעבאַטים — באַזונדערס די ווייבער.

ר׳ מנחם קינסטלינגער איז מיט דריי יאָר צוריק אַהערגע־קומען פון דייטשלאַנד, ווו ער האָט, פונקט ווי איצט אין שפּאַניען, לאַנגע יאָרן געאַרבעט אויף אַלס כּלי־קודש. ער האָט דאָס טאַקע דאָ איינגעאָרדנט דאָס ביסל יידישקייט און, ווי ער דערציילט אַליין, האָט ער אין די ערשטע וואָכן מל געוועזן אַ צוויי צענ־דליק שוין דערוואַקסענע יינגלעך, וועלכע האָבן אים בעת־מעשה געריסן ביי דער באָרד. ר׳ מנחם איז אָבער נישט קיין חלוש און ער האָט זיך אַן עצה געגעבן מיט די שקצים... ר׳ מנחם איז אַ גאַליציאַנער און אין זיין יום־טובדיקן הילוך איז ער טאַקע ענ־לעך צו די גאַליציאַנער רביים. דאָס האָט מאָריס שוואַרץ אַפּנים פון אים טאַקע קאָפּירט דעם ניעשאַווער צדיק...

די פויערים זענען מיט דער רעפובליק. אין דער פראָווינץ
פון אָראַנזשׂ גראָבן פויערים טראַנשייען אין דעם שטיינערדיקן באָדן.

זינט דעם אויפשטאַנד פון 19־טן יולי האָט זיך דער שבת־דיקער מנין אַריבערגעטראָגן אין שטוב אַריין צו ר׳ מנחם קינסט־לינגער, וווּ עס איז איינגעאָרדנט געוואָרן אַ בית־המדרשל מיט אַלע איינצלהייטן. אויף דער מזרח־וואַנט לעבן עמוד הענגט אַ פאַרבי־קע רעפּראָדוקציע פון הירשענבערגס „גלות" און אַ קאַלענדאַר מיטן פּאָרטרעט פון קאַרל מאַרקס...

בעת די לעצטע ימים־נוראים האָט עס שוין אפילו געהאַלטן דערביי, אַז מ׳זאָל דאַווענען צוריק אין שול, וואָס געפינט זיך אין הויז פון דער קהילה. די אַנאַרכיסטן האָבן נישט נאָר בלויז געגעבן זייער הסכמה, נאָר זענען אפילו גרייט געווען צו שיקן באַוואָפנטע מיליציאָנערן, וועלכע זאָלן באַוואַכן די מתפּללים... דערמיט זענען די אַנאַרכיסטן אויסן געווען אונטערצושטרייכן, אַז רעליגיעזע גרופּירונגען, וואָס פּראַווען נישט קיין פּאָליטיק, ווערן נישט פאַרפאָלגט. די שול געפינט זיך אָבער אין שכנות פון אַ פאַרברענטער קירך, און כדי נישט צו רייצן די שפּאַניער, האָט די קהילה דאָך באַשלאָסן פון דער דערלויבעניש נישט צו גענוצן און מ׳האָט געדאַוונט ביים שוחט אין שטוב.

איך האָב בייגעוווינט אַ שבתדיק דאַווענען אין דער שטוב פון באַרצעלאָנער שוחט. ס׳איז גראָד אויפגערופן געוואָרן אַ חתן און, ווי אין די אַמאָליקע גוטע צייטן אין דער אַלטער היים, איז דער חתן באַוואָרפן געוואָרן מיט ראָזשינקעס און מאַנדלען און נאָכן דאַווענען האָט מען נאָך געגעבן לעקעך מיט בראָנפן.

איך האָב זיך אויך געלאָזט איינלאַדן אויף דער חתונה, וואָס איז פאָרגעקומען צומאָרגנס, זונטיק אָוונט. דאָס האָט אַ דייטשישער עמיגראַנט חתונה געהאַט מיט אַ גאַליציאַנער מיידל פון באָריסלאַוו,ביידע פּאָרטגעשריטענע מענטשן, אָבער די חתונה איז פאָרגעקומען ווי אין אַ רבישן הויף... די כלה האָט געטראָגן אַ שלייער און איז זיבן מאָל אַרומגעגאַנגען אַרום דעם חתן, ביי ווע־מען דער הערלעך־נייער קיטל האָט געגרייכט ביז דער ערד. אונ־טער דער חופּה, וואָס איז אימפּראָוויזירט געוואָרן פון אַ טלית, האָט ר׳ מנחם זיך לאַנג געציקלט, געזונגען, געזאָגט, געהאַלטן אַ

דייטשמערישע רעדע און געוויזן, וואָס ער קען. אַרום זענען גע־שטאַנען די געסט מיט ליכט אין די הענט און אפילו אַ מצווה־טענצל איז אָפּגעטאַנצט געוואָרן דורך צוויי עלטערע ווייבער...

די הויפּט־טעטיקייט פון דער באַרצעלאָנער קהילה איז גע־ווען תמיד און פאַרבליבן ביז איצט — די זאָרג פאַר די טויטע. די גרעסטע פּאָזיציע אינם בודזשעט פון דער קהילה פאַרנעמען די אָרימע טויטע „לאָקאַטאָרן”, וועמענס פאַמיליעס קאָנען נישט באַצאָלן דאָס יערלעכע דירה־געלט אין די געמויערטע שופלאָדן פון באַרצעלאָנער בית־החיים...

דער באַרצעלאָנער בית־עולם איז באַרימט אַלס דאָס שענ־סטע בית־הקברות אין דער וועלט. אין דעם פעלזיקן, דרייהונ־דערט־מעטער־הויכן „מאָנטזשואיק” (אויף אָט דעם „יידן־באַרג” האָבן יידן געפלאַקערט אויף די שייטערהויפנס) זענען פון אונטן ביז אַרויף אויסגעשניטן קילאָמעטער־לאַנגע טרעפּ מיט די אויסגע־מויערטע שופלאָדן, וואָס ווערן געדונגען אויף אַ באַשטימטער צאָל יאָרן. אויב נאָכן טערמין ווערט דער קאָנטראַקט נישט באַ־נייט, ווערן די רעשטלעך אַרויסגעוואָרפן און די „דירה” פאַרדונ־גען אַן אַנדערן „לאָקאַטאָר”...

די יידישע מצבות זענען צעוואָרפן אין דער אויסלענדער־אָפּטיילונג. גאַנץ אָפט טרעפט זיך צונויף דער מגן־דוד מיטן דריי־עק פון אַ פריימויערער. די העברעאישע טעקסטן פון די מצבות (אַ חוץ די נייע, וואָס ר׳ מנחם קינסטלינגער האָט שוין געקריצט...) זענען אַלע פול מיט גרייזן. זייער צאָל דערגרייכט קוים ביז עט־לעכע צענדליק און די עלטסטע יידישע מצבה איז דאַטירט פון יאָר 1921, וואָס איז דער בעסטער באַווייז, ווי יונג עס איז אָט דער נייער יידישער ישוב.

אַ שטאַרקער יידישער צופלוס האָט זיך דאָ אָנגעהויבן נאָך דער היטלער־איבערקערעניש, און פאַר די יולי־געשעענישן האָט די צאָל פון יידישע איינוווינער אין באַרצעלאָנאַ דערגרייכט שוין ביז זעקס טויזנט.

אַ גרויסע טייל איז צוריקגעפאָרן אין היטלער־דייטשלאַנד

און אויפגענומען געוואָרן אין די קאָנצענטראַציע־לאַגערן. אַנדערע ווידער באַלאַגערן איצט די הילפס־קאָמיטעטן פון פּאַריז, לאָנדאָן און אַמסטערדאַם.

אַז דאָס אַנטלויפן פון דײַטשישע יידן פון דעם רעפּובּליקאַנישן שפּאַניען איז אַ פאַרברעכן, באַווייזט כאָטש דער פאַקט, וואָס די איבערגעבליבענע אַרבעטן און האַנדלען פראַנק און פריי.

ניין! נישט דידאָזיקע היטלער־איזראַעליטן וועלן דאָ אויפבויען אַ יידישן ישוב, וואָס זאָל קאָנען כאָטש מיט איין פאָדעם אָנבינדן אין יענער הערלעכער טראַדיציע פון די יידישע דענקער, פּאָעטן, גאָלדשמידן און וועבער פון באַרצעלאָנאַ, קאָרדאָבאַ, טאָלעדאָ און מאַיאָרקאַ.

. . . .

. . . .

* *

*

ב. ה. איז אַ זייגערמאַכער פון טשיקאַגאָ. אין יאָר 1905 האָט ער געהערט צום קיעווער „בונד”. אַלס זיבעצניעריקער בחור

פאַרשיקט געוואָרן קיין סיביר און פון דאָרט איז אים געלונגען צו אַנטלויפן קיין אַמעריקע. דרייסיק יאָר האָט ער זיך איינגע-הערט אין דעם מאַגנאַטאָנעם טיקן פון די זייגערלעך. ער האָט זיך נישקשהדיק אַרויפגעאַרבעט און איז דער אייגנטימער פון אַ פיין געשעפטל פון ביזשוטעריע. אין אַמעריקע האָבן די „ביזנעס" און די פאַמיליע אים איינגאַנצן פאַרשלונגען, אָבער גלייך ווי ער איז אַרויס פון דער היים און אין דער שיפס-צייטונג (ער איז געפאָרן בריוואחדיק מיט דער „נאָרמאַנדיאַ") געלייענט וועגן דער רעוואָ-לוציע אין שפאַניע, האָט זיך אין אים אויפגעוועקט דער אַמאָ-ליקער רעוואָלוציאָנער. ער איז אָפּגעפאָרן קיין באַרצעלאָנאַ און אַריינגעטרעטן אין דער מיליץ. ער האָט זיך שנעל אויסגעלערנט באַגיין מיט אַ מאַשינגעווער. — „דאָס איז אַ וווּנדערלעכע כּלי, — האָט ער צו מיר געזאָגט מיט באַגייסטערונג — נאָר אַ זייגערמאַ-כער קאָן פאַרשטיין אָט דעם פיינעם מעכאַניזם". דער זייגערמאַ-כער פון טשיקאַגאָ האָט שנעל אוואַנסירט אין זיין נייעם באַרוף און ער איז געוואָרן אַ ספּעציאַליסט אויף פאַרריכטן די קאָמפּלי-צירטסטע מאַשינגעווערן.

— און די „ביזנעס" אין טשיקאַגאָ?

— מיין ווייב איז אַן אשת-חיל, — ענטפערט ער מיר מיט אַ שמייכל — זי וועט זיך שוין אַן עצה געבן. איך האָב דאָ וויכ-טיקערע ענינים. די מאַשינגעווערן זענען איצט דרינגענדער, ווי די זייגערלעך פון טשיקאַגאָ.

ישראל ב. איז טאַקע אַן אינזשיניער, אָבער פון באַרוף אַ פילאָזאָף. איך האָב געזען ביי אים אַ בילד פון זיין יוגנט אין אַ לאַנגער קאַפּאָטע און מיט אַ גאַליציאַנער פליושן קאַפּעלושל. עטלעכע יאָר האָט ער געאַרבעט אין אַ קבוצה אין עמק. אין גרויסער נויט האָט ער געלעבט אין פּאַריז, ווו ער האָט געענ-דיקט דאָס פּאָליטעכניקום און אויך דעם פילאָזאָפישן פאַקולטעט אויף דער סאָרבאָנע. ער האָט זיך פאַרנומען מיט שפּינאָזאַ און זיך ספּעציאַליזירט אין בריקן-בוי.

אַלס אויסלענדער האָט ישראל ב. אין פראַנקרייך בלויז גע-

קאָנט שרייבן וועגן שפּינאָזאַ און די בריקן בויען ביי זיך אויפן בוידעם־שטיבל, ווו לעבן בעט און דעם קינדערישן וויגל איז אויך געשטאַנען זיין צייכענונגס־ברעט. איצט טראָגט ישראל ב. אַן אָפיצירן־קאָסטיום, וואָס פּאַסט זיך טאַקע נישט זייער שטאַרק סיי צו זיין געזיכט און אוודאי שוין נישט צו זיין פיגור... ישראל ב. האָט אָבער געבויט די פאָרטיפיקאַציעס אין מאַדריד גופא און אויך אויפן פראָנט פון כאַראַמאַ. ער איז דער קאָמאַנדיר פון בעסטן סאַפּערן־באַטאַליאָן און האָט שוין באַקומען אַ ריי אויסצייכענונגען.

פּאַני שיינהייט — אַזוי איז איר נאָמען, אָבער אין שפּאַניען איז זי באַקאַנט אונטערן נאָמען „פּאַני האָלאַנדעסאַ“, דאָס הייסט, פּאַני די האָלענדערין. פּאַני איז אַ באַרימטהייט אין גאַנץ שפּאַניען. זי איז איצט די איינציקע פרוי, וואָס איז אָפיציעל פאַרבליבן אין דער אַרמיי און דאָס נאָך דערצו אַלס פּאָליטישער קאָמיסאַר אין דער אינטערנאַציאָנאַלער בריגאַדע. זי טראָגט אַן אָפיצירן־מונדיר מיט הויזן און האָט מיט איר העלדישקייט איבערגעשטיגן פיל מענער. פּאַני שטאַמט פון אַ פאַרמעגלעכער אַלט־יידישער פאַמיליע פון האָלאַנד, וואָס האָט אורשפּרונגלעך אויסגעוואַנדערט פון שפּאַניען.

גלייך אין די ערשטע טעג פון די געשעענישן איז זי געקומען קיין באַרצעלאָנאַ. זי איז אַוועק אויפן פראָנט פון אַראַגאָן און אַ דאַנק איר בראַוווּר שנעל אַוואַנסירט אַלס פירערין פון אַ הונדערטשאַפט. בעת דער גרויסער שלאַכט ביי הועסקאַ האָט פּאַני איינע אַליין מיט איר מאַשינגעווער אויפגעהאַלטן דעם פאָרמאַרש פון די פאַשיסטישע טרופּן ביים הויפּט־שאָסיי און אַזויאַרום דערמעגלעכט דאָס צוריקציִען זיך פון די רעפּובליקאַנישע מיליציאָנערן אויף אַ צווייטער פּאָזיציע. פּאַני האָט אויפן אַראַגאָנער פראָנט דעראָבערט אַ ריי שטעטלעך און דערפער און אין איינעם פון די שטעטלעך טראָגט טאַקע אַ גאַס איר נאָמען.

פּאַני איז אַ הונדערטפּראָצענטיקע אַבסטינענטין... זי רייכערט נישט, טרינקט נישט קיין אַלקאָהאָל און ווייזט אויך נישט

אַרויס קיין שום ווייבערישע שוואַכקייטן, הגם איר נאָמען „שיינהייט" איז נישט סתם קיין צופאַל-נאָמען... זי פירט אַליין אָן מיט איר קליינעם פאָרד, און ווען איך האָב זיך אַמאָל איינגעלאַדן מיטצופאָרן אין איר אויטאָ אויפן פראָנט, האָט זי מיר קאַטעגאָריש געענטפערט, אַז זי נעמט קיינמאָל נישט מיט קיין מענער אין איר אויטאָ. פאַני איז אויך אַ באַגאַבטע שריפטשטעלערין. זי פאַרעפנטלעכט אָפט אין דער שפּאַנישער פּרעסע רעפּאָרטאַזשן פון פראָנט און אין אירע פּובליציסטישע אַרטיקלען האָט זי זיך אַרויסגעזאָגט פאַרן צוריקציִען די פרויען פון די פראָנטן...

פאָל האָט אין פאַריז גענייט הויזן. ער האָט נישט געהאַט קיין אַרבעטס-פאַפּירן, זיך געפּלאָגט און אויסבאַהאַלטן פאַר דער פּאָליציי. איצט איז אָט דער שניידער-געזעלן אַ פּילאָט און ער האָט שוין אין זיינע פאַפּירן פאַררעכנטע פופציק שעה לופט-עקסקורסיעס. בלויז דריי חדשים האָט ער באַזוכט די פלי-שולע און זיך באַלד אויסגעצייכנט מיט זיין מוטיקייט און גלענצנדער באַהערשונג פון דער מאַשין. פאָל האָט שוין מיטגעמאַכט נישט איין לופט-קאַמף איבער מאַדריד און אויג אויף אויג געקעמפט מיט די דייטשישע פליער. איצט איז ער אַריבערגעטראָגן געוואָרן אויפן אַראַגאָנער פראָנט און געהער צו אַן עסקאַדריל יאַגד-אַעראָפּלאַנען. פאָל, אָדער בעסער געזאָגט, פסח, ווי מ'האָט אים גערופן אין לאָדזש, דענקט שוין נישט מער מיט קיין ערדישע קאַטעגאָריעס. ער איז שוין ווייט פון זיין אַמאָליקער שניידער-מאַשין, צו וועלכער ער איז במשך פון לאַנגע יאָרן געווען צוגעבונדן צוועלף און זעכצן שעה אין טאָג. עס לאַנגווייליקט זיך אים אויף דער ערד. די עטלעכע טעג אורלויב, וואָס ער פאַרברענגט איצט אין באַרצעלאָנאַ, זענען פאַר אים אַ מין אָפּקומעניש. עס ציט אים צו זיין יאַגד-אַפּאַראַטל, וואָס מאַכט פירהונדערט קילאָמעטער אַ שעה. ער רעדט נישט וועגן עפּעס אַנדערש, ווי וועגן די גייעדערגרייכונגען אין פלי-וועזן, אָבער דערביי מאַכט ער אַ חשבון, וויפיל שעה ער וואָלט מיט זיין אַפּאַראַטל געדאַרפט פליען אין שטעטל פון זיין אַלטער היים...

* *
*

„די בעסטע פאַלן"... — דאָס וועט איר תמיד הערן פון יעדנס מויל. פיל זענען טאַקע געפאַלן שוין פון די יידישע מיליציאָנערן. צו אַט די געפאַלענע שרייבן נאָך אָפט בריוו די פאַרצווייפלטע מאַמעס פון די פאַרשידענע קאָנטינענטן. דאָס זענען בריוו, וואָס ווערן שוין אפילו נישט געעפנט. פאַרשידנשפראַכיק איז דער בריוו-בית-עולם, וואָס געפינט זיך אין אַ ספּעציעלער שראַנק אין דער פאָסט-צענטראַלע פון דער אינטערנאַציאָנאַלער בריגאַדע. דאָס זענען בריוו מיט פאַרטרוקנטע מוטערלעכע טרערן. דער אינהאַלט פון די בריוו איז כמעט דער זעלבער: „ווו איז מיין מאַן?"... „ווו איז מיין זון?"... „ווו איז מיין ברודער?"...

איך האָב אַליין אויך באַקומען פיל יידישע בריוו, איבערגעשיקט דורך רעדאַקציעס און פריינט:

„שרייבט מיר נאָר דעם אמת, באַהאַלט נישט פאַר מיר גאָרנישט. מיין זון איז צוליב שטודיען-צוועקן אָפּגעפאָרן קיין פאַריז. ער איז אַן אינזשעניער. צו מיין גרויס שטוינונג האָב איך אָבער פון אים באַקומען אַ בריוו פון באַרצעלאָנאַ און דאַן מיט צוויי חדשים צוריק צום לעצטן מאָל פון מאַדריד. דאָ האָט איר זיין בילד, אפשר וועט דאָס אייך פאַרלייכטערן אין אָפּזוכן אים... וואָס עס זאָל נישט האָבן געשען, שרייבט מיר אַרויס דעם גאַנצן אמת..."

„...עס איז דאָס איינציקע קינד, וואָס מיר פאַרמאָגן, דאָס איינציקע אויג אין קאָפּ. אָט איז זיין לעצטער אַדרעס (פראָנט פון מאַדריד). מיר ווילן נישט זשאַלעווען קיין געלט, וויפיל עס זאָל נישט קאָסטן, וועלן מיר אייך מיט דאַנק צוריקגעבן, אָבער האָט רחמנות אויף אונז, דערוויסט זיך, וואָס עס איז געשען מיט אים..."

נישט איינעם פון די, צו וועלכן עס דערגייען שוין נישט מער די בריוו, האָב איך געזען אָנקומען, באַגעגנט אויף די פראָנטן,

אין בעת מיינע באַזוכן אין די שפּיטעלער האָט זיך פלוצלינג פון אַ בעט אויסגעשטרעקט צו מיר אַ האַנט, אַ האַנט פון אַ פאַרבאַנ־דאַזשירטן גוף, און ציטערדיקע ליפּן האָבן אַרויסגערעדט יידישע ווערטער. די אויגן פון דעם פאַרבאַנדאַזשירטן געזיכט זענען פייכט געוואָרן און איך האָב דאַן געהערט דערציילן אויפטרייסלענדיקע איבערלעבונגען. איך האָב אָבער געשטוינט, וואָס די מענטשן מיט די פאַרגיפסטע און אָפט אויך מיט אַמפּוטירטע גלידער זענען נישט פאַרביטערט, נישט דערשלאָגן און רעדן אַמווייניקסטן וועגן זיך, נאָר הויפּטזעכלעך וועגן זייערע באַקאַנטע פריינט, מיט וועלכע זיי זענען געקומען צוזאַמען אַהער און וואָס זענען געפאַלן אויפן פעלד. דאָס זענען די, צו וועלכע עס דערגייען שוין מער נישט די בריוו, וואָס קומען אָבער דאָך אָן פון אַלע וועלט־עקן.

עס טרעפט אויך, אַז מוטערס, וועלכע קומען זוכן די פאַר־לוירענע שפורן פון זייערע זין, פאַרבלייבן דאָ אַלס קראַנקן־שוועס־טערן אין די שפּיטעלער און שטילן זייער צער אין דער הילף, וואָס זיי ברענגען דאָ די זין פון אַנדערע מוטערס.

נעענטער צום פראָנט

דער בירגער־קריג און די רעוואָלוציע האָבן מיטאַמאָל צעפּלאָנטערט די געאָגראַפיע פון לאַנד. עס זענען אַנטשטאַנען דריי הויפּטשטעט אין שפּאַניען: מאַדריד, וואָס געפינט זיך אין אַ צושטאַנד פון באַלאַגערונג; בורגאָס, דאָס זיץ־אָרט פון גענעראַל פראַנקאָ, און וואַלענציאַ, וווהין די רעפּובליקאַנישע רעגירונג האָט אַריבערגעטראָגן אירע צענטראַלעס. אין וואַלענציאַ פּולסירט דאָס האַרץ פון דער קעמפנדער רעפּובליק, און פון דערדאָזיקער שטאָט ווערט געפירט דער קריג מיט בורגאָס.

קנאַפּע פינפהונדערט קילאָמעטער אַספאַלטירטער שאָסיי ציט זיך פון באַרצעלאָנאַ קיין וואַלענציאַ. דער וועג לויפט זיגזאַגיק — דאָ ביים פעלזן־ברעג פון זיך שוימענדיקן ים, דאָ ביים ראַנד פון טיפע טאָלן, אַ סך אָליוון־וועלדער, עוקאַליפּטוס־אַלעען און גאָלדיקע שפּועים פון וויינגערטענער.

די דערפלעך, וואָס ליגן אויפן וועג, זענען ווי קליינע פעסטונגען מיט זייערע קוואַדראַטנע, דיק־געמויערטע הייזלעך. וווּנישט־ווו טויכט אויף אַ פּאַלאַצל מיט קיילעכדיקע טורעמלעך. אויף לאַנגע קילאָמעטערס זענען די פעלדער אַרומגעצוימט מיט געמויערטע פּאַרקאַנעס. בלוי צייכענען זיך די קאָנטורן פון די ווייטע בערג. די פּויערים, וואָס מיר טרעפן אָן אויף די וועגן, טראָגן ווייסע לייוונטענע לאַטשן אויף די פיס און רויט־שוואַרצע אָדער רויטע טיכלעך אויף די קעפּ. די זעלבע טיכלעך טראָגן אויך די פרויען. צוויי־רעדערדיקע הויכע וואָגנס מיט ברעזענטענע בוידן ווערן געשלעפּט דורך קליינטשיקע אייזעלעך. די פעלדער און די גערטענער גיבן דאָ פרוכט אַ גאַנץ יאָר. איצט רייסט מען שוין די איילבירטן און באַלד וועלן צייטיק ווערן די פרישע פּאָמעראַנצן.

דאָס לאַנד איז דאָ רייך און פאַרביק. עס איז אָבער אוממעגלעך רויק אויפצונעמען דעמדאָזיקן ווונדערלעכן פייזאַזש. אונזער קליינער „סיטראָען" יאָגט אַלע מאָל איבער ריזיקע לאַסט-אויטאָס מיט אַמוניציע, וואָס איילן צו די פראָנטן פון מאַדריד; ס'קומען אונז אַנטקעגן סאַניטאַר-אַמבולאַנסן, וואָס האָבן אויף די פראָנט-שפּיטעלער אויסגעלאָדן זייער מעדיצינישן מאַטעריאַל.

ביים אַריינפאָר און אַרויספאָר פון די שטעטלעך זעט מען אַלץ אָפטער די באַריקאַדן פון זאַמד-זעק און שטיינער, צווישן וועלכע ס'איז פאַרהאַן אַ שמאָלער דורכפאָר בלויז פאַר איין אויטאָ. פון הינטער דידאָזיקע באַריקאַדן באַווייזט זיך אַלע מאָל אַ מיליציאָנער מיט אַ יאַגד-ביקס אין דער האַנט און פאַרלאַנגט אונזערע פאַפּירן. די דאָקומענטן זענען אָבער ווייניק, ווייל גאַנץ אָפט דרייען די פויערים איבער די פאַפּירן מיטן קאָפּ אַראָפּ, און מען מוז דעריבער וויסן דעם וואָרט-צייכן. דאָסדאָזיקע ווונדער-טוענדע וואָרט, וואָס עפנט דעם ווייטערדיקן וועג, איז אָנפאַרטרויט געוואָרן דעם שאָפער און נישט אונז, זשורנאַליסטן. איך שטרענג אָן דאָס אויער אויפצוכאַפּן דעמדאָזיקן געהיימען צייכן. אין אָנהייב הער איך בלויז די ערשטע זילבן, אָבער נאָך אַ צען אַזעלכע באַריקאַדן שטעלט מיין געהער שוין צוזאַמען די צעשטיקלטע קלאַנגען, וואָס פאַראייניקן זיך אין איין וואָרט: „דורוטי!"

דאָס איז דער נאָמען פון „לעגענדאַרן" אַנאַרכיסטישן טעראָריסט און העלדישן פירער פון אַ מיליטער-קאָלאָנע, וואָס האָט פון הועסקאַ זיך אַריבערגעטראָגן אויפן אַקטיווסטן פראָנט פון מאַדריד.

ביי טאַראַגאָנאַ פאָרן מיר דורך דורכן אַנטיקן טויער, וואָס די רוימישע לעגיאָנערן האָבן דאָ אויפגעשטעלט בעת זייער טריאומף-צוג דורך שפּאַניען. איצט ווילן די לעגיאָנערן פון גענעראַל פראַנקאָ מיט דער הילף פון זעלבן רוים אַהער אַריינדרינגען. איבער דער געוועלבונג פון טויער הענגט אַ ריזיקער אויפשריפט:

„נאָ פּאַסאַראָן!" — זיי וועלן נישט דורכגיין!!!

וואָס נענטער קיין וואַלענציאַ, אַלץ גלייך-ליניקער ווערט דער וועג. נאָך יעדן שטעטל ציִען זיך לאַנג אַוועק אויף ביידע זייטן פון שאָסיי צעבליטע קוסטעס ווייסע און רויטע רויזן. דער קילאָמעטער-ווייזער פון אונזער אויטאָ שפּרינגט וואָס אַמאָל נער-וועזער, פונקט ווי מיין פּולס — 70... 80... 90... און אפילו 100 קילאָמעטער.

די דעמערונגס-פאַרבן בייטן זיך שנעל. עס איז ראָז, שאַ-פיר, טונקל-בלוי און מיטאַמאָל — פינסטערע נאַכט. פון צווישן דיביימער, וואָס שפּרינגען פאַרביי, לייכטן אַרויס די גאָלדיקע פּאָמעראַנצן.

די רייזע קיין וואַלענציאַ האָט אונז פאַרשאַפט אויך אַ פּאָר שפּאַנענדע מאָמענטן און אפילו אַ ביסל האַרצקלאַפּעניש. אין שנעלן געאייל האָט אונזער שאָפער אומבאַמערקט פאַרקירעוועט אויף אַ זייטיקן שאָסיי און נאָך אַ צוויי שעה פאָרן אויף דעמדאָ-זיקן וועג, האָט דער שאָסיי מיטאַמאָל אונז אָנגעהויבן אויסזען נישט ווי אַ הויפּט-שאָסיי, וואָס פירט קיין וואַלענציאַ. דער אַס-פאַלט האָט זיך אויסגעלאָזט און ס'האָט זיך אָנגעהויבן אַ שטויבי-קער דאָרפס-שאָסיי פון ווייסן שטיין. דער שאָפער האָט פאַרהאַלטן דעם אויטאָ און פעסטגעשטעלט, אַז מיר האָבן פאַרבלאָנזשעט. פונדערווייטנס האָבן זיך געזען קאַרגע ליכט-פּונקטן און מיר האָבן באַשלאָסן צוצופאָרן צו דעם נאָענט-ליגנדן ישוב און זיך דער-וויסן, ווו מיר זענען ערגעץ פאַרקראָכן. אַרום ניין באַנאַכט זענען מיר אַריין אין דאָרף סען קשאָרוש, וואָס איז שוין פעסט גע-שלאָפן הינטער די געקאָוועטע טירן פון די אַלטע, שטיינערנע הייזער. פון צפון-זייט איז דאָס דאָרף פאַרשטעלט געווען מיט אַ האַלב-צעשטערטער הויכער מויער, מיט שמאָלע שיס-לעכער. די-דאָזיקע מויער האָט אַמאָל זיכער אַרומגערינגלט אָט דעמדאָזיקן ישוב.

נאָך אַ לאַנג רופן און שטאַרק פּייפעריי פון אונזער אויטאָ-סירענע האָבן זיך דערהערט טריט און פון אַ פינסטער געסל האָבן זיך באַוויזן ווייסע, לייוונטענע לאַטשן. ס'האָבן זיך דער-

געטערט צווי פויערים מיט יאַגד־ביקסן, וועלכע האָבן אונז דערקלערט, אַז מיר געפינען זיך, נישט מער און נישט ווייניקער, ווי אויפן וועג, וואָס פירט צום פאַשיסטישן פראָנט פון סאַראַגאָסאַ...

מיר האָבן געאײַלט צוריק און אין אונזער אויטאָ איז מיטאַמאָל געוואָרן הייס פון די געשיכטעס, וואָס די מיטפאָרער האָבן אָנגעהויבן דערציילן וועגן ענלעכע פאַלן, וואָס האָבן במשך פון די פיר חדשים שפּאַנישן בירגער־קריג פּאַסירט מיט אויסלענדישע זשורנאַליסטן. מ׳האָט אפילו אָנגעהויבן פאַנטאַזירן, ווי אַזוי די פאַשיסטן וואָלטן אונז אויפגענומען...

דידאַקטישע „גרויל“־דערציילונגען זענען איבערגעריסן געוואָרן ביים אַריינפאָר אין דער שטאָט בעניקאַרלאָ, וווהין מיר זענען אָנגעקומען נאָך עלף. פאַר דער איי־אונטאַמיענטאָ (מאַגיסטראַט) פון דעם באַקאַנטן פערפום־שטעטל האָט זיך געדרענגט אַ ריזיקער המון. מיר זענען שטיין געבליבן און מיט דער הילף פון די צווי צויבער־ווערטער „פעריאָדיסטאַ עקסטראַנכעראָס“ (אויסלענדישע זשורנאַליסטן) האָבן מיר זיך דורכגעריסן דורך דער מאַסע און אַריין אין דעם פּאַלאַץ־אַרטיקן מאַגיסטראַט, וואָס איז פול געווען מיט קינדער און פרויען.

דאָס זענען פון מאַדריד אַהערגעברענגט געוואָרן הונדערט און אַכציק קינדער פון מיליציאָנערן, וועלכע זענען געפאַלן אָדער קעמפן אויף די פראָנטן. די קינדער זענען געבראַכט געוואָרן צען בײַנאַכט, און אין צווי שעה אַרום זענען שוין געווען אַלע אַדאָפּטירט דורך די אַרבעטער פון דער אָרטיקער פערפום־פאַבריק „אַרריען־קלען“.

די קינדער מיט זייערע נייע מאַמעס, וועלכע האָבן איינע נאָך דער אַנדערער פאַרלאָזט דעם מאַגיסטראַט, זענען מיט אויסגעשרייען באַגריסט געוואָרן דורך דער מאַסע, וואָס האָט זיך געדרענגט אינדרויסן: „סאַלוד!“ סאַלוד!“

עטלעכע פון צווישן די הונדערט און אַכציק קינדער זענען

ניצול געוואָרן פון דער מערדערלעכער באָמבאַרדירונג פונם מאַד־רידער סקווער.

מיר האָבן פאַרלאָזט דאָס שטעטל, געריר־טע פון אָט דעם בילד, וואָס איז דער בעסטער באַווייז, ווי ווייט דאָס שפּאַנישע פאָלק איז אייניק אינם קאַמף קעגן פאַשיזם. אין דער ליטעראַטור פון דער וועלט־מלחמה זענען, דאַכט זיך, אַזעלכע סצענעס נישט פאַרפיקסירט געוואָרן און עפּעס ענלעכס האָט זיכער נישט פּאַסירט, אַז איין שטעטל פון קנאַפּע צען טויזנט איינוווינער זאָל אַדאָפּ־טירן הונדערט און אַכציק קינדער.

די וועג־טאָוולען מיטן אויפשריפט „וואַלענציאַ" ווערן אַלץ אָפטער. און געדיכטער ווערן די פּאָמעראַנצן־גערטענער, וואָס ציען זיך אויף ביידע זייטן פון שאָסיי. יעדע פּאָר מינוט צינדט זיך אָן אויפן שאָסיי אַ ריזיקער רעפלעקטאָר און ס'דערזעט זיך אַ וואַנט פון זעק־באַריקאַד.

— „דורוטי!" — רופט דער שאָפער אויס שוין העכער און טרייבט ווייטער די מאַשין.

...זעקס, פינף, צוויי, איין קילאָמעטער און פּלוצלינג: בלויע, טונקל־לייכטנדע לעמפּלעך — וואַלענציאַ שיצט זיך אויף אַזאַ אופן קעגן לופט־אָנגריפן. האַלב־איינגעלאָשענע רעפלעקטאָרן פון אונזער אויטאָ באַלייכטן די פּוסטע טראָטוארן. אַ לעצטער נאַכט־טראַמוויי מיט אַ בלויען רעפלעקטאָר און פאַרהאָנגענע שויבן פויזעט לאַנג־זאַם דורך דער גאַס, און דער פוילער גרילץ פון די רעדער הילכט אָפּ אין דער פּוסטער, פינסטערער שטאָט.

מיר פאַרפאָרן פאַרן פּרעסע־ביוראָ פון דער פּרעזידענטור, וואָס איז טעטיק אָן איבעררייס, און דער לייטער פון ביוראָ שיקט אונז מיט אַ מיליציאָנער, וועלכער דאַרף אונז פאַרשאַפן אַ נאַכט־לעגער. פון האָטעל צו האָטעל פאָרן מיר דורך דער שטאָט, וואָס בליקט אין דער פינסטערניש אַריין דורך בלויע ברילן...

די האָטעלן זענען איבערפולט. וואַלענציאַ נעמט יעדן טאָג אויף טויזנטער עמיגראַנטן פון מאַדריד און אַנדערע פראָנט־שטעט. ערשט נאָך לאַנגער וואַנדערונג באַקומען מיר אַ מאַנסאַרדע מיט

אַ קליין פענסטערל און זאַלבעדריט פאַלן מיר מידע אַוועק אויפן איינציקן בעט.

מיר קאָנען אָבער אַזוי שנעל נישט אַנטשלאָפן ווערן. די אומהיימלעכקייט דריקט שווער אויפן געמיט. מ'הערן זיך צו צו יעדן שאָרך, צו יעדן אָפּקלאַנג, וואָס הילכט אָפּ אין אונזער מאַנסאַרדע. אַ טורעם־זייגער קלינגט האַלב דריי, און אין דער שטילקייט, וואָס שטעלט זיך צוריק איין נאָך די מעשענע קלאַנגען, הערן זיך פון צייט־צו־צייט איינזאַמע, אָפּגעריסענע שאָסן פון ביקסן און קורצע גערעוועררייען פון מעכאַנישע פּיסטוילן. דאָס זענען די מיר שוין פון באַרצעלאָנאַ גוט־באַקאַנטע נאַכט־שאָסן פון שנעלע חשבונות...

ווי זעט אויס די שטאָט וואַלענציאַ אין טאָג־ליכט? דורכן קליינעם פענסטערל פון אונזער צימער רייסן זיך אַריין זון און געפּילדער. איך לויף שנעל אַראָפּ פון די זיבן שטאָק און עס באַגעגנט מיך דער גערויש פון פּלאַץ קאַסטעלאַר, וואָס טראָגט דעם נאָמען פון שפּאַניענס גרויסן רעפּובליקאַנער. איך געפין זיך אַלזאָ אין סאַמע צענטער פון שטאָט. דאָ איז די הויפּט־פּאָסט, די מעריע און די גרעסטע קאַפעען. פאַר אַלע געביידעס ליגן גרויסע קופּעס זעק, אָנגעפּולטע מיט ערד — מאַטעריאַל פאַר באַריקאַדן. וואַלענציאַ האָט געלערנט פון מאַדריד און אין די לעצטע וואָכן, ווען מאַדריד איז געווען פולשטענדיק באַדראָט, האָט מען דאָ אָנגעהויבן באַצייטנס צוגרייטן פאַרטיידיקונגס־מאַטעריאַל.

די באַוועגונג אויף די גאַסן, איז דאָ נאָך פיל שטאַרקער, ווי אין באַרצעלאָנאַ. די געדיכט־באַווינטע, האַלב־מיליאָניקע שטאָט האָט אין די לעצטע וואָכן באַקומען אַ זעכציק טויזנט עמיגראַנטן, וואָס האָבן אָנגעשטאָפּט די נאַציאָנאַליזירטע האָטעלן און פולן אויס די קאַפעען, ווו ס'איז שווער צו באַקומען אַ פריי טישל. די מאַגאַזינען זענען עלעגאַנט און צאָלרייך. וואַלענציאַ איז שפּאַניענס רייכסטע פּראָווינץ און די רייכקייט פילט זיך דאָ אויף שריט און טריט — די הייזער, די קאַפעען און די עפנטלעכע

אַנשטאַלטן זענען פאַרשווּנדעריש אויסגעשטאַטעט און טראָגן אויף זיך דעם חותם פון איינגעזעסענער גבירישקייט.

איך פאַרגעס דעם שווערן איינדרוק, וואָס עס האָט אויף מיר געמאַכט דער אַריינפאָר ביינאַכט אין דער פינסטערער שטאָט מיט די געציילטע, בלויע לאַמטערן. פון אַלע ווינקלען שלאָגט אַקטיווּיטעט. די אויטאָ־באַוועגונג איז נאָך שטאַרקער, ווי אין דעם אַנדערהאַלבן־מיליאָניקן באַרצעלאָנאַ. און די פּלאַקאַטן, וואָס דעקן צו די ווענט, זענען עקספּרעסיווער און שרייעדיקער, ווי די פּלאַקאַטן אין באַרצעלאָנאַ. דאָ פילט זיך שוין די לופט פון מאַדריד און די נערוועזיטעט פון קריג.

„שפּאַנישע מוטערס!

טוט אַלץ, אַז אייערע זין זאָלן וואָס שנעלער זיך געפינען אויפן קאַמפּס־פעלד“.

„פרויען!

אַרום מאַדריד קומט פאָר די דעצידירנדע שלאַכט קעגן פאַשיזם. נעמט אַריין אין אייערע היימען די פרויען און קינדער פון די קעמפנדע מיליציאָנערן!“

אָט דאָס זענען די שטימען, וואָס שרייען אַראָפּ פון די ווענט.

ס׳איז זונטיק. אויף די גאַסן, וואָס דערווייטערן זיך פון צענטער, פילט זיך דער רו־טאָג. פאַר דער אַרענע פון אָקסן־קאַמף זענען די בילעטן־קאַסעס באַקלעפּט מיט מענטשן. עס טרעט אַרויס דער באַרימטער מאַטאַדאָר ראַפאַעלי, דער איינציקער פון צווישן די באַרימטסטע שפּאַנישע מאַטאַדאָרס, וואָס איז פאַרבליבן אויף דער זייט פון דער רעפּובליק. דעמדאָזיקן מאַטאַדאָר ווערן דערייבער אָפּגעגעבן די זעלבע כּיבודים, ווי למשל די אָנגעזעענע רעפּובליקאַנישע גענעראַלן.

אויפן פּלאַץ טעטואַן טרעף איך אָן אַ דעמאָנסטראַציע פון קינדער אין ווייסע סאַניטאַר־פאַרטיכלעך מיט רויטע קרייצן אויף די אָרעמס. צוויי יינגלעך טראָגן אַ קראַנקן־בעטל, אויף וועלכן

עס ליגן אַ סך זילבערנע און קופּערנע מטבעות. די פאַרבייגייער וואַרפן כסדר צו זייער צושטייער פאַרן רויטן קרייץ.

דער אָוונט פאַלט־צו. די לאָמפּן צינדן זיך אָן העל, אָבער גלייכצייטיק ברענען אויך די קליינע בלויע לעמפּלעך אויף די ראָגן פון די גאַסן און אין די טויערן פון די הייזער.

דאָס געפיל פון אומרו, וואָס איז ביי מיר במשך פון טאָג אינגאַנצן פאַרשוואונדן, האָט אָנגעהויבן צוריק אויפטויכן. עס האָט זיך דערנעענטערט די שעה, ווען דאָס רוישיקע און ליכטיקע וואַלענציאַ הייבט זיך אָן איינהילן אין בלויקייט. ס'איז צען מינוט צו צען. די העלע לאָמפּן לעשן זיך אויס, די קאַפעען שליסן זיך צו. עס פאַרשווינדט דאָס ליכט פון די פאַרביקע שויפענסטער. די טראַמווייען ווערן זעלטענער און עס ליידיקן זיך אויך אָפּ די טראָטואַרן.

ס'איז סוף נאָוועמבער. דער הימל איז ריין, אָן שום וואָלקנס, און דערוויל אויך אָן עראָפּלאַנען, פאַר וועלכע די שטאָט הילט זיך איין יעדן אָוונט אין טונקעלער בלויקייט...

פון די אויסגעלאָשענע, אַנטשוויגענע גאַסן בין איך אַריינגעפאַלן אין קאָכעדיקן עס־זאַל פון מיין האָטעל, ווו דער „פערטער שיכט" האָט ערשט געהאַלטן אינמיטן אָוונט־ברויט.

דער האָטעל, אין וועלכן איך האָב קוים באַקומען אַ בוידעם־נעסטל, האָט הונדערט און פינף צימערן און אַ בוידעם מיט מיט נומערירטע מאַנסאַרדעס. געוויינלעך נעמט אַריין דער האָטעל צוויי הונדערט מענטשן. היינט וווינען דאָ העכער זיבן הונדערט. מען שלאָפט אין די קאָרידאָרן, אין די וואַנע־צימערן, און יעדן טאָג ווערט ענגער — מען שטראָמט אָן אויפהער פון מאַדריד. דאָס מיטאָג־עסן איז פאַרטיילט אין פינף „שיכטן" — פון צוועלף ביז פיר. איך געהער טאַקע צו דער „פינפטער שיכט" און בין צוגעפּאָרט מיט אַ פּופּציקיעריקער באָבע און איר קליין אייניקל. דער מאַן פון דער פרוי איז אַ פּאָלקאָווניק און איז געבליבן אין מאַדריד, אַלס מיטגליד פון רעפּובליקאַנישן גענעראַל־שטאַב.

דער פאָטער פון דעם זעקסיעריקן יינגעלע, דער באַוווסטער

צום פראָנט. איבער די גאַסן מאַרשירן אָפּ די באַטאַליאָנען צום שלאַכט־פעלד.

שפּאַנישער פילם-אַוואַנגאַרדיסט פּיקעראַס, איז דערשאָסן געוואָרן דורך די פאַשיסטן אין סעווילאַ, ווו ער האָט זיך גראָד געפונען אין די טעג פון אויפשטאַנד. די מוטער פון דעם יינגעלע איז, אַ דערשיטערטע פון דער איבערלעבונג, אָפּגעפירט געוואָרן אין אַ סאַנאַטאָריום.

דאָס יינגעלע איז שנעל מיט מיר געוואָרן היימיש און, אַ דורשטיקער נאָך צערטלעכקייטן, טוליעט ער זיך צו מיר און נישטערט אין מיינע קעשענעס. ער באַקומט אַלעמאָל פון מיר די פולפעדער און דאָס נאָטיץ-ביכל, וואָס ער האָט ביי מיר אַנטדעקט, און אין שכנות פון מיינע נאָטיצן מאַכט ער פאַנטאַסטישע צייכענונגען, וואָס דאַרפן מיט זיך פאָרשטעלן אַעראָפּלאַנען און באָמבעס, וועגן וועלכע ער רעדט די גאַנצע צייט פון עסן...

מיין האָטעל געפינט זיך אין סאַמע צענטער פון שטאָט, אויפן פּלאַץ קאַסטעליאַר, און איבערן סופּיט-בענסטערל פון מיין צימער הענגט דער דראָענדיקער שפּאַנישער הימל. איך בין אָבער נישט אַבערגלויביש און שלאָף רויק אונטער די ציטערנדיקע שטערן.

אַליאַרם...

איך האָב כסדר „געאיבט" מיינע נערוון און זיך פסיכיש געגרייט צו דער לופט-באָמבאַרדירונג, אויף וועלכער מען האָט זיך אין וואַלענציאַ געריכט יעדע שעה. די אייגנטימער פון די גרויסע געשעפט-און קאַפע-הייזער האָבן לויט אַ פאַראָרדענונג פון קריגס-מיניסטעריום פיבערהאַפט גענומען באַקלעבן די שוי-פענסטער מיט פּאַפּיר-פּאַסן, אַז ווען עס וועלן קראַכן אין דער שטאָט די באָמבעס זאָלן זיך די שויבן נישט צעשפּריצן. איך האָב מיר גוט איינגעחזרט די אַדרעסן פון די „רעפוכיאָס", וואָס די צייטונגען האָבן יעדן טאָג אַלס שטענדיקע רובריק געבּרענגט אויף דער ערשטער זייט.

איך האָב אפילו די קעלערס, נאָענט פון מיין האָטעל, באַזוכט און באַטראַכט, צי די דרייהונדערט־קילאָדיקע באָמבעס „מעד אין זשערמעני" וועלן דורכברעכן די זעקס שטאָק, ביז אין קעלער אַריין. עס האָט זיך מיר געדאַכט, אַז איך בין מיט זיך „פּאַרטיק". אָבער ווען עס האָט זיך פּלוצלינג אַרום אַכט אָוונט אויסגעלאָשן דאָס ליכט אויף די גאַסן און די סירענעס האָבן זיך קלאָגעדיק צעשריגן, בין איך אויפגעשפּרונגען. אויף די געזיכטער פון מיינע קאָלעגן האָב איך געזען מיין אייגענע בלאַסקייט.

מיר זענען געזעסן אין דער אַלטער קאַפע „ליאָן ד'אָר", אין דער אַמאָליקער שטאַם־קאַפע פון בלאַסקאָ איבאַנעז, און דער שמועס איז אַוועק וועגן באָמבאַרדירונגען. מיר זענען געקומען צום געמיינזאַמען אויספיר, אַז אַ לופט־אַטאַק אויף וואַלענציאַ באַדייט אַ ווירקלעכע קאַטאַסטראָפע. די שטאָט ציילט שוין באַלד אַ מיליאָן איינוווינער. די האָטעלן און די הייזער זענען אָנגעשטאָפּט ווי בינשטאָקן, די געביידעס זענען הויפּטזעכלעך אַלטע און די קעלערס זענען קיין קעלערס נישט. אין מאַדריד און אין באַרצעלאָנאַ איז פאַרהאַן אַ מעטראָ און די געביידעס זענען אויך מאַסיווער, אין וואַלענציאַ אָבער וועט אַ באָמבאַרדירונג פאַרוואַנדלען די שטאָט אין אַ חורבה.

דער רעגן, וואָס האָט געגאָסן גאַנצע פינף טעג, האָט אויפגעהערט און ס'איז זיך דעריבער געווען צו ריכטן אויף דער ווייטערדיקער „אַקטיוויטעט" פון די פאַשיסטישע פליער. מיר האָבן אָבער לאַנג נישט באַדאַרפט וואַרטן דערויף, ווייל אָט איז דער עלעקטרישער לאָמפּ לעבן אונזער קאַפע־פענסטער מיטאַמאָל אויסגעלאָשן געוואָרן און ס'האָט זיך דערהערט דאָס געוואַי פון דער סירענע.

— זיי זענען דאָ!

אין דער טיר האָט זיך אַריינגעריסן אַ פרוי מיט אַ וויינענדיק קינד אויף דער האַנט און נאָך איר נאָך עטלעכע צעשראָקענע פאַרבייגייער. אין קאַפע איז שנעל אויסגעלאָשן געוואָרן

דאָס ליכט און בלויז אַ קליין ווינקל-לעמפעלע איז געבליבן ביים הופעט.

— ניין, נישטאָ דאָ קיין קעלער! — זאָגט אונז דער קעלנער, וועלכער האָט אַראָפּגעוואָרפן פון זיך די ווייסע מאַרינאַרקע.

דאָ פאַרבלייבן איז אַן אומזין. מען מוז זוכן דעם נאָענטסטן קעלער. מיר זענען אַרויס אויף דער גאַס. די סירענע האָט אויפגעהערט, אָבער אין דער פינסטערניש האָבן אומהיימלעך אָפּגעהילכט די פוס-טריט פון די לויפנדיקע סילועטן. מיר זענען מיטגעלאָפן.

— „רעפוּכיאָ! רעפוּכיאָ!“ — אַ קעלער! — הערן זיך שטימען.

ביים אַריינגאַנג האָט געברענט אַ נאַפט-לאָמפּ, און ווי נאָר מיר זענען אַראָפּ מיט די ערשטע שטיינערנע טרעפּ, האָט זיך ווידעראַמאָל דערהערט די סירענע, אָבער דאָס מאָל פיל טרויעריקער — דאָ שטיל געברומט, דאָ ווידער געשטאַרקט זיך און דאַן איבערגעגאַנגען אין אַ נערוועזן, אָפּט-איבערגעריסענעם געוואָי.

אונטן איז געווען פול. מיר האָבן זיך געפונען אין אַ קעלער פון אַ נישט-פאַרענדיקטער זיבן-שטאָקיקער געביידע, וועמענס פראָנט גייט אָבער אַרויס אויפן סאַמע „פּלאַץ קאַסטעליאַר“.

— דאָס איז, דאַכט זיך, דער בעסטער שוץ-קעלער אין וואַלענציאַ — רופט זיך אָן עמעץ פון אונזער גרופּקע, וואָס האַלט זיך צוזאַמען צונויפגעדרענגט אונטערן בעטאָנענעם פילאַר.

אין קעלער האָבן זיך געפונען אַן ערך טויזנט מענטשן. מאַמעס מיט קינדער אויף די הענט, איינגעוויקלטע אין מענערישע מאַרינאַרקעס. דאָס האָבן פרעמדע מענער דאָ אויפן אָרט אַראָפּגענומען פון זיך די רעקלעך און געגעבן די צעשראָקענע מוטערס, וועלכע האָבן אין דער בהלה נישט באַוויזן מיטצונעמען עפּעס פון די שטובן, נאָר געכאַפּט בלויז די האַלב-נאַקעטע קינדער און אַראָפּ אין קעלער אַריין.

די מענער אין די וועסטלעך זיצן ביים פייער, וואָס איז

אויף דער שנעל אָנגעלייגט געוואָרן. אַרום דעם פייער שפּילן זיך אויך עטלעכע קינדער, וועלכע קנעטן ברייטלעך פונם זאַמד, וואָס ליגט אין קעלער פון דער נישט פאַרענדיקטער געביידע.

יעדעס מאָל, ווען עס דערהערט זיך אַ געקנאַל, ווערט דער געדיכטער געמורמל איבערגעשניטן ווי מיט אַ מעסער און אין דער שטילקייט הערט זיך ווייטער דאָס אומאיבערגעריסענע וואָיען פון דער סירענע.

דער אַליאַרם דויערט שוין העכער אַ שעה און אַלץ שווערער און אומדערטרעגלעכער ווערט דער אומרו און די דערוואַרטונג... דער איינציקער לעבעדיקער געדאַנק אין מיר חזרט איבער אָן אויפהער: זאָל עס שוין נעמען אַ סוף!

ווען מיין בליק פאַלט אָבער אויף די צוויי שוואַנגערדיקע פרויען, וואָס שטייען קעגנאיבער מיר ביי דער וואַנט שטיל און רויִק, גלייך איך זיך אויס מיטאַמאָל און מיט שטוינונג באַמערק איך דאַן די גלייכגעוויכט פון די שפּאַניער.

ערשט איצט האָב איך אויף אַן אמת אָנגעהויבן גלייבן אין דער דיסציפּלינירטקייט פון דער מאַדרידער באַפעלקערונג און אַז די באָמבאַדירונגען האָבן ווירקלעך נישט דעמאָראַליזירט די איינוווינער פון שפּאַניעס טראַגישער הויפּט־שטאָט.

איך דערווייטער זיך פון פילאַר און קוק זיך צו ווי טייל פרויען, וועלכע זענען אַרויס פון די קאַפּעען מיט די שפּיזלעך און וואָל־קניילעכלעך אין די הענט, זיצן רויִק אויף די ציגל־קופּעס און שטריקן ווייטער. די דערוואַקסענע קינדער האָבן שוין פון זאַמד אויפגעבויט באַריקאַדן און שפּילן זיך אין מלחמה, נאָכמאַכנדיק מיט די מיילעכלעך דעם הילך פון ביקסן־שאָסן: „פּום! פּום! פּום!"

עס לעבן פאַר מיר אויף מיינע אייגענע קינדער־יאָרן אין דער צייט פון דער וועלט־מלחמה און די פאַרביטערטע „שלאַכטן", וואָס מיר האָבן געפירט צווישן זיך אין די חורבות פון די צעשאָסענע הייזער. איך געדענק אויך גוט די לאַנגע וואָכן, וואָס מיר האָבן געוווינט אין אַ קאַלטן, פייכטן קעלער, אָבער דעמאָלט

האָבן נישט געדראָט קיין עראָפּלאַנען, קענען וועלכע עס איז אייגנטלעך קיין גרויסע שוץ נישט פאַרהאַן.

פאַר צען אַ זייגער, נאָך צוויי שעה פון אומאויפהערלעכן אַליאַרם, איז די סירענע שטיל געוואָרן. ס'האָבן זיך אָנגעצונדן די בלויע לעמפּלעך, אַלס באַוויז, אַז די געפאַר איז אַדורך. דער עולם האָט זיך אַ וואָרף געטון צו די אַרויסגענג. אויף די גאַסן האָבן זיך געזאַמלט קופּקעלעך מענטשן און איינער דעם אַנדערן האָט געשטעלט די זעלבע פראַגע! — „ווו האָט מען באָמ־באַרדירט?"

מיר זענען אַוועק אין פּרעסע־ביוראָ פון אויסערן־מיניסטער־יום און זיך דערוווסט, אַז אַרום אַכט האָט זיך אין פּאָרט פון וואַ־לענציאַ באַוויזן אַן עסקאַדרילע אַעראָפּלאַנען, וואָס האָט נאָך אַ האַלבער שעה אַרומקרייזן זיך אַוועקגעלאָזט קיין אַליקאַנטע און במשך פון אַנדערהאַלבן שעה אָן אויפהער באָמבאַרדירט די שטאָט. וואַלענציאַ איז דאָס מאָל אָפּגעראַטעוועט געוואָרן.

אויף צוריקוועגס האָבן מיר ככדר אָנגעטראָפן מענטשן, וועל־כע האָבן מיט וואַליזקעלעך און פּעקלעך געאײַלט צום באַנהויף, וואָס איז געווען אינגאַנצן פינסטער. אין וואָקזאַל האָט זיך פאַר די קאַרג־באַלויכטענע פענסטערלעך געדרענגט אַ ריזיקע מענטשן־מאַסע. דער אַליאַרם האָט אין דערדאָזיקער נאַכט פאַרטריבן פיל הונדערטער מענטשן פון וואַלענציאַ.

אין דערדאָזיקער נאַכט איז מיר אויך שוין שווער געווען איינ־צושלאָפן אין מיין האָטעל־צימער. ס'איז געווען די ערשטע לבנה־נאַכט נאָך די לאַנגע רעגנס און עס האָט מיך פאַרפאָלגט דאָס גע־שפּענסט פון די עראָפּלאַנען־פליגל, וואָס האָבן שוין געמאַכט זייער ערשטע פלי־פּראָבע איבער דער ניי־אימפּראָוויזירטער הויפּט־שטאָט.

פאַרטאָג איז דאָס בלוי־איינגעדרימלטע וואַלענציאַ אויפגע־וועקט געוואָרן פון מאַרסעליעזע־קלאַנגען און שטורמישע טענער פון „אינטערנאַציאָנאַל" דאָס האָבן אויפן וועג קיין מאַדריד זיך פאַרהאַלטן צוויי טויזנט פרייוויליקע פון פראַנקרייך — פרישע

פאַרשטאַרקונגס־כּוחות פאַר די פאַרשידענע באַטאַליאָנען פון דער אינטערנאַציאָנאַלער בריגאַדע. די איבערוויגנדע מערהייט האָבן מיט זיך פאָרגעשטעלט פּראָנצויזן, אויסגעדינטע זעלנער און רעזערוו־אונטעראָפיצירן פון דער וועלט־מלחמה. אין דער דייטשישער גרופּע פון דעם אינטערנאַציאָנאַלן טראַנספּאָרט האָט זיך געפונען דער באַקאַנטער שריפטשטעלער גוסטאַוו רעגלער.

. . . .

קורץ נאָכדעם, ווי די לאַסט־וואָגנס מיט די צוויי טויזנט פרייוויליקע זענען אַוועק מיטן שאָסיי קיין מאַדריד, האָבן מיטן זעלבן וועג אָנגעהויבן אָנצוקומען פון מאַדריד די עוואַקויִרטע אוניווערסיטעט־פּראָפעסאָרן, וויסנשאַפטלער, שריפטשטעלערס, קינסטלער און אויך די לעצטע קינדער־גרופּן, וואָס זענען אָפּגעשיקט געוואָרן אין פאַרשידענע שטעט און שטעטלעך פון דער וואַלענציאַנער פּראָווינץ. פיל לאַסט־אויטאָס האָבן אויך געבראַכט קונסט־אָביעקטן און די ווערטפולסטע ביכער פון דער נאַציאָנאַל־ביבליאָטעק, צווישן וועלכע עס האָט זיך אויך געפונען דער ערשטער געדרוקטער עקזעמפּלאַר פון „דאָן קישאָט".

לאַרגאָ קאַבאַליעראָ

אַ צעזאַריאַניש־נאַקעטער קאָפּ, אַ קאַלט געזיכט און פון ביידע געזיכטס־זייטן — רויטע פויסטן. אָט אַזוי האָט מען דעם פאָלק געוויזן דעם פּאָרטרעט פון לאַרגאָ קאַבאַליעראָ. די ווענט פון וואַלענציאַ און אַלע דערפער אַרום זענען באַקלעבט געווען מיט דיראַזיקע פּלאַקאַטן. דאָס האָט געזאָלט זיין דער מענטש פון

זיג, דער מענטש פון פאַראייניקטן פאָלקס־ווילן — דער „שפּאַני־
שער לענין״...

גאַנץ אַנדערש האָב איך דערזען צום ערשטן מאָל דעם לע־
בעדיקן קאַבאַליעראָ. מיר זענען פאַרזאַמלט געווען אַ פּאָר און
דרייסיק זשורנאַליסטן פון אַלע וועלט־עקן. עס זענען געווען באַ־
זונדערס פיל פראַנצויזן מיט מאַגנאָקלען אין די אויגן און מיט
קאַמיש־פאַרשוירענע בערדלעך. עס איז געווען אַ געהויבענער
מאָמענט, אַ געשעעניש — דעם פּרעמיער נעמט־אויף צום ערשטן
מאָל נאָכן פאַרלאָזן מאַדריד.

פון קאַבאַליעראָס קאַבינעט גייט אַרויס אַן עלעגאַנט־גע־
קליידעטער הער מיט אַ פאַרשוירן וואָנסעלע און קרומער פּליי־
צע. עס איז דער סאָוויעטישער אַמבאַסאַדאָר ראָזענבערג, וועלכער
האָט נאָר־וואָס פאַרענדיקט זיין אוידיענץ ביים פּרעמיער. מיר
וואַרטן נאָך אַלץ אין גרויסן אויפנאַם־זאַל, ווו אַ לאַנגער טיש איז
אָנגעשטעלט מיט שאַמפּאַניער־פלעשער און קרישטאָלענע בעכערס.
מיט אונז פאַרנעמט זיך דערוויילע דער אויסערן־מיניסטער אַלוואַ־
רעז דעל וואַיאָ, וועלכער האָט אַליין ערשט נישט לאַנג פאַרלאָזט
דאָס זשורנאַליסטישע פאַך און ער פילט זיך דעריבער היימיש אין
דער סביבה פון זיינע באַרופס־קאָלעגן. אויף זיין שאַרפער נאָז
זענען די ברילן אַראָפּגעלאָזט און ביים אָפטן שמייכלען דעקן זיך
אים אָפט אָפּ די עטוואָס אַרויסשטאַרנדיקע אייבערשטע ציין.

מיטאַמאָל עפנט זיך די טיר פון דערביי־איקן קאַבינעט. עס
באַווייזט זיך אַ מיליטערמאַן מיט אַ קאָקאַרדע אויף דער ברוסט
און בעט אונז אַריין. אין פולער געשפּאַנטקייט דרענגען מיר זיך
אַריין אין קאַבינעט. פאַר אונז שטייט אַ מיטלוווקסיקער, דיקלע־
כער מאַן מיט טיפע קנייטשן אויפן געזיכט און גרויע שיטערע
האָר אויפן קאָפּ. עס איז נישט דער שטרענגער, צעזאַריאַנישער
קאָפּ פון פלאַקאַט מיט די רויטע פויסטן ביי די געזיכטס־זייטן —
עס איז אַן אַלטער מאַן, וועלכער האָט נישט באַוויזן מיטצוגיין מיט
אָט די פויסטן. אין אַ טונקעלער נאַכט האָט ער שטיל פאַרלאָזט
מאַדריד, פאַרלאָזט די אַרבעטער פון דער באַלאַגערטער פאָרשטאָט

שאַמבערי, ווו ער איז געבוירן געוואָרן אין דער ענגקייט פון אַן אָרימער פראָלעטאַרישער שטוב — און זיך צוריקגעצויגן אין די דעמערדיקע, מיט גאָלד־דראַפּירטע צימערן פון וואַלענציאַנער רע־גירונגס־פּאַלאַץ.

קיין גרויסע באַגײַסטערונג זעט זיך נישט אויף קאַבאַליעראָס פּנים פון דעמדאָזיקן זשורנאַליסטישן וויזיט, און ס'איז נישט קיין וואונדער: אַמנאָענטסטן לעבן אים שטייט אַ פּאַרשוין מיט אַ גע־לער, קאָמישער באָרד און אַ שוואַרצן מאָנאָקל אין אויג. די אומ־געלומפּערטע פראַגן פון דעמדאָזיקן זשורנאַליסט, וועלכער רע־פּרעזענטירט אַ גרויסע פּאַריזער צייטונג, רופן אַרויס אַ דיסקרעטן שמייכל אויף קאַבאַליעראָס געזיכט.

די פראַגן ווערן געשטעלט אויף פראַנצויזיש און קאַבאַליע־ראָ ענטפערט אויף שפּאַניש.

— מאַדריד — זאָגט קאַבאַליעראָ — וועט נישט פאַלן, ווײַל די ציוויל־באַפעלקערונג פון דער הויפּטשטאָט און בכלל דאָס גאַנצע שפּאַנישע פאָלק וועט שטעלן דעם האַרטסטן ווידערשטאַנד. מאַד־ריד האָט בלויז פאַר אונז אַ מאָראַלישע באַדײַטונג, אָבער פון סטראַטעגיש־מיליטערישן שטאַנדפּונקט שטעלט די שטאָט נישט פאָר מיט זיך קיין שום באַזונדערן ווערט. און ווען אפילו מאַדריד וועט פאַלן, וועלן מיר ווײַטער פאָרזעצן אונזער קאַמף. די רעפּובליק האָט ביז איצט נישט געהאַט דעם נייטיקן קריגס־מאַטעריאַל. איצט זענען מיר אימשטאַנד צו פירן מלחמה און מיר הייבן זי טאַקע אָן. איצט וועלן מיר פירן דעם קריג!

— און וואָס רעכנט איר נאָכן זיך צו טון בנוגע די באַלע־אַרן־אינזלען, וואָס געפינען זיך איצט אין די הענט פון די איטאַ־ליענישע אָפיצירן?

— מיר וועלן קיינעם נישט אָוועקשענקען אפילו קיין איין שפּאַן ערד.

— זעט איר נישט פאָר, אַז ווען פראַנקאָס שאַנסן וועלן זיך ווײַטער אַזוי פאַרערגערן, וועט דאָס ברענגען צו אַ וועלט־

קריג, וואָס וועט פּראָוואָצירט ווערן דורך דייטשלאַנד און איטאַליען?

— מיר זאָרגן דערוויילע, אַז פראַנקאָס שאַנסן זאָלן זיך טאַקע פאַרערגערן, — ענטפערט קאַבאַליעראָ מיט אַ טאָן פון אַן איינגעהאַלטענער איראָניע — און אויב אפילו עס וועט פּראָוואָצירט ווערן אַ וועלט־מלחמה, וועלן מיר ווייטער פאָרזעצן א ו נ ז ע ר קריג.

— צי ווייסט מען גענוי, וואָס פאַר אַן עראָפּלאַנען עס האָבן באָמבאַרדירט דעם סקווער אין מאַדריד, ווו עס זענען געהרגעט געוואָרן די קינדער.

— מיר ווייסן גענוי, — ענטפערט קאַבאַליעראָ — אַז די שפּאַנישע אויפשטענדיקע פליער האָבן זיך אָפּגעזאָגט צו באָמבאַרדירן מאַדריד מיטן מאָטיוו, אַז עס געפינען זיך דאָרט זייערע פאַמיליעס, און די פאַרברעכערישע טאַט איז אויסגעפירט געוואָרן דורך די דייטשישע און איטאַליענישע פליער.

איינער פון די זשורנאַליסטן ציט אַרויס פון טאַש אַ פּאַקעט פאָטאָגראַפיעס פון די דערמאָרדעטע קינדער און באַלד גייען די שרעקלעכע דאָקומענטן פון האַנט־צו־האַנט.

— און וואָס טראַכט איר וועגן פראַנקרייך? — פאַלט די לעצטע פראַגע.

— איך טראַכט, — פאַרטראַכט זיך טאַקע לאַרגאָ קאַבאַליעראָ — אַז דאָס פראַנצויזישע פאָלק איז מיט אונז.

מיט דעמדאָזיקן „דיפּלאָמאַטישן" ענטפער איז פאַרענדיקט די פּאָליטישע טייל פון דער אוידיענץ. איצט גייט מען צוריק אַריבער אין גרויסן זאַל, צו די שאַמפּאַניער־פלעשער און די קרישטאָלענע בעכערס אויף די זילבערנע טאַצן. די פלאַשן האָבן געקנאַקט און עס האָט געשוימט דער שאַמפּאַניער. איך האָב נישט מיטגעטרונקען, נאָר פונדערווייטנס אָבסערווירט דעם מענטש, איבער וועלכן דער אָרעאָל פון לעגענדע האָט זיך שוין אָנגעהויבן פונאַנדערוויַיען.

לאַרגאָ קאַבאַליעראָ. אפילו אין נאָמען פון דעמדאָזיקן פירער

איז אַריינגעלייגט געוואָרן אַ סימבאָל. זיין אייגנטלעכער נאָמען איז נישט קאַבאַליערא, נאָר לאַרגאָ, וואָס עס באַדייט אויף שפּאַניש גלייכצייטיק „גרויס" און „ווייט". קאַבאַליעראָ איז בלויז דער נאָמען נאָך דער מוטער.

פראַנציסקאָ לאַרגאָ קאַבאַליעראָ איז געבוירן געוואָרן דעם 15-טן אָקטאָבער 1869 אין דער מאַדרידער פאָרשטאָט שאַמבערי. זיין פאָטער האָט געשטאַמט פון טאָלעדאָ און די מוטער פון גוואַדאַלאַכאַראַ. ביידע זענען זיי געוועזן אַרבעטער און געלעבט אין אָרימקייט. די נויט האָט די פאַמיליע לאַרגאָ אָנגעהויבן באַזונדערס צו פּייניקן, ווען יעדעס יאָר איז אויפן שפּאַניש; שטייגער צוגעקומען נאָך אַ קינד אין דעם ענגן שטיבל, אין וועלכן זיי האָבן געלעבט. זיי פאַרלאָזן די הויפּטשטאָט און פאָרן אַריבער קיין גראַנאַדאַ. דאָ איז דער יונגער פראַנציסקאָ אָנגעקומען צו די „הייליקע ברידערלעך", ווי מען זאָגט עס אין שפּאַניען.

דעמאָלט האָבן אין שפּאַניען נישט עקזיסטירט קיין אַנדערע שולן, אַ חוץ אין די קלויסטערס, און די מאָנאַכן זענען דאָס געוועזן די ערשטע דערציִער פון צוקונפטיקן פירער פון שפּאַנישן סאָציאַליזם. דער יונגער פראַנציסקאָ האָט אָבער לאַנג נישט גענאָסן פון דער הייליקער לערע. צו אַכט יאָר ווערט ער שוין אַרויסגענומען פון דער שולע און אָפּגעגעבן אַלס לערן-ייִנגל אין אַ פאַבריק פון טעקטור-שעכטלען. ביז פערצן יאָר טוישט ער זיינע באַרופן. ער אַרבעט אַלס איינבינדער און שפּעטער אין אַ וואַרשטאַט פון שטריק, וו ער האָט גאַנצע טעג געמוזט שטיין ביי אַ ראָד און דרייען ביז מידעקייט. לסוף לערנט ער זיך שוין אויס אַ סאָליד פאַך – שטוקאַטור, ביי וועלכן ער איז באַשעפטיקט ביזן יאָר 1904. אַלזאָ, ביזן פינפאונדרייסיקסטן לעבנס-יאָר איז דער פירער פון רעפּובליקאַנישן שפּאַניען געשטאַנען אויף די רושטאָוואַניעס און באַצירט די הייזער פון די רייכע מאַדרידער אַריסטאָקראַטן.

אויף די פּלאַקאַטן צו די פּאַרלאַמענט-וואַלן אין פעברואַר 1936 האָט מען אונטער דעם נאָמען פון קאַנדידאַט פראַנציסקאָ

לאַרגאָ קאַבאַליעראָ אויך געקאָנט איבערלייענען זיין באַרוף: „עסטוקואיסטאַ" — שטוקאַטור־אַרבעטער.

דער יונגער שטוקאַטור־אַרבעטער פראַנציקסאָ לאַרגאָ האָט זיין פרייע צייט נאָך דער שווערער אַרבעט אינטענסיוו אויסגענוצט אויף לערנען און בילדן זיך.

אין יאָר 1890 איז ער אַריינגעטרעטן אין פּראָפעסיאָנעלן פאַריין פון די מויער־אַרבעטער און אין פיר יאָר אַרום, דעם 9־טן מאַי 1894, איז ער געוואָרן מיטגליד פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי. ער ווייזט באַלד אַרויס שטאַרקע אַקטיוויטעט און זיין אָראַטאָרישער טאַלאַנט שטעלט אים אַוועק אין דער שפּיץ פון דער יונגער סאָציאַליסטישער באַוועגונג אין שפּאַניען. ערשט בעת דער וועלט־מלחמה, ווען דער איינפלוס פון די שפּאַנישע סאָציאַליסטן איז מיטאַמאָל שטאַרק אויסגעוואַקסן, איז לאַרגאָ קאַבאַליעראָ צום ערשטן מאָל געוויילט געוואָרן אין פּאַרלאַמענט. אין יאָר 1909, ווען דער אַנאַרכיסטישער פירער און שעפער פון מאָדערנעם שול־וועזן, פראַנציסקאָ פעררער, איז דערשאָסן געוואָרן, האָט לאַרגאָ קאַבאַליעראָ אָרגאַניזירט אַ מעכטיקע פּראָטעסט־קאַמפּאַניע אין שפּאַניען קעגן אָט דעם יוסטיץ־מאָרד. קאַבאַליעראָ ווערט דאַן צום ערשטן מאָל אַרעסטירט. פון דעמאָלט אָן ווערט דער טעמפּעראַמענטפולער סאָציאַליסטישער פירער אָן אָפטער גאַסט אין די תפיסות פון מאַדריד און קאַרטאַכענאַ. אין 1917, נאָך די גרויסע סאָציאַלע אומרוען, וואָס האָבן אויפגעטרייסלט גאַנץ שפּאַניען, פאַרברענגט לאַרגאָ קאַבאַליעראָ צווייי חדשים אין דער מאַדרידער מיליטערישער געפענגעניש „קאַרצעל מאָדעלאָ", די פעסטונג, אַרום וועלכער עס איז אין די לעצטע וואָכן שטאַרק געקעמפט געוואָרן.

טראָץ דער רייכער רעוואָלוציאָנערער פאַרגאַנגענהייט אין די פאַרערער פון קאַבאַליעראָ נישט געלונגען צו שאַפן אַרום אים די סוגעסטיע וועגן אַ שפּאַנישן לענין, און דאָס צוליב די אָפּוויי־כונגען, וואָס קאַבאַליעראָ האָט געמאַכט גראָד אין אַ מאָמענט פון פאַרביטערסטן קאַמף מיט דער רעאַקציע.

אין פעריאָד פון דער דיקטאַטור אין שפּאַניען האָט קאַבאַליעראָ, אויפן פאָרשלאַג פון פּרימאָ דע ריווערא, אָנגענומען דעם פּאָסטן פון ערשטן מיניסטעריאַל־ראַט אין אַרבעטס־מיניסטעריום. דערדאָזיקער שריט פונם פּראָלעטאַרישן פירער האָט אַרויסגערופן אַן אַנטוישונג, אָבער עס האָבן אויך אין דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי גופא נישט געפעלט קיין פאַרטיידיקער פון קאַבאַליעראָס האַנדלונג. זיי האָבן עס מאָטיווירט מיט די מעגלעכקייטן פון פאַרבעסערן אַזוי אַרום די שווערע לאַגע פון די שפּאַנישע אַרבעטער. קאַבאַליעראָ איז אָבער אויפן דאָזיקן פּאָסטן זיינעם נישט לאַנג פאַרבליבן. אַ געוויסע צייט איז זיין פּאָפּולאַריטעט געוואָרן אָפּגעשוואַכט, אָבער לאַנגזאַם האָט ער צוריקגעווינען זיין גרויסן איינפלוס און נאָך לאַנג פאַר דער אַנטשטייאונג פון דער רעפּובליק האָט ער שוין אָנגעפירט מיט די שפּאַנישע סינדיקאַטן און די גרעסטע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס. דערדאָזיקער אויטאָדידאַקט, וועלכער קען נישט קיין אַנדערע שפּראַך אַ חוץ שפּאַניש, איז אויך מיטגליד פונם אויפזיכטס־ראַט ביים אינטערנאַציאָנאַלן אַרבעטס־ביוראָ אין גענף.

נאָך די וואַלן פון פעברואַר 1936, וואָס האָבן געבראַנגט אַן איבערוויגנדן זיג פאַר דעם „פרענטע פּאָפּולאַר", האָבן זיך פאַרשאַרפט די אינערלעכע קאָנפליקטן אינערהאַלב דער שפּאַנישער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי. די „מאַדעראַדאָס" (געמעסיקטע), מיט אינדאַלעסיאָ פּריעטאָ אין דער שפּיץ, האָבן פאַרלאַנגט אַ צוזאַמענאַרבעט מיט די בירגערלעכע לינקע, אָבער לאַרגאָ קאַבאַליעראָ מיט זיינע אָנהענגער האָבן פאַרלאַנגט די אויסרופונג פון דער פּראָלעטאַרישער דיקטאַטור. די קאָנפליקטן האָבן אַלץ מער אָנגענומען אָפענע קאַמפּס־פאָרמען. דער „קלאַרידאַד", דער אָרגאַן פון קאַבאַליעראָ, האָט געפירט די שאַרפסטע פּאָלעמיק מיט דעם אָפיציעלן פּאַרטיי־אָרגאַן „על סאָציאַליסטאַ", די עלטסטע אַרבעטער־צייטונג פון שפּאַניען, וואָס איז געגרינדעט געוואָרן דורך דעם שפּאַנישן זשאָרעס, פּאַבלאָ איגלעסיאַס. די רייבונגען זענען געווען אַזוי שטאַרק, אַז עס האָט זיך געדאַכט, אַז

די פאַרטיי וועט זיך שפּאַלטן און דער פאָלקס-פראָנט וועט ווערן צעבראָכן.

דעם ניינצעטן יולי איז געקומען דער פאַשיסטישער אויפשטאַנד, און אַ חודש שפּעטער נעמט קאַבאַליעראָ דעם מלוכה-רודער אין דער האַנט. ער ווערט פּרעמיער, קריגס-מיניסטער און בלייבט ווייטער דער סעקרעטאַר פון דער „או. כע. טע". זיין אינטימסטן פריינט, אַלוואַרעז דעל וואַיאָ, גיט ער איבער די טעקע פון אויסערן-מיניסטעריום, אָבער אויך זיין שאַרפסטן קעגנער אין דער פאַרטיי, אינדאַלעסיאָ פּריעטאָ, נעמט ער אַריין אין זיין קאַבינעט.

בעת אַ פּאַרלאַמענט-סעסיע אין וואַלענציאַ האָב איך געזען, ווי דידאָזיקע דריי פירנדיקע פּערזענלעכקייטן פון שפּאַניען זענען געזעסן צוזאַמען אין דער ערשטער רייע פון האַלב-רונדן זאַל. פון לינקס — קאַבאַליעראָ, אינדערמיט — דעל וואַיאָ און אויף רעכטס — פּריעטאָ.

קאַבאַליעראָ האָט גערעדט.

ער האָט פון דער זילבערנער טאַץ אויפגעהויבן דאָס גלאָז וואַסער, אָבער נאָך אַ האַלבער שעה רעדן האָט ער עס צוריק אַוועקגעשטעלט, נישט צוטראָגנדיק עס אפילו צום מויל. אָן שום זשעסטן, רויִק און פעסט איז געשטאַנען אָט דער אַכטאונזעכציקיעריקער מאַן, וועמענס שטים עס האָט רעגולער געשטיגן אין דער קראַפט.

די דעפּוטאַטן האָבן אַפּלאָדירט. אויך דער מיניסטער דעל וואַיאָ האָט געקלאַפּט באַגייסטערט, אָבער פּריעטאָ איז געזעסן די הענט פאַרפלאָכטן אויף זיין ריזיקער ברוסט.

„אויב די רעגירונג שטעלט נישט צופרידן דאָס לאַנד און אויך נישט אייך, איז עס אין אייערע הענט די רעכט דידאָזיקע רעגירונג צו שטירצן".

— — — — — — — — —

דאָס איז געווען דאָס שוואַנען-ליד פון דעם אַלטן פירער.

איצט זאַמלט ער אַרום זיך די אומצופרידענע — די, וואָס זענען אומ־צופרידן מיטן איצטיקן רעזשים פון נעגרין־פּריעטאָ און וועלכע זע־נען ערשט מיט אַ קורצער צייט צוריק אומצופרידן געווען מיטן רע־זשים פון קאַבאַליעראָ גופא. דער דעמיסיאָנירטער פּרעמיער און נישט דערגאַנגענער דיקטאַטאָר זאַמלט איצט אַרום זיך די איי־ביקע אָפּאָזיציאָנערן — די אַנאַרכיסטן און טראָצקיסטן.

די לעגענדע דורוטי

זיין גאַנץ לעבן איז געווען אַרומגעוועבט מיט לעגענדעס און אויך זיין טויט גייט אַריין אין דער לעגענדע פון דער שפּאַ־נישער רעוואָלוציע. דורוטי האָט אָפּגעשלאָסן מיט זיך די עפּאָכע פון ראָמאַנטישן אַנאַרכיזם און אין דער עפּאָפּעע, וואָס טראָגט דעם נאָמען „מאַדריד“, איז ער פון די ערשטע העלדן.

דורוטי איז פיל יאָרן געווען דאָס שרעקנס־בילד פון אַ גאַנ־צער רייע לענדער. אויף זיין חשבון זענען פאַרשריבן געוואָרן פאַרשידענע אַטענטאַטן, טעראָר־אַקטן און רויבערייען, וועגן וועל־כע ער האָט אפילו נישט געחלומט. ער איז תמיד געווען דער שעיר לעזאזל פון די אומגעלומפּערטסטע פּאָליציי־אישע פּראָוואָ־קאַציעס. ער איז דאָס געווען דער לעבעדיקער העלד פון טראַ־ווענס באַרימטן ראָמאַן די „טויטן־שיף“, וועלכן קיין שום לאַנד וויל נישט האָבן ביי זיך.

פאַר דער זשאַנדאַרמעריע פון פראַנקרייך, בעלגיען און האָ־לאַנד איז ער אַ לאַנגע צייט טאַקע געווען דער „פוטבאָל“, וועלכן זיי האָבן געשליידערט פון גרענעץ צו גרענעץ. קיינער האָט נישט געוואָלט האָבן ביי זיך דעם שרעקלעכן שפּאַנישן טעראָריסט.

אין יאָר 1927 איז אין סאַן־סעבאַסטיאַן געגרייט געוואָרן די פייערלעכע דערעפענונג פון אָרטיקן קאַסינאָ. צו דער דערעפע־נונג איז אָנגעזאָגט געוואָרן די אָנוועזנהייט פון שפּאַנישן קעניג־לעכן פּאָר. אָבער אין טאָג פון דער פייערונג האָט די פּאָליציי

פלוצלינג „אַנטדעקט” אַ הייל אונטערן קאַסינאָ און אינעווייניק אויך עטלעכע קאַסטנס אויפרייס-מאַטעריאַל. נאַטירלעך האָט מען דערין באַשולדיקט דורוטין, וועלכער האָט זיך גאָר דאַן געפונען אין אַ צווייטן עק פון שפּאַניען.

אין בעלגיען האָט מען אים באַשולדיקט אין אָרגאַניזירן אַן אַטענטאַט אויפן קעניג אַלבערט. דיזאָזיקע באַשולדיקונג איז גע־וואָרפן געוואָרן אויף דורוטין נאָכדעם, ווי ער איז דריי יאָר צייט אָפּגעזעסן אין בריסעל אונטער אַ פרעמדן נאָמען און יעדן טאָג געקומען עסן אין דער אַרבעטסלאָזע-קיך פון „פאָלקס-הויז”. אין טשילי איז ער פאַרמשפּט געוואָרן צום טויט פאַרן כלומרשטן דער־מאָרדן אַ גענעראַל, אין אַרגענטינע איז ער אויך פאַרמשפּט גע־וואָרן צו דערשיסן פאַרן אויספירן אַ רויב-אָנפאַל אויף אַ באַנק און אויך פון שפּאַניען גופא איז ער אַנטלאָפן מיט אַ טויט-אור־טייל. פון אומעטום איז אים באַצייטנס געלונגען צו אַנטלויפן און אַזוי אַרום האָט ער דריי מאָל אויסגעמיטן דעם טויט. דעם טויט אָבער האָט ער געפונען ביי דער פאַרטיידיקונג פון מאַדריד.

די לעגענדעס אַרום דורוטי גייען אַרויס אויס די ראַמען פון יעדער פאַנטאַזיע, אָבער צו די אמתע פאַקטן געהער דורוטיס לעצ־טע דערקלערונג עטלעכע טעג פאַר זיין איבערגיין פון אַראַגאָנער אויפן מאַדרידער פראָנט:

— ווען דער קריג וועט זיין געענדיקט, וועל איך צוריקגיין אין פאַבריק און ווייטער אַרבעטן אַלס מעכאַניקער. נאָר אויב עס איז מיר באַשערט צו פאַלן אויפן פראָנט, וואָלט איך וועלן פאַלן ביי די טויערן פון מאַדריד.

דער פּאָליטיש-אויכגעשולטער דורוטי, דער גרעסטער אָראַ־טאָר פון צווישן די שפּאַנישע אַנאַרכיסטישע פירער, איז פונדעסט־וועגן פאַרבליבן דער פּרימיטיווער ראָמאַנטיקער, וואָס עס איז דער כאַראַקטער-שטריך פון אַלע שפּאַנישע אַנאַרכיסטן.

עס אונטערליגט נישט קיין שום ספק, אַז אין אָנהייב פון זיין רעוואָלוציאָנערער טעטיקייט האָט דורוטי אויסגעפירט און אָר־גאַניזירט טעראָר-אַקטן, באַזונדערס אויף דער שפּאַנישער פּאָליציי,

וואָס האָט אים מוראדיק פאַרפאָלגט. דורוטי האָט אָבער קיינמאָל זיך נישט מודה געווען צו דידאָזיקע מעשים, וואָס פיל פון זיינע חברים באַטראַכטן נאָך היינט אויך פאַר רעוואָלוציאָנערע לייסטונגען.

אין יאָר 1917 איז דער דעמאָלט דרייאונצוואַנציק-יעריקער דורוטי שוין געשטאַנען אין דער שפּיץ פון דער סינדיקאַליסטישער באַוועגונג אין שפּאַניען. אַלס מעכאַניקער אין די אייזנבאַן-וואַרשטאַטן פון דער פּראָווינץ לעאָן, האָט ער דאַן אָרגאַניזירט דעם ערשטן אַלגעמיינעם שטרייק פון די באַן-אַרבעטער. מיטן רעוואָלווער אין דער האַנט פלעגט ער אינמיטן וועג אָפּשטעלן די לאָקאָמאָטיוון, וואָס זענען געפירט געוואָרן דורך שטרייקברעכער, און זיין פּאָפּולאַריטעט און איינפלוס איז דאַן געוואַקסן אומגעהייער צווישן די אַנאַרכיסטישע מאַסן. די פּאָליציי האָט אים אָנגעהויבן פאַרפאָלגן. ער האָט זיך אָבער אַלע מאָל קונציק אַרויסגעדרייט, געוואַנדערט פון איין פּראָווינץ אין דער צווייטער און מיט זיינע טעמפּעראַמענטפולע אַרויסטרעטונגען צוגעצויגן אומגעהייערע מאַסן פאַר דער אַנאַרכיסטישער באַוועגונג.

די רעגירונג האָט דאַן באַשטימט אַ פּרעמיע פאַר זיין קאָפּ, אָבער דורוטי האָט אַלעמאָל אָפּגערוימט די גיריקע פּרעמיע-זוכער און ענדלעך אַנטלאָפן פון שפּאַניען. ער האָט געוואַנדערט פון לאַנד צו לאַנד און ערשט אין בעלגיען, אַ דאַנק די באַמיִונגען פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי, געקאָנט זיך אויפהאַלטן אַ לענגערע צייט. גלייך אָבער מיט דער אַנטשטייאונג פון דער שפּאַנישער רעפּובליק האָט דורוטי זיך אומגעקערט קיין שפּאַניען און ווייטער זיך געוואָרפן צו זיין פּאָליטישער אַרבעט אין לאַנד.

די דריי פּאָפּולערסטע נעמען פון דער שפּאַנישער אַנאַרכיסטישער באַוועגונג זענען: דורוטי, אַסקאַסאָ און גאַרסיאַ אָליווער. דידאָזיקע דריי אַרבעטער זענען געווען דאָס געשפּענסט פאַר דער שפּאַנישער פּאָליציי און ווי דריי ברידער האָבן זיי זיך געהאַלטן צוזאַמען. אַ געוויסע צייט האָט מען זיי אויך געזען צוזאַמען אויפן



זײַ געזונט! דער צוג, מאָס פאָרט אָפּ צו דער פֿײַער־ליניע, טראָגט די איניציאַלן פון פאַראייניקטן אַרבעטער־פראָנט: „אַ. ה. פ.״ און אויך פון די סאָציאַליסטישע סינדיקאַטן — „אַ. כ. ט.״

„מאָנפּאַרנאַס" אין פּאַריז און אַ דאַנק די באַמיאונגען פון דער שפּאַנישער אַמבאַסאַדע האָט מען זיי אויסגעוויזן פון פראַנקרייך.

פון די דריי איז איצט בלויז געבליבן איינער. אַסקאַסאָ איז אין טאָג פון 19-טן יולי געהרגעט געוואָרן אויף דער ראַמבלאַ אין באַרצעלאָנאַ, דורוטי איז איצט געפאַלן אַלס פירער פון דער גרעסטער אַנאַרכיסטישער מיליץ-אָפּטיילונג און גאַרסיאַ אָליווער, דער לעצטער פון די דריי אַממיינסטן פאַרפאָלגטע אַנאַרכיסטן אין שפּאַניען, איז געוואָרן יוסטיץ-מיניסטער אין דער שפּאַנישער צענטראַל-רעגירונג. אָט ווי עס בייטן זיך די גורלות...

דערדאָזיקער פאַרפאָלגטער און נישט איינמאָל אויך אין קייטן-געשמידטער אַרעסטאַנט האָט דאָס געגעבן אַ ביישפּיל פון אַ נייער יוסטיץ. ער האָט דאָס געגעבן דעם פּראָיעקט וועגן אַן אויסבעסערונגס-שטאָט פאַר ציוויל-אַרעסטאַנטן. די איינוווינער פון אָט דער צוקונפטיקער דערציִונגס-שטאָט וועלן אַרבעטן און קריגן אויך באַצאָלט פאַר זייער אַרבעט. זיי וועלן אויך באַקומען דערלויבענישן פון צייט-צו-צייט דידאָזיקע שטאָט צו פאַרלאָזן. ווי מיר זען, אַלזאָ, זענען פאַרפאָלגטע נישט אַלעמאָל קיין פאַרפאָלגער...

באַלד ביים אויסברוך פון די יולי-געשעענישן אין שפּאַניען איז דורוטי אַוועק אויפן אַראַגאָנער פראָנט אין דער שפּיץ פון אַן אָפּטיילונג, וואָס האָט געציילט פופצן טויזנט מענטשן. אין דער גאַנצער געגנט, וואָס האָט זיך געפונען אין זיין מאַכט, האָט ער גלייך אָנגעהויבן רעאַליזירן דעם אַנאַרכיסטישן אוטאָפּיזם. ער האָט אַנולירט דאָס געלט, איינגעפירט אַ סחורות-אויסטויש און אין מיליטער אָפּגעשאַפט יעדן ראַנג. לויט זיין טערמינאָלאָגיע זענען די אָפיצירן אָנגערופן געוואָרן „קריגס-טעכניקער", וועלכע האָבן נישט געהאַט קיין שום פּריווילעגיעס. די „טעכניקער" האָבן געמוזט אויספירן די זעלבע פונקציעס, ווי די איינפאַכע מיליציאָנערן, ווי למשל: ברענגען וואַסער, בויען פאַראַפּעטן א. א. וו. דאָס דערהאַלטן די אָפיצירן-ראַנגעס האָט דורוטי באַטראַכט פאַר פאַשיזם, וואָס ער

האָט טאַקע פאַרגעוואָרפן די סאָציאַליסטישע און רעפּובליקאַנישע אָפּטיילונגען.

אין אָנהייב איז דורוטי געווען באַגייסטערט פון טוישן אינ־דוסטרי־אַרטיקלען אויף תבואה, אָבער ביסלעכווייז האָט ער דער־פילט די שוועריקייטן און זיך אָנגעהויבן צוריקציִען. צוערשט האָט ער אַרויסגעלאָזט אייגענע געלט־באַנעס און ביסלעכווייז צוריק דערלויבט די צירקולאַציע פון פעזעטאַס.

במשך פון די פיר קאַמפּס־חדשים האָט דורוטי דורכגעמאַכט אַן עוואָלוציע, וואָס האָט אים דערווייטערט פון אַנאַרכיסטישן ראָמאַנטיזם. ער האָט פאַראורטיילט די דיסציפּלינלאָזיקייט, גע־רופן צו אַן אײנהייטלעכער מיליטערישער קאָמאַנדע און ביי זיך אין דער אָפּטיילונג שטרענג באַשטראָפט פאַר יעדן טעראָר־אַקט אין באַצוג צו דער ציווילער באַפעלקערונג אין די פראָנט־שטעטלעך.

אין די קריטישע טעג, ווען מאַדריד איז געווען שטאַרק באַדראָט, האָט דורוטי פאַרלאָזט דעם געגנט רויִקן אַראַגאָנער פראָנט און מיט אַ גרויסער טייל פון זיין אָפּטיילונג אַוועק אין שאַרפסטן פייער, פאַרטיידיקן די הויפּטשטאָט.

אין אַ זונטיקדיקן טאָג האָב איך צום ערשטן מאָל געזען דעם לעגענדאַרן דורוטי. ער האָט געשפּאַנט אין דער שפּיץ פון דער מיליץ־אָפּטיילונג, דאָס היטל געהאַלטן צונויפגעקנייטשט אין דער האַנט און אויף דער ברוסט האָט זיך אים געטרייסלט אַ גרוי־סע פעלד־לאָרנעטע. די מיליציאָנערן מיט די רויט־שוואַרצע הי־טעלעך האָבן געשפּאַנט דורך דער ראַמבלאַ, דער הויפּט־גאַס פון באַרצעלאָנאַ, באַגלייט פון וויוואַט־אויסגעשרייען פון המון. נאָענט פון פאָרט, פאַר דעם אָנדענקונגס־טאָוול פון אַסקאַסאָ, האָט די אָפּ־טיילונג זיך פאַרהאַלטן. דורוטי האָט דעם קאָפּ אָנגעשפּאַרט אָן דעם טאָוול און, אַראָפּנעמענדיק דאָס שוואַרץ־רויטע טיכל פון האַלז, זיך געווישט די אויגן. דער „שרעקלעכער טעראָריסט", דער ברייט־פּלייציקער, פעסטער מעכאַניקער האָט געוויינט אויפן אָרט, וווּ עס איז געפאַלן זיין חבר אַסקאַסאָ.

* *
*

דורך די גאַסן פון וואַלענציאַ האָט דורכגעצויגן די לוויה פון דורוטי. פאַרן אויטאָ, וואָס האָט געפירט דעם קערפער פון לעגענדאַרן רעוואָלוציאָנער, האָט געשפּאַנט דער לעצטער פון אַנאַרכיסטישן דרייליג — דער יוסטיץ-מיניסטער גאַרסיאַ אָליוויער. אַ ריזיקער המון האָט זיך געדרענגט אויפן פּלאַץ קאַסטעליאַר און איבער דער שטאָט האָט געררוישט אַן עסקאַדרילע עראָפּלאַנען, וואָס האָט געשיצט דעם טרויער-צוג פאַר אַן איבערפאַל פון איטאַליענישע און דייטשישע באָמבעס.

לודוויג רען

די לעגענדאַרע געשטאַלטן פון דער שפּאַנישער רעוואָלוציע האָבן זיך געמערט. אין נישט-אויפגעבויטן פּאַנטעאָן פון מאַרטירערשאַפט זענען צוגעקומען אַלץ נייע העלדן און געוועז זענען דאָס מענטשן, וואָס האָבן אויסגעמיטן דעם טויט אויף דער איי-גענער ערד, אין די אייגענע היימען, און געקומען שטאַרבן אויף די פעלדער פון שפּאַניען.

דער קאָמיסאַר פון „גאַריבאַלדי"-באַטאַליאָן, פּיטשעלי, האָט די איטאַליענישע עמיגראַנטן געפירט צום שטורעם-אַטאַק קעגן די מוסאָליניסע „שוואַרצע פיילן" אויפן פראָנט פון גוואַדאַלאַכאַראַ, און דער בייערישער פויערים-פירער, האַנס ביימלער, האָט אין שפּיץ פון „טעלמאַן"-באַטאַליאָן מאַרשירט קעגן די היטלעריסטישע „שטורעם-טרופּן" אויפן פראָנט פון כאַראַמאַ. זיגרייך זענען געווען דידאָזיקע מאַרשן, אָבער אויף אָט די צוויי פראָנטן אַרום מאַדריד זענען געפאַלן די צוויי אָנגעזעענסטע פירער פון דער איטאַליענישער און דייטשישער עמיגראַציע; עס זענען אָבער אַלץ

צוגעקומען נייע, וועלכע האָבן פאַרלאָזט די שרייבטישן און פאַרביטן די פען אויף ביקס און שפּיז.

לודוויג רען האָט פאַרלאָזט די דאַוואָס־בערג, ווו ער האָט געקעמפט קעגן די קאָך־באַקצילן אין זיין אייגענעם, אויסגעמאָגערטן קערפּער, און אַוועק אין דער מאַדרידער פייכטער „סיערראַ“, כּדי דאָרט צו קעמפן קעגן די באַקצילן פון פאַשיזם.

אין דער קליינער קאַפע אויף „פּלאַצאַ קאַטאַלוניאַ“ אין באַרצעלאָנאַ איז פול געווען מיט מיליציאָנערן און ס׳האָבן דאָרט געקלונגען אַלע וועלט־שפּראַכן. לאַסט־אויטאָס מיט באַוואָפנטע טרופּן האָבן אַלע ווײַלע פאַרבייגעראָלט האַרט פאַר דער טעראַסע און זינגענדיק פאַרשוואונדן אויפן וועג קיין מאַדריד. אין אָט דעם געפּילדער האָט לודוויג רען אונז דערציילט זיינע איבערלעבונגען פון „קריג“ און „נאָכן קריג“ — ער האָט אונז דערציילט זיין אויטאָביאָגראַפיע, וואָס ער פּלאַנט אויפצושרייבן, נאַטירלעך, ווען די שפּאַנישע מלחמה וועט שוין זיין פאַרענדיקט.

אַן אויסגעמאָגערטער, מיט אַנטבלויזטע ביינערדיקע הענט איז ער געזעסן אין אַ בלוי׳ ספּאָרט־העמד און, דערציילנדיק וועגן וועלט־קריג, פּלוצלינג אַרויסגעצויגן פון קעשענע אַ בלאַנקעט־בויגן פון „האָטעל־קאָלאָן“ און אונז פאָרגעלייענט אַ ליד, וואָס ער האָט היינט באַגינען אָנגעשריבן וועגן שפּאַניען.

מיר האָבן אָבער פאַרלאַנגט, אַז רען זאָל ווייטער דערציילן וועגן זיך, וואָס ער האָט געטון מיט שעמעוודיקייט און אַ קינדעריש־נאַאיוון שמייכל אויף די בלאַסע ליפּן :

— אַלס יונגער אָפיציר — זאָגט רען — בין איך שוין געווען גוט באַפריינדעט מיטן זאַקסישן קרוינפּרינץ געאָרג, וועלכער איז אונטערן איינדרוק פון דייטשלאַנדס פאַרשפּילטן קריג אַריינגעפאַלן אין אַ רעליגיעזער מרה־שחורה און געוואָרן אַ מאָנאַך. נאָך אין יאָר 1913 איז דער קריג פאַר אונז געווען אַ זיכערער נצחון און מיר האָבן שוין מיט אומגעדולד געוואַרט אויף זיין קומען. אָבער ווי שנעל האָט פון מיר אויסגעוועפּט די באַגייסטערונג פון 1914. איך בין אַוועק אין שלאַכט אַלס קאָמפּאַניע־פירער

און אין אָנבליק פון די ערשטע געפאַלענע בין איך געוואָרן צו־זאַמענגעבראָכן. איך האָב אָנגעהויבן אַנדערש צו זען די וועלט, איך בין געוועז דערשיטערט און בין אין מיין קרייז נישט געווען דער איינציקער, וואָס האָט אָנגעהויבן קוקן קריטיש אויפן קריג; נאָך דער ערשטער שלאַכט האָט די זעלבע שטימונג באַהערשט פיל קאָמפּאַניע־פירער. אָבער די זעלבע אָפיצירן, וועלכע זענען נאָך די ערשטע גרעסערע שלאַכטן ביים סוף פון 1914 געווען אָפּאָזיציאָניסטיש געשטימט, זענען אין 1916 אַריבער אין לאַגער פון דער רעאַקציע. דאָס איז געשען דערפאַר, ווייל אין 1916 האָבן די אָפּאָזיציאָנעלע שטימונגען שוין אָנגעהויבן זיך שטאַרק אויסברייטערן צווישן די פּשוטע סאָלדאַטן און עס איז די אָפיצירן דעריבער נישט אָנגעשטאַנען צו טיילן די זעלבע אָנשויאונגען, ווי זייערע אונטערטעניקע. עס האָט מיך דעמאָלט אָנגעהויבן פאַר־פאָלגן דאָס בילד פונם טראַגישן אויסגאַנג פון קריג: אויב די דייטשן וועלן ווערן באַזיגט, האָב איך געטראַכט, וועלן זיי מוזן באַצאָלן ריזיקע אָנטשעדיקונגען, וואָס איך האָב זיך באַין־אופן נישט געקאָנט פאָרשטעלן ביי דער ווירטשאַפטלעכער רואין פון לאַנד. אויב אָבער דייטשלאַנד וועט זיגן, וועט די וועלט באַהערשט ווערן דורך איר שווערן זעלנערישן שטיוול, ענלעך ווי נאָך דער מלחמה פון 1871. טראָץ דידאָזיקע שטימונגען האָב איך ווייטער דערפילט מיין פליכט אַלס אָפיציר, אָבער אינערלעך בין איך שוין געווען צוזאַמענגעבראָכן. דעם לעצטן קלאַפּ האָט מיין אַלטער וועלט־אָנשויאונג געגעבן די אַזוי גערופענע „קורסן פאַר נאַציאָ־נאַלן באַוווסטזיין", וואָס זענען איינגעפירט געוואָרן אין דער אַרמיי אין יאָר 1917. דאָס זענען געווען פּראָפּאַגאַנדע־לעקציעס וועגן די צילן פון אַ „גרויס דייטשלאַנד". אין אַ געוויסן טאָג האָט מען אונז דערקלערט, אַז מיר מוזן פאַרנעמען בעלגיען. דידאָזיקע „אויפקלערונג" האָט געהאַט אַ פאַרקערטע ווירקונג און אפילו אַרויסגערופן בונטן צווישן די זעלנער.

רען גייט דאַן אַריבער צו דערציילן וועגן זיינע ערשטע פאַרבינדונגען מיט די סאָציאַל־דעמאָקראַטן, וועגן זיין אַרבעט

אין דער דרעזדענער זיכערהייטס-פּאָליציי אַלס רעפערענט פאַר פּערסאָנאַל-אָנגעלעגנהייטן. דאָס איז געווען אין יאָר 1920 :

— איך בין דאַן שוין געווען איזאָלירט פון אַלע מיינע מי־ליטער-קאָלעגן, וועלכע האָבן מיך באַטראַכט פאַר אַ פּאַררעטער פונם אָפיצירן-שטאַנד, בפרט נאָך אַלס אַדעליקער... עפּעס אַ קליי־ניקייט, פאַן גאַלזענאַו !

— אין 1922 האָב איך שוין אָנגעהויבן שרייבן דאָס בוך „קריג״. ס׳איז נאָך דעמאָלט ווייניק געשריבן געוואָרן וועגן דער וועלט־מלחמה, אַ חוץ באַרביסעס „פייער״, וואָס האָט מיר שטאַרק אימ־פּאָנירט. אַלנפאַלס, פון דער דייטשישער זייט איז נאָך דאַן גאָר־נישט געהאַט געזאָגט געוואָרן וועגן קריג. איך האָב זיך פאָרגע־נומען דידאַקטיק [דידאַזיקע] אויפגאַבע צו דערפילן, אָבער די אַרבעט איז מיר געגאַנגען שווער. איך האָב געפילט, אַז איך מוז זיך באַפרייען פון די אַלטע ליטעראַרישע איינפלוסן, איך האָב געפילט, אַז איך מוז זיך באַפרייען פון איבערגעלאָדענעם באַראָק, וואָס האָט גע־לאַסטעט אויף דער גאַנצער דייטשישער ליטעראַטור און דאַן אָנ־געהויבן זיך צואייגענען די פּאָזיטיווע זייטן פון סעמיאָנאָוווס גלענצנדן קריגס-בוך „ראַזפּלאַטאַ״, וואָס האָט געשילדערט דעם יאַפּאַניש-רוסישן קריג. אין יאָר 1913 האָט דער גענעראַל-שטאַב אונזער יונגן אָפיצירן-דור עמפּפוילן דאָס בוך צו לייענען. מיר האָבן דאַן נאָר-וואָס געהאַט פאַרענדיקט דעם קורס פון דער רוסישער שפּראַך און איך האָב דעריבער סעמיאָנאָווס בוך געלייענט אין אָריגינאַל. דאָסדאָזיקע בוך פון דעם רוסישן מיליטערמאַן האָט אויף מיר געהאַט געמאַכט אַ דערשיטערנדיקן איינדרוק. פון איין זייט האָב איך דערפילט דערין די צעפאַלונג פון דער רוסישער מאָ־נאַרכיע און פון דער צווייטער זייט האָט מיר סעמיאָנאָוו אימפּאָ־נירט מיט דער פּרעציזקייט און בילדערישקייט פון שילדערן דעם קריג. שרייבנדיק די ערשטע זייטלעך פון מיין „קריג״, האָב איך זיך גענומען אַלס מוסטער סעמיאָנאָווס פּרעציזן און ניכטערן, רעאַליסטישן סטיל. איך האָב אָבער גלייכצייטיק אויך געשריבן

עקספרעסיאָניסטישע לידער, וואָס זענען געווען אַ סתירה צו מיין פראָזע.

— אין 1924 איז דאָס בוך „קריג" שוין געווען פאַרטיק און אויך מיטן צווייטן בוך „נאָכן קריג" האָב איך שוין געהאַט היפּש אַיואַנסירט. איך האָב מיטן מאַנוסקריפּט געוואַנדערט פון פאַרלע־גער צו פאַרלעגער, אָבער קיינער האָט די ביכער נישט געוואָלט אַרויסגעבן. די פאַרלעגער האָבן געהאַלטן, אַז דאָס פּראָבלעם מלחמה אינטערעסירט שוין מער קיינעם נישט. איך בין צוליב דעם אַריינגעפאַלן אין אַ שווערער דעפּרעסיע און איך האָב באַשלאָסן צו פאַרלאָזן דייטשלאַנד.

— מיט מיין פאַמיליע — דערציילט ווייטער רען — האָב איך געהאַט איבערגעריסן, אַלע באַציִונגען, אָבער פונדעסטוועגן נישט שלעכט געלעבט פון מיין קאַפּיטאַן־פּענסיע. איך האָב דאַן באַשלאָסן צו מאַכן אַ „שפּאַציר" צו־פוס ביז עגיפּטן. אין האַרבסט 1925 בין איך אַוועק איבער דייטשלאַנד און נאָך עטלעכע חדשים אָנגעקומען קיין איטאַליען. אין רוים האָב איך אין אַ נאַכט־אַזיל אָנגעטראָפן נאָך אַזאַ משוגענעם ווי איך, צוזאַמען זיך געלאָזט אין וועג אַריין און געזען דאָס אָרימע, הונגער־ליידנדע איטאַליען.

— און ווער איז דאָס געווען אָט דער צופעליקער וועגס־חבר אייערער ? — האָב איך געפרעגט מיט דער נאַאיווער נייגי־ריקייט פון אַ לעזער פון שפּאַנענדע ראָמאַנען, וועלכער היפּערט איבער זייטל נאָך זייטל, כדי זיך ווי אַמשנעלסטן צו דערוויסן וועגן דעם ווייטערדיקן גורל פון העלד...

— מיין נייער חבר — צעלאַכט זיך האַרציק רען — איז געווען אַ שוסטער פון באַרוף — אַ פאַנאַטישער פאַרערער פון דעם דעמאָלט נאָך איבעראַל אויסגעלאַכטן אַדאָלף היטלער. ער האָט געהאַט מיט זיך צעטלען מיטן אויפשריפט : „דויטשלאַנד ערוואַכע" און ער פלעגט די צעטלען אויפקלעבן אומעטום, ווו מיר זענען נאָר אָנגעקומען. דער נאַציזם פון מיין חבר פלעגט זיין דער איינ־ציקער פונקט, וואָס פלעגט פון צייט־צו־צייט אַריינברענגען קאָנ־פליקטן צווישן אונז, אָבער ווייטער איז ער געווען זייער אַ גו־

טער וועגס־חבר. מיר זענען אַוועק קיין גריכנלאַנד, אָנגעקומען קיין סאַלאָניקי און פון דאָרט זיך אַרויפבאַקומען אויף די אַטאָס־בערג, וווּ ס׳געפינט זיך אַ גריכיש־קאַטוילישע רעפּובליק פון מאָ־נאַכן. ביי זיי זענען מיר פאַרבליבן אַ שטיקל צייט און דאַן — קיין קאָנסטאַנטינאָפּאָל, קליין־אַזיען און ענדלעך קיין עגיפּטן. אין 1926 בין איך אַליין שוין צוריקגעפאָרן קיין ווין. דעם 15־טן יולי 1927 האָב איך דאָרט בייגעוווינט די שרפה פון יוסטיץ־פּאַלאַץ. איך האָב געזען ווי דער פּראָלעטאַריאַט קעמפט הילפלאָז אויף די גאַסן, צוליב דעם, וואָס ער איז שלעכט אָרגאַניזירט. אין דעם זעלבן טאָג זענען ביי מיר אַנטשטאַנען וויכטיקע באַשלוסן. איך בין אַוועק אַהיים קיין דייטשלאַנד.

רעדנדיק וועגן די ווינער געשעענישן, גייט רען מיטאַמאָל איבער צו די גאַסן־קאַמפן דעם 19־טן יולי אין באַרצעלאָנאַ:

— ביז איצט פאַרבלייבט פאַר מיר אַ רעטעניש אָט די היסטאָרישע געשעעניש, ווי אַזוי די אומבאַוואָפנטע שפּאַנישע אַרבעטער האָבן באַוויזן צו באַזיגן און אָפּצושטויסן די אויפ־שטענדיקע אַרמיי, וואָס האָט געהאַט האַרמאַטן און מאַשינגעווערן. דידאָזיקע העלדישקייט איז פאַר מיר ממש אומפאַרשטעלבאַר.

האַנסביימלער, וועלכער האָט די גאַנצע צייט שווייגנדיק זיך צוגעהערט צו רענס דערציילונגען, האָט דאַן אָנגעהויבן שיל־דערן, ווי אַזוי די אַרבעטער זענען אַרויפגעשפּרונגען אויף די האַרמאַטן און זיי דעראָבערט:

— איר האָט באַדאַרפט זען די קאַמפן, וואָס זענען פאָרגע־קומען אָט־אָ־דאָ אויף פּלאַצאַ קאַטאַלוניאַ, אָט־אָ־דאָ פאַר אונזער קאַפע. איר האָט באַדאַרפט זען, ווי אַזוי פרויען זענען געלאָפן דירעקט אויף די נעסטן פון די פאַרשטעקטע מיטראַליעזן. דער, וואָס האָט דעם העראָאיזם נישט געזען מיט די אייגענע אויגן, דער קאָן עס טאַקע נישט גלייבן.

רען האָט מיט אַ פאַרכאַפּטן אָטעם זיך צוגעהערט צו ביימ־לערס שילדערונגען פון די ערשטע אויפשטאַנדס־טעג און אים באַ־וואָרפן מיט פראַגן וועגן די פּאַ־שידענע איינצלהייטן פון די

קאַמפּן. ביימלער האָט אָבער לאַנג נישט געוואָלט פּאַרציען מיט זיינע שילדערונגען און געבעטן רעדן ווייטער פאַרטצווזעצן וועגן זיך.

— ווען איך בין אָנגעקומען קיין דייטשלאַנד, האָט זיך מיין בוך פּלוצלינג אָנגעהויבן דרוקן אין דער „פראַנקפורטער צייטונג", אַ דאַנק די באַמיִונגען פון אַ פריינט, ביי וועלכן איך האָב גע־האַט איבערגעלאָזט דעם מאַנוסקריפּט. דאָס בוך איז שנעל געוואָרן אַ וועלט־דערפאָלג. במשך פון עטלעכע חדשים איז דאָס בוך דער־שינען אין כמעט אַלע וועלט־שפּראַכן. אין 1929 בין איך געוואָרן דער סעקרעטאַר פון פּראָלעטאַרישן שריפטשטעלער־פאַרבאַנד און דאָן איז דערשינען מיין ווערק „נאָכן קריג", וואָס איך האָב אי־בער דער צייט פונדאָסניי איבערגעאַרבעט. איך האָב זיך ווייטער אָנגעהויבן אינטערעסירן מיט מיליטערישע פראַגן און אין דער מיליטערישער צייטונג „אויפבורך" פאַרעפנטלעכט אַ שטודיום וועגן דער אַנטוויקלונג פון דער קריגס־טעכניק זינט די שווי־צער־קריגן ביז די נייעסטע צייטן. איך האָב אָנגעפירט מיט אומ־לעגאַלע מיליטער־קורסן און סוף 1932 צוליב דעם געוואָרן אַרעס־טירט. מ׳האָט מיך אָבער באַלד פרייגעלאָזט, ווייל די נאַציס האָבן דאַן געפירט אַ פיל שטאַרקערע מיליטערישע צוגרייטונגס־אַרבעט. אין טאָג פון דער רייכסטאַג־שרפה בין איך אַרעסטירט געוואָרן צוזאַמען מיט אָסיעצקין און ביזן פּראָצעס געזעסן מיט אים אין שפּאַנדאַו. מ׳האָט מיך פאַרמשפט אויף צוויי און אַ האַלב יאָר און אָפּגעשיקט אין דער תּפיסה פאַר שווערע פאַרברעכער אין בויטצען. איך בין געזעסן אין אַן איזאָלירטער קאַמער, אָבער די פּאָליטישע אַרעסטירטע פון דער זעלבער תּפיסה האָבן מיר באַזאָרגט צייטו־נגען און ליטעראַטור.

— האָט איר אין תּפיסה געוווסט וועגן דער פּראָטעסט־אַק־ציע, וואָס איז פאַר אייך געפירט געוואָרן דורך די אַנטיפאַשיסטי־שע אינטעלעקטועלע אין פאַרשידענע לענדער?

— שטעלט זיך פאַר, — צעלייכטן זיך ביי רענען די אויגן — אַז מיין חבר, מיט וועלכן איך האָב אַמאָל געוואַנדערט צוזאַמען,

האָט מיר פון קאַנאַדע צוגעשיקט אויסשניטן פון די דאָרטיקע צייטונגען מיט די פּראָטעסטן פאַר מיין באַפרייאונג. ס׳פאַרשטייט זיך — באַמערקט רען — אַז איבער דער צייט איז דערדאָזיקער שוסטער שוין געוואָרן אויס נאַצי... איך האָב באַקומען פיל אַנאָנימע און אפילו נאָמענטלעכע טרייסט-בריוו. איינער פון דידאָזיקע אומבאַקאַנטע פאַרערער מיינע איז דערפאַר איינגעזעצט געוואָרן אין קאָנצענטראַציע-לאַגער.

— צי האָבן אייך די נאַציס אויך אַזוי באַהאַנדלט ווי אָסיעצקין?

— ניין. די רעלאַטיוו-גוטע באַציאונג צו מיר האָט זיך גענומען דערפון, וואָס די נאַציאָנאַל-סאָציאַליסטן האָבן די גאַנצע צייט געהאָפט מיך צו געווינען אויף זייער זייט. זייערע האָפענונגען האָבן זיי געשטיצט אויף מיין מיליטער-קאַריערע און אויך אויף מיין אַדעליקער אָפּשטאַמונג.

— די נאַציס זענען אַזוי ווייט אַוועק אין זייערע אונטערהאַנדלונגען מיט מיר, אַז זיי האָבן מיר אפילו פאָרגעשלאָגן אַן אינדיווידועלע אַמנעסטיע פאַר מיר פּערזענלעך. זיי האָבן מיר געוואָלט צוריקגעבן מיין קאַפּיטאַן-פּענסיע און מיך געפרעגט, צי איך וואָלט נישט געוואָלט האָבן אַ געשפּרעך מיט אַלפרעד ראָזענבערג. איך האָב דידאָזיקע זעאונג מיטן נאַצי-שעף אָפּגעוואָרפן מיטן מאַטיוו, אַז די זעאונג וועט פּונקט אַזוי פּיינלעך זיין פאַר אים, ווי פאַר מיר... אין אויגוסט 1935 בין איך אַרויס פון דער תּפיסה און מען האָט מיר פאָרגעשלאַגן באַדינגונגען, אַ דאַנק וועלכע איך וואָלט געקאָנט צוריקקריגן מיין קאַפּיטאַן-פּענסיע און אויך באַקומען אַן אויסלענדישן פּאַס. מ׳האָט פאַרלאַנגט פון מיר בלויז, אַז איך זאָל אויפנעמען די פאָרשטייער פון דער אויסלענדישער פּרעסע און דערקלערן, אַז מען האָט מיך נישט געשלאָגן. איך האָב דאָס אָפּגעוואָרפן מיט דער באַגרינדונג, אַז צוליב דעם, וואָס אַנדערע אַנטיפאַשיסטן האָט מען יאָ געשלאָגן, וועט דערייבער מיין דערקלערונג טראָגן אַ בפירושן פּראָפּאַגאַנדע-כאַראַקטער.

פון אויגוסט ביז פעברואַר בין איך געווען אין דייטשלאַנד און אין פעברואַר האָב איך דורכגעגנבעט די גרענעץ און אָנגעקומען אין דער שווייץ.

אונזער געשפּרעך ווערט ווידעראַמאָל איבערגעריסן. צו אונזער טישל קומען צו עטלעכע פאָרשטייער פון דער איטאַליענישער עמיגראַציע אין באַרצעלאָנאַ, וועלכע בעטן רענען, אַז ער זאָל געבן עפּעס אַ זאַך פאַר זייערס אַן אויסגאַבע. ביי דער געלעגנהייט דערציילן זיי אים, אַז זיינע ביכער ווערן אין איטאַליען זייער שטאַרק געלייענט.

— איך ווייס דערפון, — זאָגט רען — מיין בוך איז אפילו געפעלן מוסאָליני גופא און ער האָט דאָס עפנטלעך דערקלערט.

דערדאָזיקער פאַקט רופט ביי אַלעמען אַרויס אַ שטאַרק געלעכטער. רען ציט אָבער דערוויל אַרויס זיין פולפעדער און שרייבט אויף גלייך אויפן אָרט אַ באַגריסונג פאַר די איטאַליענישע עמיגראַנטן אין דער איטאַליענישער שפּראַך.

מיר פרעגן רענען וועגן זיין לעצט בוך, וואָס ער האָט נאָר־וואָס פאַרענדיקט אונטערן נאָמען „פאַר גרויסע אומוואַנדלונגען".

— דאָסדאָזיקע בוך נעמט אַרום די ערשטע יאָרן פון היטלער־רעזשים. די הויפּט־העלדן. פון דעמדאָזיקן ראָמאַן זענען: אַן אָנשטענדיקער נאַציאָנאַל־סאָציאַליסט, אַ לינק־געשטימטער אָפיציר, אַ יונגער סאָציאַליסט מיט זיין מיידל און אַ פאָר אַנאַרכיסטן. אין הינטערגרונט לעבט מען איבער די רייכסטאַג־שׂרפה, דעם 30־טן יוני און די רעהם־שחיטה. איך האָב זיך אין דעם ראָמאַן באַמיט פאָרצושטעלן דעם פּראָצעס פון דערנעכטערונג צום פאָלקס־פראָנט ביי געוויסע אָנשטענדיקע נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטן. אין דעם בוך ווערן אויך געשילדערט עטלעכע יידן און אַ נעגער, וועלכער ווערט דערמאָרדעט דורך אַ נאַצי צוליב ראַסן־שענדונג. דאָס איז אַ נעגער, וועלכער איז אויסגעוואַקסן אין אַ דייטשיש דאָרף און קיינמאָל אין זיין לעבן קיין אַנדערע נעגער נישט געזען.

— ווי לאַנג האָט איר דאָסדאָזיקע בוך געשריבן?

— זעקס וואָכן!

— אַזוי שנעל?

— מיין ערשט בוך „קריג" האָב איך געשריבן עטלעכע יאָר, אָבער ביי דעם לעצטן בוך האָבן מיר די שפּאַנישע געשעענישן געגעבן דעם טעמפּאָ. מיט מיליטערישער פּינקטלעכקייט האָב איך יעדן באַגינען זיך געזעצט צו דער שרייב-מאַשין מיטן באַגער, וואָס שנעלער פאַרטיק צו ווערן און וואָס שנעלער צו פאָרן העלפן די שפּאַנישע אַנטיפאַשיסטן אין זייער שווערן קאַמף.

— ווי אַזוי רעכנט איר דאָ צו העלפן, אַלס שריפטשטעלער, אָדער אַלס מיליטערמאַן?

— אַלס מיליטערמאַן — האָט ער אָפּגעענטפערט מיט אַנט-שלאָסנקייט.

אין אַ צייט אַרום האָב איך רענען ווידעראַמאָל געטראָפן, אָבער שוין אַלס קאָמענדאַנט פון דער דרייצענטער אינטערנאַציאָ-נאַלער בריגאַדע אויפן פראָנט פון מאַדריד. זיין פּאָליטישער קאָ-מיסאַר איז געווען האַנסביימלער.

די מערקווירדיקע לעבנס-געשיכטע פון דעם אַדעליקן אָפי-ציר און רעוואָלוציאָנערן שריפטשטעלער קאָן זיך אפשר אויס-דאַכטן ווי אַן אָפּווייכונג אין אַ בוך וועגן שפּאַנישן קריג. די לעבנס-געשיכטע פון לודוויג רען איז אָבער די געשיכטע פון דעם וועלט-קריג, וואָס האָט פון יאָר 1914 נישט אויפגעהערט ביזן היינטיקן טאָג, אויסברייטערנדיק זיך בלויז ביז אויפן פירענעאישן האַלב-אינזל, און רען איז די פאַרקערפּערונג פון דעם זעלנער, וואָס האָט דורך דער גאַנצער צייט נישט פאַרלאָזט די באַריקאַדן און טראַנשייען. ער איז ווי אַן ענטוזיאַסט אַוועק אין קריג און דאַן זיך אָנגעשלאָסן אין די רייען פון די, וואָס האָבן דערקלערט קריג דעם קריג.

אַ ביקס און אַ פען. אין ביידע וואָפנס האָט ער דערגרייכט פולקאָמענהייט. דער קייזערלעכער אינפאַנטעריע-קאַפּיטאַן, פיט פאָן גאָלזענאַו, דער מוסטערהאַפטער קאָמפּאַניע-פירער, האָט מיט

דער פען אין האַנט זיך פאַרוואַנדלט אין דעם מייסטערהאַפטן קריגס־שילדערער לודוויג רען. איצט האָט ער ווידער אַ נעם גע־ טון די ביקס, אָבער שוין נישט אונטער זיין אמתן נאָמען פיט פאָן גאָלזענאַו, וואָס פיגורירט אין זיין רייכס־דייטשן פאַס, נאָר אונטערן נאָמען לודוויג רען, דער אויטאָר פון „קריג" און „נאָכן קריג".

יוליוס דויטש

דאָס דערשיינען פון יוליוס דויטש האָט אין אָנהייב ביי די דייטשישע עמיגראַנטן אַרויסגערופן קנאַפּע באַגייסטערונג. — דאָס איז אַ פירער פון אַ דורכגעפאַלענער רעוואָלוציע — האָבן זיי געטענהט. אָבער מעקע, דער געל־בערדיקער עסטרייכער פון ווי־ נער „שוצבונד", האָט פאַרטיידיקט זיין פירער. מעקע האָט גע־ קעמפט אין „קאַרל־מאַרקס־הויז" אונטער דער פערזענלעכער ליי־ טונג פון פאַלישן, דעם העלד פון דער ווינער פעברואַר־רעוואָ־ לוציע, און אָנקומענדיק קיין שפּאַניען, האָט ער זיך גלייך געמאָלדן אין „באַטאַליאָן פון טויט".

מעקע האָט דאָס טאַקע מיך פאַרבונדן מיט יוליוס דויטשן, וועגן וועלכן ער האָט גערעדט מיט שטאָלץ און פאַרערונג: — דויטש איז טאַקע אַ פירער פון אַ דורכגעפאַלענער רעוואָלוציע, — האָט ער געטענהט — ער איז אָבער ווייטער דער פירער פון אַ באַוועגונג, וואָס זעצט פאָר איר אונטערערדישע אַרבעט אין דעם זעלבן ווין.

דויטש איז נאָר־וואָס געהאַט צוריקגעקומען פון מאַדריד. ער איז געווען אין ציוויל־קליידער און מיט אַ בערעט אויפן גאָלן קאָפּ. דאַקעגן זיין אַדיוטאַנט, גראַף רעווענטלאָו, האָט שוין געטראָגן אַן אָפיצירן־קאַסטיום.

דויטש האָט אַרויסגעצויגן די פּולפּעדער און אויף מיין נאָ־ טיץ־בוך אָנגעצייכנט די פראָנט־ליניעס אַרום מאַדריד:

— מאַדריד וועט נישט פאַלן! — האָט ער אַקצענטירט — מאַדריד איז אומבאַזיגבאַר! די ציוויל־באַפעלקערונג איז טראָץ דער מוראַדיקער באָמבאַרדירונג נישט דעמאָראַליזירט געוואָרן און דאָס איז אַ גרויסע זאַך. אין אַ צייט פון אַ רעוואָלוציע איז דאָס דער הויפּט־באַראָמעטער. פראַנקאָ האָט אַ גלענצנד־פונקציאָנירנדע קריגס־מאַשין, אָבער זיין מענטשן־מאַטעריאַל איז אומפאַרגלייכלעך מיטן רעפּובליקאַנישן. דער שפּאַנישער בירגער־קריג האָט דער מאָדערנער „קריגס־וויסנשאַפט" געבראַכט אַ שרעקלעכע אַנטוישונג. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז די מאַשין איז נאָך נישט אַלץ, אַז צו דעם פאַרניכטונגס־מעכאַניזם איז אויך נייטיק דער מענטש און אַז זיין אידעאישע טרייב־קראַפט קאָן דעציִדירן. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דער אויסגעלאַכטער ענטוזיאַזם פון די מיליציאָנערן איז פולווערטיקער פון דער טעמפּער, סאָלדאַטסקער דיסציפּלין. די מיליציאָנערן האָבן זיך אויסגעלערנט די „קונסט" פון קריג, אָבער די אויסגעשולטע מאַראָקאַנער און רייכסווער־סאָלדאַטן האָבן קיין ענטוזיאַזם נישט דערוואָרבן... דער אַסטורישער איינפאַכער קוילנגרעבער „פאַנטשאָ ווילאַ" האָט מיט זיינע פּרימיטיווע דינאַמיט־באָמבעס שיין אָפּגעטויט צענדליקער טאַנקן פון דער מאָדערנסטער קאָנסטרוקציע און נישט איין פילאָזאָפיע־סטודענט פון דער אינטערנאַציאָנאַלער בריגאַדע האָט זיך אַרויסגעוויזן אַלס גרעסערער סטראַטעגישער ספּעץ, ווי פיל פון די שפּאַנישע גענעראַלן. איך גלייב אין זיג פון דער שפּאַנישער רעוואָלוציע, — האָט פאָרטגעזעצט יוליוס דויטש — ווייל אין דער פּערספּעקטיוו שטייען איר נישט פאָר די אַלע שוועריקייטן, וואָס די רעוואָלוציעס אין אַנדערע לענדער האָבן מיט זיך געבראַכט. דאָס רעפּובליקאַנישע שפּאַניען האָט צום גליק נישט אויפגעהערט צו אַרבעטן. צוויי קילאָמעטער פון פראָנט האָב איך געזען די פויערן אַקערן די ערד, טראָגנדיק דערביי ביקסן אויף די פּלייצעס. באַוואָפנטע פאַסטוכער פאַשען ווייטער די שעפּסן־סטאַדעס און די פאַבריקן אַרבעטן נישט נאָר נאָרמאַל, נאָר מיט פאַרטאָפּלטער קראַפט. אין אַלע אַנדערע לענדער, ווו ס'איז אויסגעבראָכן אַ

רעוואָלוציע, האָבן די פאַבריקן גלייך זיך אָפּגעשטעלט. אין רוס־לאַנד האָט אפילו נאָכן זיג געדויערט פיל יאָרן, ביז וואַנען די אינדוסטריע האָט צוריק אָנגעהויבן נאָרמאַל צו אַרבעטן. דאָס איז דער פאָרצוג פון רעוואָלוציאָנערן שפּאַניען און דאָס איז אַ וויכ־טיקע גאַראַנטיע פאַרן זיג פון דער רעפּובליק. מיר זענען גע־וווינט אָפּצולאַכן פון דעם שפּאַנישן „מאַניאַנאַ", פון דעם אָפּלייגן אויף „מאָרגן" און מיר וואַרפן די שפּאַניער פאָר, אַז זיי קאָנען נישט אָרגאַניזירן. אויסערלעך דאַכט זיך טאַקע אַזוי אויס, אָבער אינדערעמתן פאַרמאָגן זיי אַ וווּנדערלעכע אינדיווידועלע איניציאַ־טיוו. במשך פון צוויי טעג האָבן זיי באַוויזן צו עוואַקויִרן פון מאַדריד צוויי הונדערט טויזנט מענטשן און דאָס בלויז מיט דער הילף פון אויטאָס, אָן דער מינדסטער קאַטאַסטראָפע. אין קיין שום אַנדערן לאַנד וואָלט מען דאָס נישט באַוויזן אפילו ביי דער דיס־ציפּלינירטסטער אָרגאַניזאַציע. טראָץ די אומגעהייערע באָמבאַרדי־רונגען האָט נאָך אין מאַדריד קיין איין טאָג נישט אויסגעפעלט קיין פלייש און קיין מילך — דאָס איז ממש פענאָמענאַל.

ווי אַ געניטער קאָנספּיראַטיסט האָט יוליוס דויטש אויסגע־מיטן צו רעדן וועגן זיין מיליטערישער מיסיע אין שפּאַניען, טראָץ דעם, וואָס איך בין אים פאָרגעשטעלט געוואָרן דורך זיינס אַן אייגענעם קאָמפּאַס־חבר. מיר זענען דעריבער אין אונזער געשפּרעך אַריבער אויף דער אינטערנאַציאָנאַלער לאַגע:

— דער שפּאַנישער בירגער־קריג צייכנט די קאָנטורן פון צוקונפטיקן, אייראָפּעאישן קריג, וואָס וועט זיין דער קריג צווישן די פאַשיסטישע און דעמאָקראַטישע מלוכות. דער פאַשיסטישער אינטערנאַציאָנאַל איז שוין פּראַקטיקט און מאַכט דאָ, אין שפּאַ־ניען, זיין קריגס־רעפּעטיציע, עס איז דעריבער די דרינגענדע אויפגאַבע פון אַרבעטער־אינטערנאַציאָנאַל באַצייטנס זיך אָפּצו־געבן אַ דין־וחשבון פון דער דראָענדער סיטואַציע און זיך אַנט־קעגנצושטעלן דעם פאַשיסטישן אינטערנאַציאָנאַל. דער זיג פון דער שפּאַנישער רעפּובליק — האָט דויטש אויפגעהויבן זיין שטים — וועט דערווייטערן די געפאַר פון אַ וועלט־קריג, דאַקעגן אָבער אין פאַל,

ווען די פאַשיסטן זאָלן זיגן, וואָלט דייטשלאַנד נישט דורכגעלאָזט די גלענצנדע געלעגנהייט פון דער דעראָבערטער שפּאַנישער פּאָזיציע און וואָלט גלייך דערקלערט קריג דער פראַנצויזישער רעפּובליק. דער ביסמאַרקישער קריג קעגן פראַנקרייך אין יאָר 1870 האָט זיך אויך אָנגעהויבן נאָכדעם, ווי דייטשלאַנד האָט זיך געהאַט פאַרזיכערט די פריינטשאַפט פון שפּאַניען, האָבנדיק אַזוי אַרום אַ באַזע אויפן פירענעען-פראָנט.

איך האָב זיך לאַנג געשלאָגן מיט דער דעה, צי איך זאָל דויטשן שטעלן די פּאָר אים אפשר אָנגעווייטיקטע פראַגע וועגן עסטרייך. מיין פילבאַרקייט איז אָבער געווען איבערגעטריבן. אויך אויף דעראַזיקער פראַגע האָט דער פירער פון דער ווינער רעוואָלוציע מיר געענטפערט מיט דער זעלבער ענערגיע, וואָס שלאָגט פון דעם פופציק-יעריקן מיטלוווקסיקן מאַן.

— אין עסטרייך און באַזונדערס אין ווין ווערט געפירט אַן אַקטיווע, אונטערערדישע אַרבעט. די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי האָט גאַנצע אַכט טויזנט אַקטיווע פּאַרטרויאונגס-מענער. מיר קאָלפּאָרטירן די טעגלעכע אומלעגאַלע „אַרבייטער-צייטונג" און צוועלף געווערקשאַפטס-צייטשריפטן, וואָס האָבן צוזאַמען אַן ערך אַ מיליאָן טיראַזש.

— און ווי ווערט, לויט אייער מיינונג, זיין די פּאָזיציע פון עסטרייך אין פאַל פון אַן אייראָפּעאישן קריג?

— ס'איז איבעריק צו רעדן וועגן דער פּאָזיציע פון עסטרייך, ווייל זי וועט זיכער פון איר אייגענעם ווילן נישט קאָנען גאָרנישט באַשטימען. אין פאַל פון אַ וועלט-מלחמה, וועט עסטרייך זיין דער טראַגישער קריגס-פּלאַץ פון אייראָפּע. אַלע, — דייטשלאַנד, איטאַליען, יוגאָסלאַוויען, אַלע וועלן מאַרשירן דורך עסטרייך, וואָס וועט נישט בכוח זיין צו שטעלן קיין ווידערשטאַנד און וועט מוזן דערפילן דעם ווילן פון איר שטאַרקסטן באַצווינגער. אין איצטיקן מאָמענט — האָט דויטש פאַרענדיקט זיינע אויספירונגען — איז שווער צו באַשטימען די נאָענטסטע פּערספּעקטיוו פון

היימלאָזע: „ווען וועט זיך דאָס שוין ענדיקן ?"

אייראָפּע, ווייל דאָ, אין שפּאַניען, ווערט דעצידירט דער גורל פון קריג אָדער פרידן...

די באַסקן

אין געפלאָנטער פון די פאַרשידענע פּאָליטישע גרופּירונגען, וואָס האָבן זיך געשטעלט אויף דער זייט פון דער רעפּובליק, האָבן די גרעסטע באַוווּנדערונג אַרויסגערופן די קאַטוילישע-פרומע באַסקן. פאַנטאַסטיש זענען געווען די ידיעות, וואָס זענען דערי-גאַנגען פון באַסקן-לאַנד. אָפּגעריסן פון דער צענטראַלער באַזע, האָבן זיי אַליין געפירט זייער קאַמף.

דער חלום פון אַלע קריגס-קאָרעספּאָנדענטן איז דעריבער געווען אַריינצוקריגן זיך אין דערדאָזיקער באַלאַגערטער פּראָווינץ, וואָס האָט נישט געקאָנט באַקומען קיין הילף פון דער אַלגעמיינער אַרמיי-לייטונג. עס האָבן געקלונגען פאַר אונז פאַנטאַסטיש די ידיעות, וואָס זענען פון דאָרט אָנגעקומען, וועגן די נישט-באַ-שעדיקטע קירכעס און וועגן די גלחים, וואָס מ׳זעט אויף די גאַסן פון בילבאַאָ אין זייערע שוואַרצע סוטאַנעס. אין אָנבליק פון די קירכן-חורבות אין באַרצעלאָנאַ אָדער וואַלענציאַ האָט דאָס אונז אויסגעזען אומגלויבלעך.

די איינציקע מעגלעכקייט אַריינצובאַקומען זיך אין באַסקן-לאַנד איז געווען מיט אַן עראָפּלאַן, וואָס האָט באַדאַרפט דורכ-פליען דורך דער פאַשיסטישער טעריטאָריע. אונזערע פילמאַליקע ווענדונגען צום לופט-מיניסטעריום האָבן אָבער נישט געבראַכט קיין שום רעזולטאַט. מ׳האָט אונז דערקלערט, אַז דאָס איז אַ צו ריזיקאַלישע אונטערנעמונג.

מיר האָבן דעריבער מיט גרויס שפּאַנונג געוואַרט אויף דעם באַסקישן פאָרשטייער אין דער צענטראַל-רעגירונג, דאָן מאַנועל אירוכאָ, וועלכער האָט באַדאַרפט אָנקומען קיין וואַלענציאַ. עס זענען פאַרזאַמלט געווען אַלע אַמעריקאַנישע און ענגלישע זשור-

נאַליסטן און זיי האָבן זיך נישט געקאָנט אָנוווּנדערן, ווען דער סעקרעטאַר האָט ביים דערציילן די איינצלהייטן פון אירוכאָס ביאָגראַפיע אונטערגעשטראָכן, אַז דער מיניסטער איז אַ פּראַקטי־צירנדער קאַטאָליק.

מיר זענען געווויינט געוועזן צו זען די מיניסטאָרן אין לע־דערנע קורטקעס אָדער אַלנפּאַלס אין פּשוטע ספּאָרט־קאָסטיומען, אָן שניפּסן. עס האָט זיך דעריבער אונדז גלייך געוואָרפן אין די אויגן דער אויסערלעכער טראַכט פון דעם קאַטוילישן מיניסטער: אַ שוואַרצער קאָסטיום, אַ שוואַרצער קראַוואַט און אַ שטייפער, ווייסער קראַגן. די פיגור און דאָס טרוקענע געזיכט האָט דער־מאַנט אין געזיכט פון אַ נזיר. ער האָט אויסגעזען אייגנטלעך ווי אַ גלח אויף אורלויב.

אין קאַבינעט זענען געהאָנגען רעליגיעזע בילדער און אויפן שרייבטיש איז לעבן באַסקישן הערב מיט דעם הייליקן בוים פון גוערניקאַ געשטאַנען אַ קליינע קריסטוס־סטאַטועטקע. די אַמערי־קאָנער האָבן געקניפּסט מיט די פאָטאָגראַפישע אַפּאַראַטן.

דאָן מאַנועל אירוכאָ איז פון באַרוף אַ יוריסט און דער זון פון דעם באַרימטסטן באַסקישן אַדוואָקאַט, וועלכער האָט אין זיין צייט פאַרטיידיקט דעם שעפער פון דער באַסקישער נאַציאָנאַלער באַוועגונג, אַראָנאַ גאָירי. אירוכאָ איז אַלזאָ אויפגעצויגן געוואָרן אין גייסט פון אָט דער באַוועגונג, וואָס איז שטאַרק פאַרפאָלגט געוואָרן דורך דער מאָנאַרכיע. זיין פאַמיליע ציילט פיל אָנגעזעע־נע גייסטלעכע, וואָס האָבן גענומען אַ שטאַרקן אָנטייל אין דער פרייהייטס־באַוועגונג פון מאַרטירערישן באַסקישן פאָלק.

איך האָב געשטעלט בלויז איין פראַגע און איך בין שוין כמעט מער נישט געקומען צום וואָרט. עס איז פאַרשוווּנדן דער מיניסטער, עס איז פאַרשוווּנדן דער נזיר און עס איז דערשינען דער אַדוואָקאַט:

— אין באַסקן־לאַנד האָבן מיר, קאַטאָליקן, דעם דאָמינירנדן איינפלוס, אָבער אַלס קריסטן זענען מיר טאָלעראַנט צו יעדער אַנ־דערער גרופּירונג. לויט מיין אויפפאַסונג קאָן דאָס קריסטנטום נישט

געבן די צושטימונג קיין שום דיקטאַטור, ווייל די קריסטלעכע לערע איז דער אויסדרוק פון דעמאָקראַטיע און פרייהייט. מיר שטייען אויפן שטאַנדפּונקט, אַז קיין איבערצייגונגען און אידעען קאָן מען קיינעם מיט געוואַלט נישט אָנוואַרפן און דערפאַר באַקעמפן מיר נישט די קאָמוניסטן און אויך נישט די אַנאַרכיסטן. מיר זענען איינפאַך רעפּובליקאַנער און אַלס אַזעלכע קעמפן מיר פאַר אונזערע רעכט, פאַר אונזער פרייהייט, פאַר דער דעמאָקראַטיע, קעגן דעם טעראָר און דיקטאַטור פון די פאַשיסטן. איבעריקנס האָבן די קאָמוניסטן און אַנאַרכיסטן נישט קיין גרויסן איינפלוס ביי אונז. זייער ווירקונג קאָן נאָר דאָרט זיין שטאַרק, וווּ עס זענען נויטווענדיק אינדוסטרי-און אַגראַר-רעפאָרמען. ביי אונז איז נישט דערדאָזיקער פאַל. אין באַסקן-לאַנד עקזיסטירט שוין פון לאַנג די קאָנטראָל פון די אַרבעטער איבער דער פּראָדוקציע און זייערע רעכט זענען געשיצט דורך אונזערע אַלטע טראַדיציעס.

— דער פאַקט, — האַט ווייטער פאָרטגעזעצט דער מיניסטער — וואָס מיר זענען גלייכצייטיק קאָנסערוואַטיוו און דעמאָקראַטיש, בעסער געזאָגט, — כמעט סאָציאַליסטיש געשטימט, איז לגמרי נישט פּאַראַדאָקסאַל. אין די קאָרטעזן (פּאַרלאַמענט) זענען אונזערע דעפּוטאַטן שטענדיק באַטראַכט געוואָרן אַלס „עקסטרעכטע”, ווען עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן רעליגיעזע פראַגן, און אַלס „קאָמוניסטן” האָט מען אונז פאַרשריגן, ווען עס האָט זיך געהאַנדלט מכוח סאָציאַל-ווירטשאַפטלעכע פּראָבלעמען. וואָס שייך אונזער קריסטלעכער געזינונג, וועל איך וואַגן צו זאָגן, אַז מיר זענען דאָס קריסטלעכסטע פאָלק אין אייראָפּע. אַלנפאַלס גלייב איך נישט, אַז עס זענען פאַראַן בעסערע קריסטן פון אונז, און אַלס אַזעלכע זענען מיר פאַר דער גערעכטער פאַרטיילונג פונם רייכטום און גוטס אויף דער וועלט און נישט פאַר אַן עקסטרעמען קאַפּיטאַליזם, וואָס איז, לויט מיין מיינונג, אַ פאַרלייקענונג פון דער רעליגיע.

ביז גאָר וויזיאָנעריש האָבן געקלונגען זיינע ווערטער

וועגן די פאָלגן פון קריג, וואָס זענען ליידער זייער שנעל גע־וואָרן אַ טראַגישעווירקלעכקייט; דער מיניסטער פון דער רע־וואָלוציאָנערער קאַבאַליעראָ־רעגירונג האָט גערעדט מיט אַ טאָן פון אַ באַגייסטערטן פראָפעט:

— אונזער לאַנד איז רייך, אָבער דער ברידער־קריג וועט פאַרוויסטן דאָס רייכטום, עס וועלן בלייבן בערג מיט טויטע לייבער, חורבות און האַס. ווי אין יעדער מלחמה, וועלן אויך אין דעמדאָזיקן קריג פאַרשפּילן ביידע צדדים. אָבער ווען אפילו ביידע וועלן פאַרשפּילן, וועט די רעפּובליק דאָך זיגן! איך בין איבערצייגט אין זיג פון דער רעפּובליק, ווייל זי האָט הינטער זיך דאָס פאָלק.

— דער כאַראַקטער פון אונזער פאָלק — שטרייכט אונטער דער מיניסטער — דריקט זיך אויס אין דעם אופן, ווי אַזוי מיר פירן דעם קריג. אין גאַנץ שפּאַניען איז פאַרשוווּנדן יעדער מענטשלעך געפיל. דער מענטש האָט אויפגעהערט צו זיין מענטש. ביי אונז, אין באַסקן־לאַנד, ווערט דער קריג געפירט נישט מיט אַזאַ ברענענדן האַס. אויף ביידע זייטן ביי אונז ווערן נישט דערשאָסן קיין געפאַנגענע. משפחה־מיטגלידער פון פירנדע פּער־זאָנען ווי אויך אַלע אַנדערע אַרט געפאַנגענע ווערן אויסגעטוישט. אויף אַזאַ אופן איז טאַקע באַפרייט געוואָרן מיין זיבעציק־יעריקע מוטער, וואָס די אויפשטענדיקע האָבן פאַרהאַלטן אין סען. סעבאַסטיאַן. אויך מיין שוועסטער און אַ שוועגערין זענען אויס־געטוישט געוואָרן נאָך דריי חדשים פאַרהאַפטונג. מיינע פיר ברי־דער זענען נאָך אין די הענט פון די פאַשיסטן.

— מיר זענען אויסגעשפּראָכענע פּאַציפיסטן, מיר זענען פון גרונט אויס אַנטימיליטאַריסטיש, אָבער איצט, ווען עס האַנדלט זיך אין אונזער פרייהייט, האָבן מיר באַוויזן, אַז מיר קענען אונזער זאַך פאַרטיידיקן.

— מיר קעמפן איצט צוזאַמען מיטן גאַנצן שפּאַנישן פאָלק און מיר פאַרלאַנגען אונזערע רעכט, נישט וועלנדיק דערביי אָנ־

וואָרפן אונזערע אידעען די איבעריקע פּראָווינצן פון דער רעפּובליק. מעג זיך אַראַגאָן, קאַסטיליען, לעוואַנטע, קאַטאַלאָניען זיין קאָמוניסטיש, אַנאַרכיסטיש, דעמאָקראַטיש, קאָנסערוואַטיוו אָדער רעליגיעז. יעדע פּראָווינץ האָט זיך איר זעלבסטבאַשטימונגס-רעכט. מיר, באַסקן, שטרייכן באַזונדערס אונטער אונזערע רעליגיעזע איבערצייגונגען. מיר וואָרפן פּרינציפּיעל אָפּ יעדן מין דיקטאַטור און מיר האָבן נישט קיין שום גרונט זיך צו שרעקן פאַר וועלכער עס איז אומטאָלעראַנץ. מיר קעמפן געמיינזאַם פאַר איין אידעע: פאַר פ ר י ה י י ט, און דאָס איז דער בונד, וואָס האַלט אונז צוזאַמען.

אויפן ביוראָ-טיש האָט זיך מיטאַמאָל צעקלונגען דער טעלעפאָן און דער מיניסטער האָט איבערגעריסן דאָס געשפּרעך. די-דאָזיקע פויזע האָב איך טאַקע אויסגענוצט און ווען ער האָט צוריק אָוועקגעלייגט דאָס טרייבל, האָב איך געשטעלט נאָך איין פראַגע, אויף וועלכער ער האָט מיר געענטפערט קורץ.

— אונזער באַציונג צו יידן? אַלס גוטע קריסטן פילן מיר שטענדיק אַ חוב זיך אָנצונעמען די עוולה פון פאַרפאָלגטע. מיר זענען נאַציאָנאַליסטן, אָבער אין אוניווערסאַלן זין. מיר פאַראורטיילן יעדן ראַסן-האַס און ענגהאַרציקן פּאַטריאָטיזם. אין אונזער נאַציאָנאַלן הימן רעדט זיך נישט וועגן די „קינדער פון פאָטערלאַנד", ווי למשל אין דער פראַנצויזישער „מאַרסעליעזע". דער באַסקישער נאַציאָנאַלער הימן רופט די קינדער פון דער גאַנצער וועלט „צו קומען עסן די פרוכטן פון אונזער בוים — „גוערניקאַ קאָ אַרבאָלאַ". מ י ר ה אָ ב ן ד י ע ר ש ט ע ב ײ ם פ ע ל ק ע ר - ב ו נ ד פּ ר אָ ט ע ס ט י ר ט ק ע ג ן ד י ר ד י פ ו ת א ו י ף י י ד ן א י ן ה י ט ל ע ר - ד ײ ט ש ל אַ נ ד.

ווען אזאַניאַ האָט גערעדט

עס זענען געווען די שווערסטע טעג פאַר מאַדריד. די שלאַכטן זענען אָנגעגאַנגען אין אוניווערזיטעטס-קוואַרטאַל, אין דער קאַסאַ דעל קאַמפּאָ, און אין דער בולוואַר-פּרעסע פון גאָר דער וועלט איז שוין געפּייערט געוואָרן דער אַריינמאַרש פון גענעראַל פראַנקאָ אין דער שפּאַנישער הויפּטשטאָט. די געשיקטע פּאָטאָ-מאָנטאַזשיסטן האָבן אים שוין אפילו באַוויזן אויף אַ ווייס פערד ביים אַריינפאָר אויפן פּוערטאַ דעל סאָל — אין חרובן האַרץ פון מאַדריד. אין דידאָזיקע טעג איז דער פּרעזידענט אַזאַניאַ אַרויס פון זיין איינזאַמער באַהעלטעניש אויפן מאָנסעראַט און געלאָזט הערן זיין וואָרט.

אין שטאָטראַט-זאַל פון וואַלענציאַ זענען געווען פאַרזאַמלט די פירנדע מענער פון שפּאַנישן פאָלק — די מיניסטאָרן, די פּאַרטיי-סעקרעטאַרן, די וויסנשאַפטלער און שריפטשטעלער, וואָס זענען עוואַקואירט געוואָרן פון מאַדריד. אין פולן קאָמפּלעט איז אויך געווען דער אויסלענדישער דיפּלאָמאַטישער קאָרפּוס. אַזאַניאַ האָט, אַלזאָ, אָפיציעל אויך גערעדט צו דער וועלט.

אויפן פּלאַץ קאַסטעליאַר, אויף די מאַרמאָרענע טרעפּ פון „אייאונטאַמיענטאָ" איז פאַרזאַמלט געווען אַ ריזיקער המון, וואָס האָט די רעדע פון פּרעזידענט אויסגעהערט דורכן הילכער. און ווען אין זאַל האָבן די אָוואַציעס זיך שוין געהאַט איינגע-שטילט, האָבן זיך פון דער גאַס נאָך אַלץ געטראָגן די אויס-געשרייען.

די רעדע פון פּרעזידענט אַזאַניאַ האָט געהאַט אַלע מעלות פון די גרעסטע שפּאַנישע רעדנער. עס איז געווען פּאַטאָס, עס

איז געווען אויפברויז, עס איז אָבער געווען אויך אַ גאַנץ זעל־טענער טאָן, וואָס האָט זיך אויסגעדריקט אין די טראַגישע אַק־צענטירונגען; אַזאַניאַ האָט נישט זשעסטיקולירט, נאָר ווי פאַר־גליווערט געשטאַנען לעבן פּולפּיט און דאָס געזיכט האָט אים גע־פלאַמט פון אויפרעגונג:

— מיר, אָדער בעסער געזאָגט, די מלוכה און דאָס שפּאַ־נישע פאָלק, — מיר קעמפן נישט בלויז פאַר דער פאָרמעלער אויפפאַסונג פון אונזערע מלוכה־רעכט — ניין! פאַרהאַן אַ פּאָטע־טישער ליידנשאַפטלעכער אינהאַלט, וואָס דרינגט אַריין אין אונ־זער אַלעמענס הערצער — דאָס איז דער אינהאַלט פון אונזער קאַמף פאַר דער ענדגילטיקער איינהייט פון גאַנץ שפּאַניען. מיר קעמפן פאַר דער אומאָפּהענגיקייט פון אונזער פאָטערלאַנד און פאַר די רעכט פונם שפּאַנישן פאָלק אַליין צו באַשטימען זיין גורל. ווען אונזער קאַמף וואָלט געווען אַ קאַמף פאַרן קאָמוניזם, וואָלטן בלויז די קאָמוניסטן זיך געפונען אויפן שלאַכטפעלד; ווען אונזער שלאַכט וואָלט געווען אַ שלאַכט פאַר סינדיקאַליזם, וואָלטן די קעמפנדע געווען די סינדיקאַליסטן אַליין; ווען אונזער קריג וואָלט געווען אַ קריג פאַר רעפּובליקאַניזם פון רעכטס, לינקס אָדער צענטער, וואָלטן אין די טראַנשייען געווען די רע־פּובליקאַנער אַליין. ניין, נישט אַזוי איז אונזער קאַמף. מיר קעמפן אַלע — דער אַרבעטער, דער אינטעלעקטועלער, דער פּראָ־פעסאָר, דער בירגער (יאָ, די בירגער קעמפן אויך), די סינדי־קאַטן — אַלע שפּאַניער, וועלכע זענען גרופּירט אונטער דער רע־פּובליקאַנישער פאָן.

דער זאַל האָט געשטורעמט. די מיניסטאָרן און די פּאַרטיי־פירער, וועלכע זענען געוווינט תמיד אַליין צו קלויבן אַפּלאָדיס־מענטן, האָבן אַפּלאָדירט ווי די באַגייסטערטע צוהערער און נישט נאָר בלויז אַפּלאָדירט, נאָר זיך אויפגעשטעלט פון די מיט גאָלד־געשטיקטע, העלע פאָטעלן און אָן אויפהער געשריגן „מאָי ביען!" (זייער גוט) „מאָי ביען!"

דאַן איז געקומען דאָס לויב־ליד פאַר די העלדן פון מאַדריד:

— אין מאַדריד געשעט דאָס וויכטיקסטע פון אונזער קעגנווערטיקער געשיכטע. ס׳וועט נאָך דויערן אַ ביסל צייט, אָבער ס׳וועט קומען דער מאָמענט, ווען די ליידנדיקע און מאַרטירערישע איינוווינער פון אונזער הויפּטשטאָט וועלן מיט פרייד זיך דערמאָנען אין די איצטיקע טראַגישע טעג. זיי וועלן מיט רעכט קאָנען שטאָלץ זיין אויף זייער גרענעצלאָזן ווידערשטאַנד און זיי וועלן זיין דער ביישפּיל פאַר די קומענדיקע דורות פון באַפרייטן שפּאַניען.

דאָס פּלוצלינגע דערשיינען פון מאַנועל אַזאַניאַ איז געווען אַ בולטע דעמאָנסטראַציע קעגן די פאַרשידענע לעגענדעס, וואָס זענען אומגעגאַנגען אין אויסלאַנד, אַז דער פּרעזידענט געפינט זיך אין אַרעסט ביי די אַנאַרכיסטן; דערמיט האָבן די פירנדע פּאָליטישע פּאַרטייען אין שפּאַניען אונטערגעשטראָכן די אויטאָריטעט פון מלוכה־פּרעזידענט און אַז ער איז די פּערזאָן, וואָס פאַראייניקט אַלעמען אונטער דער פאָן פון קאַמף קעגן פאַשיזם.

דער טאָן און דער סטיל פון אַזאַניאַס רעדע האָט באַוויזן, אַז דאָסדאָזיקע אָפיציעלע עקספּאָזע איז נישט פּרעפּאַרירט געוואָרן דורך קיין שום פּראָפּאַגאַנדע־מיניסטער, ווי דאָס איז געווינלעך אין אַזעלכע פאַלן. דער עספּרי און די געוואַגטקייט פון אָט דער רעדע איז טאַקע כאַראַקטעריסטיש פאַר אַזאַניאַ, וועלכער האָט זיכער קלאָר געוווסט, אַז ער וועט אַרויסרופן אַן אומצופרידנהייט ביי די עקסטרעמע אַנאַרכיסטן. עס איז אָבער נישט געווען דאָס ערשטע מאָל, ווען אַזאַניאַ האָט אַרויסגעוויזן געוואַגטקייט אין קאַמף פאַר זיינע רעפּובליקאַנישע אָנשויאונגען.

זיין אייגנטלעכע פּאָליטישע קאַריערע האָט זיך דאָך אָנגעהויבן מיט אַ שריט פון זעלטענער געוואַגטקייט, וואָס האָט אים געקאָנט קאָסטן דאָס לעבן. ער האָט אָבער דאַן געשטעלט אויף זיין אויטאָריטעט און געהאַט דערפאָלג.

ביזן יאָר 1931 איז מאַנועל אַזאַניאַ געווען באַקאַנט בלויז אַלס שריפטשטעלער. ער האָט געשריבן דראַמען, עסייען און קרי־טיק. אַזאַניאַ איז געווען דער פרעזידענט פון מאַדרידער „אַטע־נעאום" און דער רעדאַקטאָר פון דער ליטעראַרישער צייטשריפט „לאַ פלומאַ" — די פעדער... מיטאַמאָל אָבער האָט ער די פעדער פאַרביטן אויף אַ קריגס־שפיז...

אין טאָג, ווען עס איז פּראָקלאַמירט געוואָרן די רעפּו־בליק, איז אַזאַניאַ, צו אַלעמענס שטוינונג, באַאויפטראַגט געוואָרן איבערצונעמען דאָס קריגס־מיניסטעריום. גאַנץ אַליין איז אַזאַניאַ אַוועק אין קריגס־מיניסטעריום, כדי זיך פאָרצושטעלן פאַר די מיליטערלייט. און די גענעראַלן פון אַלפאָנס דעם 13־טן האָבן אָן שום ווידערשטאַנד אים אָנערקענט אַלס זייער שעף.

די גאַנצע וועלט־פרעסע האָט דאַן מיט שטוינונג נאָכ־דערציילט דעם מערקווירדיקן פאַל. די גענעראַלן האָבן אייגנט־לעך לייכט זיך געקאָנט דערלויבן אויפן שפאַס צו אַרעסטירן דעם חוצפהדיקן ליטעראַט מיט דער שוואַרצער שלייף, אים אַרויספירן אויפן הויף און אים לאָזן דערשיסן. די סוגעסטיווע פערזענלעכקייט פון אַזאַניאַ האָט אָבער אַנטוואָפנט די מילי־טערלייט.

* *

*

דורך דעם ווענעציאַנישן, פיל־וויטריניקן פענסטער פון שטאָטראַט־זאַל האָט זיך געזען דער רויטער קאָפּ פון דער פאַר־נאַכטיקער זון. אין זאַל האָט געהערשט אַ פייערלעכע שטימונג. אַזאַניאַ האָט מיט זיין טיף־ברוסטיקער שטימע גערעדט וועגן דעם העראָאיזם פון שפּאַנישן פאָלק. ער האָט גערעדט לאַנגזאַם, מיט אינערלעכן ציטער, נישט געשליידערט מיט קיין דראָאונגס־ווער־טער און סתם אויפגעפּוישטע פראַזן וועגן העלדנטום, נאָר טרויע־

ריק אינטאָנירט די לעצטע ווערטער פון זיין רעדע, וואָס האָט אין דעם מבול פון די אָן אויפהער פלייצנדיקע פראַזן געקלונגען עכט, מענטשלעך און רירנד:

— ס'וועט קומען דער פרידן און ס'וועט קומען דער זיג. דערדאָזיקער זיג וועט אָבער זיין אומפערזענלעך: דאָס וועט זיין דער זיג פון דער גערעכטיקייט, דער זיג פון דער רעפובליק. דער זיג וועט זיין אומפערזענלעך, ווייל דאָס וועט נישט זיין דער זיג פון קיינעם פון אונז, נישט פון אונזערע פאַרטייען, נישט פון אונזערע אָרגאַניזאַציעס: דאָס וועט זיין דער טריאומף פון דער רעפובליקאַנישער פרייהייט, דער טריאומף פון די רעכט פון פאָלק, דער טריאומף פון דער מאָראַלישער קראַפט, וואָס פאַראייניקט אונז אַלעמען. ס'וועט נישט זיין קיין פערזענלעכער טריאומף, ווייל אַז מען ווייטיקט אַלס שפּאַניער, קען מען נישט פערזענלעך טריאומפירן קעגן די אייגענע מיטברידער.

— — — — — — — — —

ווען דער פרעזידענט איז נאָך די ווערטער אַראָפּ פון דער טריבונע האָבן שוין מער אַזוי פיל הענט נישט געקלאַפּט, ווי ביים אָנהייב פון זיין רעדע, ווייל פיל הענט האָבן מיט טיכלעך אויסגעווישט די פאַרטרערטע אויגן...

די פּאָמעראַנצן־גערטענער פֿון וואַלענציאַ

רויט איז דאָ די ערד, רויט זענען די פרוכטן, וואָס הענגען נאָך פונם צווייגל אין מיין האַנט, און רויט איז נאָך אַלץ די זון, וואָס פאַלט אָט־אָט אַראָפּ פונם גרינלעכן הימל.

נישטאָ קיין בין־השמשות אין דעמדאָזיקן לאַנד. די נאַכט פאַלט־צו אומבאַמערקט, און אַזוי אויך פלאַצט אויף דער טאָג מיטאַמאָל.

פופציק קילאָמעטער פון דאַנען גייען אָן פאַרביטערטע שלאַכטן, אָבער דאָ שניידט מען רויִק די צייטיק־געוואָרענע פּאָמעראַנצן און מען פלאַנצט אפילו נייע ביימלעך.

די פּאָמעראַנצן־גערטענער שטייען אָפן, נישט פאַרצוימט. דער פאַרבייגייער שטרעקט פריי אויס די האַנט צו די נידעריקע ביימלעך און שטילט דעם דורשט מיט דער זאַפטיקער פרוכט. נישטאָ דאָ די שטרוי־בודעס פון אונזערע פוילישע סעדער און קיינער וואַכט נישט דאָ אין די נעכט. דורכן וועג ציט אַ קאַראַוואַן קליינינקע אייזלען, באַלאָדן מיט ריזיקע, שווערע קוישן. דער אַר־

בעסט-טאָג איז געענדיקט און די פּרוכטן ווערן אָפּגעפּירט אין די שפּײַכלערס אַרײַן.

דער בירגער-קריג האָט צעריסן די נאָרמאַלע באַשפּײַזונגס-צירקולאַציע פֿון לאַנד. אין די הענט פֿון די פֿאַשיסטן איז געבליבן דער פֿלייש-אוצר פֿון די עקסטראַמאַדורער שעפּסן-סטאַדעס און די רעפּובליק האָט דעם פּאָמעראַנצן-אוצר פֿון לעוואַנטע. באַקומען מיר דאָ טאַקע דערפֿאַר צום מיטאָג אַ קלײנטשיק שטיקעלע פֿלייש מיט אַ פֿולן טעלער פֿאַרשידענע פּרוכטן. און אין בורגאָס איז די פּראָפּאָרציע מן-הסתם אַ פֿאַרקערטע. דער פּאָרצוג פֿון דער רעגירונג איז אָבער דער, וואָס פּאָמעראַנצן זענען אַ גוט עקספּאָרט-אַרטיקל, פֿאַר וועלכן מ׳קאָן באַקומען נישט נאָר פֿלייש, נאָר אפֿילו האַרמאַטן און אַעראָפּלאַנען. אפֿשר דערפֿאַר טאַקע עסן מיר דאָ אַזוי ווייניק פֿלייש...

דער הויפּט-צענטער פֿון פּאָמעראַנצן איז קאַרקאַכענטע. די דאָזיקע שטאָט ליגט אויפֿן וועג צווישן וואַלענציאַ און מאַדריד, און פֿון דאַנען גייען אַוועק אין דער וועלט אַרײַן שפּאַניענס בעסטע פּרוכטן, טויזנטער, הונדערט-טויזנטער טאָן.

אײַלבירטן, באָקסער, ציטרינען, פֿייגן און אין דער ערשטער רייע — פּאָמעראַנצן. אויף צענדליקער קילאָמעטער ציִען זיך די גערטענער און די אײַזלען טראָגן פֿון אומעטום צונויף די פּרוכטן קיין קאַרקאַכענטע.

צוואָנציק טויזנט אײַנוווינער האָט די שטאָט, און גאַנצע צוועלף טויזנט מיטגלידער האָט דער אָרטיקער פּראָפֿעסיאָנעלער פֿאַרײַן. אַלץ איז באַשעפֿטיקט בײַ דער פּאָמעראַנצן-אינדוסטריע.

אין יעדן צווייטן הויז איז דאָ אַ פּאַקערײַ פֿון פּאָמעראַנצן. מיט פּאָמעראַנצן שפּילן זיך אפֿילו די קינדער אויף די פּוסטע טראָטואַרן. אין די אַרבעטס-שעהן איז דאָ זייער ווייניק מענטשן צו באַמערקן אויף די גאַסן. ס׳איז שטיל און רויִק אין דער שטאָט. פֿון צייט-צו-צייט הערט זיך בלויז דאָס געשריי פֿון די אײַזלען מיט די באַלאָדענע קוישן.

היי-יאָר איז דאָס גערעטעניש גרעסער ווי געוויינלעך, און

אין די פֿאַקערייען זענען די וואַש־מאַשינען אין פֿולן גאַנג. פֿאַר־האַן דאָ שוין דער נײַעסטער טיפּ וואַש־מאַשינען, וואָס וואַרפֿן אַרויס זעקס וואַגאָנען פּאָמעראַנצן טעגלעך.

צוערשט לויפֿן די פּאָמעראַנצן דורך צווישן בערשטלעך מיט פּליסנדיקן באָראַקס, דערנאָך טראָגט זיי דער קאָנוועיער אַראָפּ אונטער געדיכט־פֿאַלנדיקע טראָטשינעס, און לסוף ווערן זיי אָפּ־געפּוצט דורך טרוקענע בערשטלעך.

אויפֿן ווייך־אויסגעבעטן דיל זענען פּרויען אויסגעזעצט אין צוויי רייען לעבן קופּקעלעך פּאָמעראַנצן, וואָס גייען דורך אַכט הענט, ביז זיי קומען אַריין אין די קעסטלעך. יעדע פּרוכט ווערט אָפּגעמאָסטן. ווי טייערע איידלשטיינער ווערן די פּאָמעראַנצן איינ־געפּאַסט אין רינגען, גענוי אָפּגעמאָסטן און דאַן סאָרטירט לויט דער מאָס. קלענערע פֿון פֿופֿציק מילימעטער ווערן קיין אויסלאַנד נישט געשיקט.

אין מאַגאַזין, וווּ איך קוק זיך צו צום סאָרטירן די פּאָמע־ראַנצן, הערט זיך כּסדר דער אָפּהילך פֿון האַרמאַטן־שאָסן, אָבער דאָס שטוריסט לגמרי נישט אַרויס די אַרבעטנדע פֿרויען פֿון גלייכ־געוויכט. זיי וויקלען איין רעגולער די פּאָמעראַנצן אין די ביבו־לענע עטיקעטן מיט די זעלבע לאַקריצדיקע מאַלעוואַנקעס נאָך פֿון פֿאַר דער רעוואָלוציע. די עטיקעטן שטעלן, צווישן אַנדערע, אויך פֿאַר אַ פּרוי מיט דער טראַדיציאָנעלער מאַנטילע אויפֿן קאָפּ, וואָס איז שוין דאָ לגמרי פֿאַרשוווּנדן. פֿאַר אויסלאַנד איז דאָס אָבער איינע פֿון די בעסטע מאַרקעס.

קאָרקאַכענטע אַרבעט אַליין אויס אַלצדינג, וואָס עס איז נייטיק פֿאַר דער פּאָמעראַנצן־אינדוסטריע: קוישן און ראַגאָזשעס די קוישן אויסצובעטן, קאַסטנס און אפֿילו ביבולע־פּאַפּיר אויף עטיקעטן. ביים דרוקן די עטיקעטן זענען באַשעפֿטיקט פֿינף דרו־קערייען מיט ספּעציעלע מיניאַטור־ראָטאַציעס. יעדעס מאַשינדל וואַרפֿט טעגלעך אַרויס פֿינפֿאונדרײַסיק טויזנט בויגנס. יעדער בויגן אַנטהאַלט זעכצן עטיקעטן — דאָס הייסט, אַלזאָ, פֿאַר אַ האַלבן מיליאָן פּאָמעראַנצן. די דרוקערייען האָבן אײגענע קלישע־

רייען. פאַר די קאַפּיטאַליסטישע לענדער גייען ווייטער אַלץ די זעלבע מאָדעלן פון גוט-באַקאַנטע מאַרקעס, ווי למשל: „פּינאַר", „מאסיפּ", „קאָנעליאַס", אָבער פאַרן סאָוויעטיש-רוסישן טראַנספּאָרט, וואָס ווערט געגרייט אין אַ גרויסער קוואַנטיטעט, איז שוין אויסגעשריבן געוואָרן אַ קאָנקורס צווישן די רעוואָלוציאָנערע גראַפּיקער אויף אַ נייעם עטיקעט.

אינם טאַרטאַק, ווו ס'ווערן געשניטן די ברעטער פאַר די קאַסטנס, האָט דער דירעקטאָר מיך אויפגענומען מיט אַ באַזונדערער גאַסטפריינטלעכקייט.

— איר זענט פון פוילן? — האָט ער מיך צוויי מאָל איבערגעפרעגט און אין די אויגן האָבן זיך אָנגעצונדן פייערלעך. — אָ, מיר וואָלטן באַדאַרפט אַ ביסל פוילישע וועלדער... קאָנט איר נישט דורכפירן אַ טויש-טראַנזאַקציע מיט אונז? מיר וועלן אייך געבן פּאָמעראַנצן און איר גיט אונז האָלץ.

איך האָב אים צוגעזאָגט אָט דעם פאָרשלאָג אָפּצושיקן אויפן ריכטיקן אָרט.

קיין מערקווירדיקייטן האָט נישט קאַרקאַכענטע. דאָס איז אַ ניכטערנע שטאָט, אַ ריכטיקע, מאָדערנע געשעפטס-שטאָט, וואָס איז פאַרבונדן מיט דער גרויסער וועלט, און אַ שעה איז דאָ טאָקע אַן „איירהאָפּעאישע שעה", גאָרנישט אויפן שפּאַנישן שטייגער. דאָ האָב איך צום ערשטן מאָל, זינט מיין פאַרברענגען אין שפּאַניען, געהערט ריכטיק אויסרופן אַן אויסלענדישן נאָמען.

„יוזעף און אַלבערט גאָלדבערג, בראַצקאַ 18" — ווייזט מיר אַ פּאָמעראַנצן-עקספּאָרטער דעם פירמע-בויגן פון זיינע וואַרשעווער פּאַרטנערס, און דער „ג" האָט, צו מיין שטוינונג, נישט פאַרביטן זיך ביי אים אין אַ שפּאַנישער „כ".

אין דערדאָזיקער שטאָט, אָן מערקווירדיקייטן, האָב איך אָבער דאָך געפונען אַ „מערקווירדיקייט", וואָס איז האַלב-צעשטערט געוואָרן אין טאָג פון 19-טן יולי. דאָס איז אַ מיניאַטור-אַרענע פאַר העגער-קאַמף, וואָס דער געוועזענער פאַרבאַנד פון פּאָמעראַנצן-עקספּאָרטערן האָט אויפגעבויט אויסשליסלעך פאַר זיי-

נע מיטגלידער און האָט געהאַט נישט מער ווי דריי הונדערט פלעצער. דערדאָזיקער הענער-קאַמף איז שטענדיק באַגלייט גע-האָרן מיט געלט-יעוועטן, וואָס פלעגן אָפט דערגרייכן ביז צענ-דליקער און אפילו ביז הונדערטער טויזנטער פעזעטאַס.

• •

•

שפּאַניענס גרעסטער פּאָמעראַנצן-גאָרטן געפינט זיך אַכט קילאָמעטער פון קאַרקאַכענטע. דאָס איז דאָס באַרימטע גוט „פינאַר", וואָס האָט צוויי-און-פערציק טויזנט אַנעקאַדאַס (גאָרטן-טייל פון פינפאונצוואַנציק ביימער). דורכשניטלעך גיט אַ בוים צוואַנציק אַרובאַס (ארובא — דרייצן קילאָ), אָבער פאַרהאַן פיל ביימער, וואָס גיבן צו זעכציק און אפילו מער.

דאָסדאָזיקע גוט, ווי בכלל אַלע גרויסע גיטער, איז נאַציאָ-נאַליזירט. דער אַמאָליקער ועכטער מיט דער איינציקער האַנט איז געבליבן ווייטער אויף זיין שטעלע, ווו ער אַרבעט שוין גאַנצע פערציק יאָר און ער קען דאָ אַלע וויקנעלעך פונם רי-זיקן סאַד. ער ווייזט אונז די אַלטאַנקעס און דעם לוקסוס-פּאַלאַץ פון געוועזענעם באַלעבאָס. דער פּאַלאַץ שטייט אויף אַ באַרג, אויפן העכסטן פונקט פון קאַרקאַכענטע, און פון דער טעראַסע זעט זיך די גאַנצע גאָרטנדיקע געגנט. איצט רייסט מען די פריִע פרוכטן, אָבער דער ריכטיקער שניט איז ערשט אין יאַנואַר, ווען ס'ווערן צייטיק די בלוט-פּאָמעראַנצן.

דורך געמויערטע קאַנאַלן לויפט זיך דאָ האַסטיק אין אַלע זייטן דאָס וואַסער, וואָס טרינקט אָן די דורשטיקע ערד. אינם „פינאַר"-גוט אַרבעטן די מעכאַנישע וואַסער-טרייבער און יעדער איינער פון די פּלומפּן שליידערט אַרויס זעקס טויזנט ליטר אין אַ מינוט.

אין גאַראַזש פון דעמדאָזיקן גוט געפינט זיך צווישן די רייך-אינקרוסטירטע קאַרעטעס אויך אַן אַלטמאָדישער אויטאָ מיט אַן אויפשריפט: „וועלט-אויסשטעלונג, פּאַריז, 1898"; אָבער די

טורבינען, וואָס טרייבן דאָס וואַסער אונטער די פּאָמעראַנצן־ביי־מער, טראָגן אויף זיך די דאַטע „1927".

ביז מיט צען יאָר צוריק זענען די פּאָמעראַנצן פון לעוואַנטע נאָך געווען קאָנקורענצלאָז, אָבער זינט די ארץ־ישראל־פּראָדוקציע האָט אויפן אייראָפּעאישן מאַרק געוואָרפן אירע פּרעכטיקע פּרוכטן, האָבן די שפּאַנישע מאַרקיזן פּיבערהאַפט זיך גענומען דורכפירן די מעליאָראַציע. נישט אומזיסט האָב איך דעריבער אין אַגריקולטור־מיניסטעריום אין וואַלענציאַ, אויפן טיש פון לייטנדן אַגראָנאָם, געטראָפן ליגן דעם העברעאיש־ענגלישן חודש־זשורנאַל „הדר", וואָס איז געווידמעט דער קולטיווירונג פון פּאָמעראַנצן. דאָס האָט פּאַלעסטינע געשטויסן די שפּאַנישע מאַגנאַטן דורכצופירן די מעליאָראַציע.

* * *

דער פאָרשטייער פון אַרבעטער־קאָמיטעט ווייזט מיר מיט באַגייסטערונג די געדיכט־איינגעטונקטע ביימער, וואָס זענען אונטערגעשפּאַרט פון אַלע זייטן:

— אַזעלכע גרויסע פּאָמעראַנצן און אַזאַ געדעטעניש איז נאָך דאָ קיינמאָל נישט געווען.

ער ברעכט אָפּ אַ צווייגל, אויף וועלכן ס'זענען צונויפגעדרענגט עלף ריזיקע פּרוכטן. איבערגעבנדיק מיר דידאָזיקע מתנה, שטרעקט ער אויס די האַנט איבערן אומענדלעכן פּאָמעראַנצן־וואַלד, וואָס ליגט אין טאָל, און זאָגט מיט פאַרביטערונג:

— דאָס אַלץ ווילן די פאַשיסטישע גענעראַלן פאַרניכטן!...

— — — — — — — — —

אין „פינאַר"־גוט זענען איינגעאָרדנט געוואָרן הונדערט פאַמיליעס פון מאַדריד. דאָס זענען פרויען און קינדער פון געפאַלענע מיליציאָנערן. אָבער צי זענען די צעשראָקענע קינדער

שוין געשיצט דאָ צווישן די גרין־גאָלדענע פּאָמעראַנצן־ביימער?
דער „ראַדיאָ־גענעראַל", קעיפּאָ דע ליאַנאָ, האָט צוגעזאָגט צו פאַרניכטן דעם פּאָמעראַנצן־אוצר פון לעוואַנטע, פּונקט ווי די איילבירטן פון אַנדאַלוזיען. די דייטשישע און איטאַליענישע פליִער האָבן שוין דאָ געוואָרפן זייערע צינד־באָמבעס, אָבער מען שניידט רויִק די פּאָמעראַנצן און אויף די אויסגעפּלאָנטעוועטע בערג־שיפּועים פלאַנצט מען אפילו נייע ביימער.

א גרוס פון „יענער וועלט"

די נאַכט־צוגן אין שפּאַניען גייען אָפּ אינגאַנצן אָן ליכטער. ביים אַרויסגאַנג אויפן פּעראָן ווערט ביי אַ קליין נאַפט־לעמפּל קאָנטראָלירט נישט בלויז דער בילעט, נאָר אויך די דאָקומענטן. דער צוג, וואָס דאַרף אָפּגיין, האָט אויפן הינטערשטן וואַגאָן אויך אָן ענלעך נאַפט־לעמפּל און צו אָט דעם רויטלעך־ציטערדיקן ליכט־פּונקט דרענגען זיך די פּאַסאַזשירן.

די וואָקזאַלן זענען תמיד די הויפּט־אָביעקטן פון די באָמ־באַרדירנדע עראָפּלאַנען און קיין שום עלעקטריש ליכט ברענט נישט אין די וואָקזאַלן און אויך נישט אין די וואַגאָנען.

די צוגן גייען אָפּ און קומען אָן מיט אַ „רעגלמעסיקער" פאַרשפּעטיקונג, איין מאָל מיט אַ שעה, אַ צווייט מאָל מיט צוויי שעה, יעדן אָוונט אַנדערש אימפּראָוויזירט. דערדאָזיקער מאַ־נעוור איז אויסן צו דעזאָריענטירן די פייַנטלעכע פליִער, וועל־כע זוכן שטענדיק די געלעגנהייט צו אַטאַקירן אָפּגייענדע אָדער אָנקומענדע צוגן, כדי דער בלוטיקער שניט זאָל זיין מיט ברכה...

מען מוז אָבער קומען פּינקטלעך לויטן אַלטן פּאַר־פּלאַן, ווייל דעם סוד, ווען דער צוג וועט אָפּגיין, ווייסט אפילו נישט דער מאַשיניסט אַליין.

נישט איין מאָל זיצט מען אָפּ עטלעכע שעהן אין די טונקל־

לע וואַגאָנעס און דאָס זענען די אַממיינסטן דענערווירנדע שעהן. ערשט, ווען די וואַגאָנעס גיבן זיך אַ טרייסל און דער צוג פאַר־לאָזט דעם פינסטערן וואָקזאַל, ווערט די שטימונג אַ ביסל הייטערער.

וואָס ווייטער דער צוג גרייכט אין אָפענעם פעלד אַריין, אַלץ מער טיילן זיך אויס די געזיכטער פון די מיטפאָרער, און ווען די רעלסן הייבן אָן לויפן נאָענט צום ים־ברעג, ווערט מיט־אַמאָל העל אין וואַגאָן.

ס'פאָרן פאַרווונדעטע מיליציאָנערן, וועלכע האָבן נאָר־וואָס פאַרלאָזט די פראָנט־שפּיטעלער און איילן איצט אויף אורלויב אין זייערע היימען. ס'פאָרן אויך פליכטלינגען פון מאַדריד, גאַנצע פאַמיליעס מיט פעק און מיט קינדער.

איך מאַך אַ שפּאַציר איבער די צוואַנציק וואַגאָנען פון צוג. עס איז אַ רייזע אין אַ רייזע. אַ שפּאַציר דורך די וואַגאָנען, וואָס קומען פון מאַדריד, איז ווי אַ רייזע דורך די לענדער פון פירע־נעאישן האַלב־אינזל און אַ באַגעגעניש מיט די פעלקער, וואָס באַ־ווינען דאָסדאָזיקע לאַנד.

אומעטום, אין יעדן וואַגאָן־ווינקל, הערסטו אַן אייגנאַרטיקע טראַגעדיע, אַ באַזונדערן ווײ, אַ זעלטזאַמען געקלאַג, פאַראייניקט אין איין און דעם זעלבן ביטערן האַס קעגן די גענעראַלן, וועלכע האָבן אַרויסגערופן די שפּאַנישע טראַגעדיע.

דער פאָלקס־לערער פון טאָרטאָזאַ האָט אין חודש יולי גע־שיקט זיין שוואַנגערנדע פרוי אויף אָפרו קיין מאַיאָרקאַ און זינט דעם פאַשיסטישן אויפשטאַנד האָט ער מער פון איר נישט געהערט. ער איז שוין איצט אפשר אַ פאָטער. אָבער ווער ווייסט צי זיין פרוי לעבט נאָך בכלל?

דער טעלעגראַפיסט פון מורסיאַ האָט אַ פּאָר טעג פאַר די געשעענישן געשיקט זיין זעקסיעריק ייִנגעלע צום זיידן קיין סע־ווילאַ. דעם זיידן האָבן די פאַשיסטן דערשאָסן, ווייל ער איז גע־ווען דער פאָרזיצנדער פון דער אָרטיקער רעפּובליקאַנישער פאַר־

טיי, און דאָס יינגעלע איז פאַרבליבן מיט דער באָבען אין דער שטאָט פון קעיפּאָ דע ליאַנאָ...

אַ יונגער אַנאַרכיסט פון באַרצעלאָנאַ דערציילט, ווי אַזוי דעם 19־טן יולי האָט ער, וואַרפנדיק אַ האַנט־גראַנאַט אויף אַ לאַסט־וואָגן מיט אויפשטענדיקע סאָלדאַטן, פאַרלוצלינג דערזען צווישן זיי זיין אייגענעם ברודער. צומאָרגנס האָט ער שוין דעם שווער־פאַרווונדעטן ברודער באַזוכט אין שפּיטאָל.

אַן אַלטע איינגעדאַרטע פרוי מיט אַ שוואַרץ טיכל אויפן קאָפּ דערציילט, ווי אַזוי אויף דער גאַס, וווּ זי וווינט, אין אַלטן קוואַרטאַל פון מאַדריד, האָט אַ באָמבע צעשמעטערט אַ צוויי־שטאָקיק הויז און אַלע איינוווינער זענען פאַרשיט געוואָרן. מ׳האָט דערנאָך אַרויסגעצויגן די טויטע, אָבער ס׳איז נישט געווען מער קיינעם צו דערקענען.

די אַלטיטשקעווישט זיך די אויגן און חזרט כסדר איבער איין און דעם זעלבן שפּרוך: — „גאָטעניו, ווען וועסטו שוין באַ־שטראָפן די מערדער?”

אַנטקעגנאיבער מיר, ביים פענסטער, זיצט אַן עלטערער הער מיט אַ גרוי־ווערנדיק קורץ־פאַרשוירן בערדל. אין אָנהייב האָט ער געשוויגן, אָבער שפּעטער האָט ער אַליין אָפּטער מיר אָנגעהויבן אַרויסהעלפן אין מיין שמועס מיט די מיטפאָרנדיקע, דערקלערנדיק מיר אין פראַנצויזיש די פאַר מיר אומפאַרשטענד־לעכע שפּאַנישע אויסדרוקן.

אויף אַזאַ אופן האָט זיך צווישן אונז פאַרבונדן דער שמועס.

— איך קום פון „י ע נ ע ר ז י י ט”... — האָט ער געזאָגט מיט אַ געהיימנישפולער באַטאָנונג. ער האָט דערביי אומרויִק אַ וואָרף געטון אַ בליק אַרום זיך, גלייך ווי ער וואָלט זיך גע־שראָקן פאַר די אַרומיקע.

(ס׳פאַרשטייט זיך, אויף יענער זייט באַדייט: אין די ער־טער, וואָס זענען פאַרנומען דורך די פאַשיסטן.)

— איך בין שוין צוויי וואָכן אויף „ד ע ר ז י י ט”, אָבער

איך קאָן זיך אַלץ נישט טרויען קיין פרייען געשפּרעך מיט אומ־באַקאַנטע מענטשן. אויף „י ע נ ע ר ז ײ ט" דאַרפט איר מיט צופעליק־באַקאַנטע מענטשן בלויז רעדן וועגן וועטער און וועגן ווײַן. ס'העלפט אויך נישט צו רעדן אין אַ פרעמדער שפּראַך, ווײַל געגנוג פראַנצויזן, איטאַליענער און באַזונדערס דײַטשן זענען אין דינסט פון ז ײ ע ר געהיים־פּאָליציי. דעם הויפּט־אײַנפלוס האָבן דאָרט די דײַטשן. אין די צײַטונגס־קיאָסקן פאַרקויפט מען פיל דײַטשישע בלעטער און צוזאַמען מיטן בילד פון גענעראַל פראַנקאָ הענגט אויך אומעטום דאָס בילד פון היטלערן.

איך לאָז דורך די באמת פאַנטאַסטישע געשיכטע, וואָס אַט דער עלטערער הער האָט מיר דערציילט וועגן דעם אופן פון דורכגנבענען די פאַשיסטישע גרענעץ; פון אַט דעם ווירקלעכן „קרימינאַל־ראָמאַן" וויל איך בלויז איבערגעבן, אַז מײַן דערציי־לער איז אַן אַרכיטעקט און ער האָט לאַנגע יאָרן געאַרבעט אין וויגאָ, ווו זײַן ברודער איז אַן אָנגעזעענער פאַשיסטן־פירער. אַלס מיטגליד פון אַ מאַסאָנען־לאָזשע, איז ער באַלד נאָכן אויסברוך פון די געשעענישן געוואָרן אַרעסטירט דורך די פאַשיסטן און בלויז אַ דאַנק דער הויכער שטעלונג פון זײַן ברודער איז אים געלונגען אויסצומײַדן דעם טויט און צו אַנטלויפן.

די פאָרזיכטיקייט איז שוין בײַ דעמדאָזיקן אינזשיניער געוואָרן אַ מין צווייטע נאַטור און די גאַנצע צײַט פון זײַן דער־ציילן האָט ער קיין איין מאָל נישט אַרויסגערעדט דאָס וואָרט „פאַשיסטן", נאָר כסדר געברויכט די אויסדרוקן „בײַ זיי" אָדער „אויף יענער זײַט".

— בײַ זיי דאָרט הערשט אַן אײַזערנע, מיליטערישע דיסצי־פּלין. דאָס מיליטער איז אַלץ און אַלץ איז פאַרן מיליטער. די סאָלדאַטן באַגריסן זיך מיטן היטלעריסטישן אויסשטרעקן די האַנט און אפילו די מאַראָקאַנער זאָגן זיך איינער דעם צווייטן „הײל היטלער!" אַלע, וואָס קומען פון פראָנט, האָבן די ברוסטן פול באַהאָנגען מיט מעדאַלן. דאָס גראָטעסקע איז אָבער דערבײַ,

וואָס צווישן די מעדאַלן מיט די קאַטוילישע הייליקע טרייסלט זיך אָפּט אויך דער אַנטי-קאַטוילישער האַקנקרייץ...

— די פרויען פון די פאַשיסטן טראָגן צוריק די טראַדיציאָנעל-שפּאַנישע מאַנטילע, דאַקעגן אָבער די פרויען פון די דערשאָסענע סאָציאַליסטן און רעפּובליקאַנער האָט מען מען אָפּגעגאָלט די האָר פון די קעפּ און יעדן חודש מוזן זיי זיך שטעלן פאַר אַ קאָנטראָל, צי זיי לאָזן זיך אַמאָל נישט וואַקסן די האָר.

— דער לעבנס-שטייגער אויף „יענער זייט" איז אינגאַנצן אַנדערש ווי דאָ. אַכט אָוונט זענען די קאַפעען שוין געשלאָסן און אַ חוץ מיליטערלייט זעט מען נישט מער קיין לעבעדיקן מענטש אויף די גאַסן. עס איז ריכטיקער קריגס-צושטאַנד און אַלע פאַראָרדענונגען ווערן אויסגעפירט מיט אַ פּינקטלעכקייט, וואָס איז אייגנטלעך דער קעגנזאַץ פון דער שפּאַנישער מענטאַליטעט. דערין שטעקט, נאַטירלעך, די האַנט פון די דייטשישע אָפיצירן.

וואָס ווייטער איז אונזער ערשטע-קלאַס-אָפּטיילונג געוואָרן אַלץ פולער. די מיליציאָנערן און די פויערן האָבן זייערע פּעק געוואָרפן אויף די פּליושענע בענק און דאָס האָט ביים אינזשיניער אויפגעוועקט רעמיניסצענצן:

— נו, אויף „יענער זייט" איז די ערשטע קלאַס נאָך אַן ערשטע קלאַס...

נאָך אַ צוויי-שעהדיקן דרימלען האָט ער זיך איצט צוריק אומגעקערט צו דער טעמע און גענומען דערציילן:

— איר ווייסט, — האָט ער זיך אָנגעבויגן צו מיר — אין וויגאָ איז שוין צוויי מאָל געפייערט געוואָרן דער אַריינמאַרש פון דער נאַציאָנאַלער אַרמיי קיין מאַדריד. אין דער ערשטער פייערונג האָט אויך אָנטיילגענומען דער געוועזענער בישאָף פון מאַדריד, וועלכער ווינט איצט אין וויגאָ.

דער צוג לויפט איצט מיט אַ פאַרטאָפּלטער שנעלקייט און

ווי אַ פייל איילט ער דורך די טונעלן, וואָס ציִען זיך אויף לאַנ־גע קילאָמעטערס אין די רויטע שפּאַט־בערג.

מיין שכן, דער אינזשיניער פון „יענער זייט", הייבט אָן אין אָרדענונג ברענגען זיינע זאַכן. דער ענדציל פון זיין רייזע איז טאַראַגאָנאַ. איך נוץ אָבער אויס די לעצטע מינוטן, כדי צו הערן ווי אַזוי עס שאַצט אָפּ די לאַגע אַ ליבעראַל־געשטימטער שפּאַניער, וואָס מישט זיך נישט אין פּאָליטיק, און וועלכער קען דערביי ביידע צדדים.

— אויף יענער זייט שווייגט דאָס פאָלק און דאָס איז, לויט מיין מיינונג, אַ שלעכטער סימן. דאָ דאַקעגן הערט מען נאָר פּראָטעסטן און פאַרביטערונגס־שטימען קעגן פראַנקאָ. דאָ, אויף ד ע ר ז יי ט, איז אַ זיג פון דער מיליץ גלייכצייטיק אויך אַ זיג פאַרן פאָלק, פאַר דער רעפּובליק, ווייל דאָ קעמפט דאָס פאָלק. דאָרט אָבער איז דער זיג פון מיליטער בלויז אַ מיליטערישער זיג, ווייל דאָס הינטערלאַנד איז דער פאַסיווער שונא, וואָס איז טעראָריזירט און האָט פאַר־בונדענע הענט. עס איז אָבער אַ געפערלעכער שונא. דאָ איז די לאַגע טראַגיש אין אָנבליק פון די קרבנות, וואָס פאַלן טאָג־טעג־לעך אין מאַדריד און אין אַנדערע באָמבאַרדירטע שטעט, דאָרט איז אָבער אומהיימלעך!

דאָס לעצטע וואָרט האָט ער אַרויסגעזאָגט שטיל און עס האָט געקלונגען ווי אַן אויסגייענדער טרויעריקער אַקאָרד...

ער האָט אָנגעטון דעם ברייטראַנדיקן, שוואַרצן הוט, גענומען די וואַליזע אין דער האַנט אַריין און צוזאַמען זענען מיר אַרויס אין קאָרידאָר, דורכדרענגענדיק זיך צו דער טיר. ווען דער צוג האָט זיך פאַרהאַלטן אויפן באַן־הויף פון וואַלענציאַ, האָב איך אים דערלאַנגט מיין וויזיט־קאַרטע און דערביי געבעטן זיינע.

זיין געזיכט איז מיטאַמאָל בלאַס געוואָרן. ער האָט אַוועק־געשטעלט די וואַליזע און מיט ביידע הענט מיך אָנגענומען פאַר די אָרעמס:

— זייט מיר טויזנט מאָל מוחל, מיין נאָמען דאַרפט איר נישט וויסן. איר פאַרשטייט דאָך אַליין, — איז זיין שטים גע־וואָרן נאָך בעטנדיקער — איך האָב דאָך דאָרט מיין ברודער !...

ער האָט זיך מיט מיר געזעגנט, אָבער נישט אויפגעהויבן די פויסט, וואָס עס איז דאָ דער אַלגעמייער באַגריסונגס־צייכן, — נאָר אַראָפּגענומען דעם שוואַרצן, ברייטראַנדיקן הוט

רעוואָלוציע און קריג

דאָס אָנגערויכערטע קאַפע „וואָדקאַ" איז געווען דער סעיסמאָגראַף, וואָס האָט אָנגעזאָגט אַלע נייע ווענדונגען פון דער רעוואָלוציע. דאָ זענען געקומען די זשורנאַליסטן, די אָפיצירן פון דער אינטערנאַציאָנאַלער בריגאַדע און די מיטלויפערס פון אַלע וועלט-געשעענישן. דאָ זענען אויך געזעסן די אָבסערוואַטאָרן פון אַלע אייראָפעאישע „צווייטע ביוראָען", וועלכע האָבן זיך געדעקט מיט דיפּלאָמאַטישע פּעסער אָדער צווייפלהאַפטע זשורנאַליסטישע קאַרטן. דאָ איז געווען דער אָנגעלויף פון דער גאַנצער וועלט און עס האָבן דאָ געקלונגען אַלע וועלט-שפּראַכן.

דער שטאַם-גאַסט איז דאָ געווען דער „שפּאַנישער גאָרקי" — דער פּראָלעטאַרישער פּאָעט פלאַי אי בלייטראַן, וועלכער איז טראָץ זיין הויקער תמיד געווען אַרומגערינגלט מיט די שענסטע מיידלעך, וועלכע זענען מאַסנהאַפט אַריינגעטרעטן אין דער באַוועגונג פון דער „פאַראייניקטער סאָציאַליסטישער יוגנט". בלייטראַן האָט אין קאַפע יעדן טאָג געלייענט פאַר זיינע פאַרערער די נייעסטע לידער זיינע. אַלס זון פון אַ וועשין האָט ער ביזן צוואָנציקסטן לעבנס-יאָר נישט געקענט לייענען און שרייבן, אָבער נאָך אַלס אַנאַלפאַבעט האָט ער שוין אימפּראָוויזירט רעוואָלוציאָנערע פערזן, וואָס זענען אויפגעשריבן געוואָרן און צירקולירט אין די אַרבעטער-קרייזן.

איליאַ ערענבורג איז דאָ געזעסן אַ פאַרכמורעטער, געריכערט זיין פּיפּקע און געמאַכט זיך נאָטיצן אויף די ביבולענע סערוועטקעס. אין אוניפאָרם פון אַן אַוויאַציע-אָפיציר האָט זיך דאָ דער ערשטער באַוויזן אַנדרע מאַלראָ. מ'האָט נאָך דאַן אין וואַלענציאַ כמעט נישט געזען קיין איינהייטלעכע מיליטערישע

מונדירן און מאַלראַ האָט דעריבער מיט זיין דערשיינען אין קאַפע „וואָדקאַ" אָנגעזאָגט די נייע באַוועגונג. פאַר די זשורנאַליסטן און פאַר די תמיד-שווייגנדיקע אָבסערוואַטאָרן איז עס געווען אַ באַשטעטיקונג, אַז דער אָנזאָג וועגן מיליטאַריזאַציע האָט זיך שוין אָנגעהויבן.

„דיסציפּלין" — דאָסדאָזיקע וואָרט האָבן אָן אויפהער אויסגעשריגן די פּלאַקאַטן און די ראַדיאָ-הילכערס. די פּאַרטיי-קאָלאָנעס האָבן באַדאַרפט צונויפגעגאָסן ווערן אין פּאַראייניהייטלעכטע מיליטערישע קערפּערשאַפטן. אויף דער זייט פון גענעראַל פראַנקאָ זענען אַלץ מער צוגעקומען מיליטעריש גוט-אויסגעשולטע טרופּן פון דייטשלאַנד און פון איטאַליען און מ'האָט דעריבער דער אינוואַזיע-אַרמיי באַדאַרפט אַנטקעגנשטעלן אַ גלייכווערטיקע קראַפט.

די אַנאַרכיסטישע קאָלאָנעס האָבן זיך אָבער געבונטעוועט קעגן אָט דער שנעלער מיליטאַריזאַציע, זיי האָבן זיך געבונטעוועט קעגן די אָפיצירישע גאַלאָנען, וואָס האָבן אָנגעהויבן אַרויסוואַקסן אויף די אָרעמס פון די מיליציאָנערן.

אַ גרעסערע גרופּע פון דער „קאָלומנאַ דע היעראָ" (אייזערנע קאָלאָנע) איז אַנטלאָפן פון פראָנט, אויפן וועג באַזעצט אַ ריי דערפער אַרום וואַלענציאַ און זיך פאַרשאַנצט אין די אָפּגעברענטע קירכעס. אין הינטערלאַנד האָט ווידער זיך געגאָסן בלוט, די צוזאַמענשטויסן האָבן אָנגענומען דעם טראַגישסטן כאַראַקטער, אָבער דאָס ראָד פון קריג האָט אומרחמנותדיק ווייטער געראָלט. „דיסציפּלין" — האָבן געשריגן די פּלאַקאַטן און די ראַדיאָ-הילכערס, און די, וואָס האָבן זיך נישט געקאָנט אַריינפּאַסן אין דער רעם פון אָרדענונג, די, וואָס האָבן פון דער אָפענער שטאָט-באַריקאַדע נישט געוואָלט אַראָפּגיין אין דער פאַרשאַנצטער טראַנשיי, זענען אָפּגעווישט געוואָרן.

די אַליאַרם-סירענעס האָבן אַלץ אָפטער פאַרטויבט די לופט פון דער אימפּראָוויזירטער הויפּטשטאָט. די ערשטע הייזער זענען שוין געשטאַנען מיט אויפגעריסענע בייכער און צעקנוילטע געדע-

רים. די איינוווינער־צאָל איז שוין דערגאַנגען צו אַ מיליאָן און דער שונא האָט אַלץ מאַרשירט פאָרויס.

די קאַבאַרעטן מיט די נאַקעטע טענצערינס האָבן אָנגע־הויבן פאַרשווינדן. אַכט אין אָוונט האָבן זיך געשלאָסן די קאַפעען, די קינאָס זענען כסדר געווען טעטיק.

„מאַדריד איז ווערדען".

וואָס פאַר אַן ענטוזיאַזם, וואָס פאַר אַ בראַוואָ־געשרייען האָבען זיך אַרויסגעריסן ביי אַלעמען, ווען ס'איז באַוויזן געוואָרן די סצענע מיטן זעלנער, וועלכער וואַרפט אַ האַנט־גראַנאַט אונטער אַ טאַנק און שטעלט אָפּ די געשפענסטיקע מאַשין.

— קאָלל! קאָלל! קאָלל! — האָט זיך געהערט אין די אויסגעשרייען, און געמיינט האָט מען דעם העלדישן, שפּאַנישן מיליציאָנער, אַנטאָניאָ קאָלל, וועלכער האָט אויפן מאַדרידער פראָנט אויף דעם זעלבן אופן אָפּגעשטעלט גאַנצע פיר דייטשי־שע טאַנקן.

— קאָלל! קאָלל! קאָלל!

דאָס איז דער זעלבער קאָלל, וועגן וועלכן דער פּאָעט בלייטראַן האָט אָנגעשריבן אַ פּאָעמע און זי געלייענט אין קאַפע „וואָדקאָ".

און קאָלל? קאָלל איז געפאַלן ביים אויספירן זיין העלדנטאַט — איך האָב דערפילט די פילם־סטודיע...

דער המון איז אָבער אַרויס באַגייסטערט, און די געדעמפ־טע טענער פון אינטערנאַציאָנאַל האָבן לאַנג נאָך זיך געהערט אין די פינסטערע גאַסן פון וואַלענציע.

לעגענדאַרע פרויען-געשטאַלטן

אין די באַגינענס זענען די גאַסן פאַרוואַנדלט געוואָרן אין איבונגס-פעלדער פאַר די אַרבעטער פון די פאַבריקן. מ׳האָט געלערנט נישט בלויז שיסן, נאָר אויך מיליטעריש מאַרשירן. די אַרמיי איז געוואַקסן מיט אַלע אירע האַרטקייטן און אייזערנע ראַמען פון דיסציפּלין. די באַטאַליאָנען האָבן אָפּמאַרשירט אויפן פראָנט אין אייגנהייטלעכע מונדירן. עס איז פאַרשוווּנדן דער לייוונטענער קאָסטיום, עס איז געקומען דער כאַקי-מונדיר און דער שטייפער טעלער-הוט.

עס האָט אויפגעהערט דער רעוואָלוציאָנערער ראָמאַנטיזם און עס איז געקומען דער גרויזאַמער קריג. די מאָביליזאַציע האָט אָנגעהויבן ווערן רעאַליזירט און די פרייוויליקע זענען אָפיציעל אינקאָרפּאָרירט געוואָרן אין דער ניי-געשאַפענער פאָלקס-אַרמיי.

פון דערדאָזיקער אַרמיי זענען דערווייטערט געוואָרן מיט איין קלאַפּ די פרויען.

אומצופרידענע און ווי פאַרשעמטע זענען זיי צוריקגעקומען פון די פראָנטן. פיל פון זיי האָבן זיך געבונטעוועט קעגן דערדאָזיקער פאַראָרדענונג. זיי האָבן פּראָטעסטירט אין די מיליטערישע קאָמיטעטן און פאַררופן זיך אויף די העלדינס, וואָס זענען שוין אַריין אין פּאַנטעאָן פון שפּאַניענס פרייהייטס-קאַמף.

אַ סך אָבער האָבן מיט שווייגנדער צושטימונג זיך געלאָזט „אַנטוואָפענען”. זיי האָבן אָפּגעגעבן די מיליץ-קאַרטן און געהאָרכזאַם אַוועק אין די פאַבריקן, שפּיטעלער אָדער אין די ביוראָס.

אָט די נאָכגיביקע האָבן דאָס טאַקע באַשטעטיקט, אַז פיל פון די פרויען, וועלכע האָבן אין די ערשטע טעג פון בירגערקריג מיט זייער העלדישקייט ווייט איבערגעשטיגן די מענער, זענען שפּעטער געפאַלן צו לאַסט און אפילו אָנגעהויבן דעמאָראַליזירן.

אויף די באַריקאַדן, אין שטאָט, ווו דער קאַמף האָט געדויערט אָן איבעררייס, איז די פרוי געווען אַ גלייכער קעמפער און אָפטמאָל מיט איר מוט און געוואַגטקייט איבערגעשטיגן דעם מאַן; אָבער אויפן פראָנט, אין די נעכט, וואָס זענען אָפטמאָל אַדורך אָן איין שאָס, האָט אפילו דער פייכטער, נישט-געמיטלעכער שוץ-גראָבן דאָך זיך פאַרוואַנדלט אין אַ ליבעס-באַהעלטעניש... דאַן איז געקומען די אייפערזוכט און די דריי אָדער פיר פרויען אין דער „צענטוריאַ” (אַ קאָמפּאַניע פון הונדערט) האָבן נישט איינמאָל אַרויסגערופן דעמאָראַליזירנדיקע שטרייטיקייטן.

די לעצטע מיליציאָנערינס זענען צוריקגעשיקט געוואָרן פון די פראָנטן, אָבער די שפּאַנישע פרוי האָט זיך פאַרשריבן אין דער געשיכטע פון רעוואָלוציאָנערן העראָאיזם. די פרוי פון רעפּובליקאַנישן שפּאַניען האָט אויסגעטון די מאַנטילע און צוזאַמען מיטן מאַן גענומען אין האַנט דעם געזעלשאַפטלעכן רודער.

יונג איז די פרויען-באַוועגונג אין שפּאַניען, אָבער אומגע-

הייער אימפּולסיוו. די מיידלעך, וועלכע האָבן קיינמאָל נישט געטאָרט אַליין פֿאַרלאָזן די שטוב, זענען דעם 19-טן יולי מיטאַמאָל אַרויס אויף דער גאַס, געכאַפּט די ביקס אין דער האַנט און אין לאַסט-אויטאָס מיטגעפֿאָרן אויף די פֿראָנטן.

איצט פֿאַרפֿולן זיי די פּאַרטיי-ביוראָס און צוזאַמען מיטן ליפּן-שטיפֿט טראָגן זיי אין די עלעגאַנטע טאַשן אויך אַ קליינעם רעוואָלווער... די דורות-לאַנגע פֿאַרשקלאַפֿטע שפּאַנישע פֿרוי האָט רעוואָלטירט און אין איר אַקטיוויטעט איבערגעשפּרונגען מיטאַמאָל די פֿרויען אין פֿיל אַנדערע לענדער.

די שפּאַנישע פֿרוי האָט במשך פֿון די ערשטע חדשים בירגער קריג דורכגעמאַכט אַן עמאַנסיפּאַציע-וועג, וואָס וואָלט אין אַ נאָרמאַלער צייט, אַפֿילו ביי דער שטאַרקסטער אויפֿקלערונגס-אַרבעט, באַדאַרפֿט דויערן גאַנצע דורות.

מיר מיינען דאָ נישט די פֿרוי, וועלכע איז מיטגעריסן געוואָרן פֿון דער רעוואָלוציע, פֿון דעם אויפֿגעבראויזטן שטורעם און האָט, אַן עקזאַלטירטע, געכאַפּט די ביקס אין דער האַנט אַריין. מיר רעדן דאָ נישט וועגן דעם ספּאָנטאַנעם העראָאיזם, צו וועלכן פֿרויען זענען פֿעיִק. מיר מיינען די מאַסן-עמאַנסיפּאַציע פֿון דער דורכשניטלעכער בירגערין אויף דער רעפּובליקאַנישער זייט, וואָס איז אַ דאַנק די געשעענישן אַקטיוויזירט געוואָרן פּאָליטיש און געזעלשאַפֿטלעך. דאָס זענען די הונדערטער טויזנטער פֿרויען, וועלכע זענען פֿריִער גענייגט געווען גיכער צו פֿאַרערן דעם מיליטאַריזם, ווי דעם קעמפֿנדן אַנטיפֿאַשיזם און וועלכע זענען אָבער איצט, נאָך דער בלוטיקער היסטאָרישער לעקציע, געוואָרן איבערצייגטע אַנטיפֿאַשיסטינס.

פֿאַר די מוטערס פֿון מאַדריד אידענטיפֿיצירט זיך איצט דער פֿאַשיזם מיט טויט, פֿאַרברעכן און מאָרד.

די הויפּט-איניציאַטיוו צו אָט דער פֿרויען-באַוועגונג האָבן געגעבן די אַנאַרכיסטן, וועלכע האָבן געגרינדעט די „אַגרופּאַסיאָן דע מוכערעס ליברעס” (פֿאַרבאַנד פֿון פֿרייע פֿרויען). אונ-

טער דעם באַגריף פרייהייט ווערט דאָ נישט געמיינט די סעקסועלע פרייהייט, נאָר פאַר אַלעם אַ גייסטיקע און אַ סאָציאַלע. צו דערדאָזיקער באַוועגונג זענען מיט איינמאָל צוגעשטאַנען פיל צענדליקער טויזנטער מיטגלידערינס. די פרויען־מיטינגען אין די באַלאַגערטע שטעט האָבן צוגעצויגן ריזיקע מאַסן און גאַנץ אָפט איז געווען צו באַמערקן, ווי צווישן די פאַרזאַמלטע איז פלוצלינג אויפגעשטאַנען אַ פשוטע פרוי, גענומען אַ וואָרט און עס איז צוגעקומען אַ נייע, אומבאַקאַנטע אָראַטאָרין.

דידאָזיקע פרויען שפּאַנען איצט טריט־ביי־טריט צוזאַמען מיטן מאַן, אָבער נישט ווייניק ענערגיע גיבן זיי אָפּ פאַר אויפקלערונגס־אַרבעט אין זייערע אייגענע רייען. איינע פון די וויכטיקסטע לייסטונגען פון דערדאָזיקער יונגער פרויען־אָרגאַניזאַציע, איז דער קאַמף קעגן דער פּראָסטיטוציע. די רעגירונג האָט אייגנטלעך אין דער הינזיכט נאָך גאָרנישט אונטערגענומען. עס זענען בלויז פאַרטריבן געוואָרן די אייגנטימערינס פון די פאַרוויילונגסהייזער און עס איז די מיידלעך אַליין איבערגעלאָזט געוואָרן די פאַרוואַלטונג מיט די אונטערנעמונגען. עס איז, הייסט עס, אָפּגעשאַפן געוואָרן בלויז די עקספּלואַטאַציע פון דערדאָזיקער געזעלשאַפטלעכער פּלאָג, אָבער די רעגירונג האָט נאָך דערווייל גאָרנישט געטון, כּדי זי אויסצוראָטן. דערפאַר אָבער האָט דער פאַרבאַנד פון די „פרייע פרויען" אונטערגענומען אַן ענערגישע אַקציע אין דער ריכטונג.

אויף די גאַסן פון באַרצעלאָנאַ, וואַלענציאַ און מאַדריד קאָנט איר צוזאַמען מיט די פּלאַקאַטן, וואָס רופן צו איינהייט און צום קאַמף קעגן פאַשיזם, אויך לייענען די פּלאַקאַטן, וואָס רופן צום קאַמף קעגן דער פּראָסטיטוציע.

די פרויען זאָגן צום מאַן, אַז: „ער זאָל זיך היטן פון די אָנשטעקנדיקע קראַנקהייטן, וואָס זענען פונקט אַזוי געפערלעך, ווי די קוילן פון שונא".

דידאָזיקע פּלאַקאַטן זענען אָפט זייער נאַאיוו, אָבער אויס־ריכטיק אילוסטרירט. זיי שטעלן פאָר אַ האַלב־נאַקעטע פרוי, פון וועמענס ברוסט עס בויערט זיך אַרויס דער קאָפּ פון אַ גיפטיקער שלאַנג.

„מען זעט צופיל רויטע און רויט־שוואַרצע טיכלעך אין די ענגע גאַסן...” הייבט זיך אָן אַן אַנדערער אויפרוף. דאַן זענען אין די ענגע געסלעך און אפילו אויף די טירן פון די פּאַרוויי־לונגס־הייזער אויפגעקלעפּט פּלאַקאַטן, וואָס רופן די פּראָסטיטוט־קעס צו באַפרייען זיך פון זייער שאַנד:

„פרייע פרויען! עס איז געקומען פאַר אייך אַ ניי לעבן, וואָס גיט אייך די מעגלעכקייט צו ווערן ווירדיקע מענטשן און נוצלעכע מיטגלידער פון דער געזעלשאַפט. קומט אין אונזער באַ־פרייאונגס־אַנשטאַלט (ליבעראַטאָריאָס). איר וועט דאָרט צוגע־גרייט ווערן צו ווירדיקער אַרבעט”.

די באַרימטע שפּאַנישע שריפטשטעלערין מאַרצעדעס קאָמאַ־פּאָסאַדאַ האָט אַרויסגעלאָזט אַ פלוג־בלאַט אין קאַמף קעגן דער פּראָסטיטוציע. דאָסדאָזיקע פלוג־בלאַט איז צוזאַמען מיט אַנדערע אויפרופן וועגן דער מאָביליזאַציע און דעם עוואַקואירן פון מאַדריד פונאַנדערגעשיט געוואָרן דורך אַן עראָפּלאַן איבער די גאַסן פון דער באַלאַגערטער הויפּטשטאָט. אין איר אויפרוף זאָגט די באַרימטע שריפטשטעלערין:

„דער מאַן דאַרף סעקסועלן קאָנטאַקט, ער דאַרף אָבער נישט קיין געשלעכטס־קראַנקהייטן. וואָרט מען טאַקע אויף אַ דעקרעט, וואָס זאָל אונטערדריקן די פּראָסטיטוציע אויף אַ ברו־טאַלן אופן? דאָס וואַרטן איז אומזיסט. עס איז ווייניק צו שליסן די שאַנד־הייזער, עס איז ווייניק אַראָפּצוטרייבן די פרויען פון זייערע נאַכט־פּיקעטן אין די טונקעלע געסלעך. אין דער נשמה פון מאַן, אין זיין מוח, מוז אויסגעראָטן ווערן דער געדאַנק וועגן פּראָסטיטוציע, דאָרט מוז מען ענדגילטיק צומאַכן די שאַנד־הייזער”....

די פרויען פון דער „אגרופאסיאן דע מוכערעס ליבערעס" האבן טאקע באוויזן אן א דעקרעט ארויסצונעמען פון די שאנד-הייזער טויזנטער פון זייערע געשלעכטס-שוועסטערן און זיי שטעלן אין דינסט פון דער געזעלשאפט, אין דינסט פון דער קעמפנדער, רעפובליקאנישער ארמיי.

אין דער גרויסער מעכאנישער וועשעריי אין מאדריד, וואס איז ספעציעל אויפגעבויט געווארן פאר דער ארמיי, זענען שוין באשעפטיקט העכער הונדערט געוועזענע פראסטיטוטקעס, וועלכע וואשן וועש פאר די מיליציאנערן.

די געוועזענע פראסטיטוטקעס פילן זיך שטאלץ, וואס זיי שטייען צוזאמען ביי איין פרעס-טיש מיט די פרויען פון מיליציאנערן, אפיצירן און פארטיי-חברים — זיי זענען גלייך מיט אלעמען. זיי רופן זיך געמיינזאם „קאמפאניערא", זיי עסן צוזאמען ביי איין טיש און קריגן אויך גלייך זייער לוין.

די, וועלכע ווילן לערנען א פאך, קאנען דאס טון לויט זייער אויסוואל. עס זענען פאר זיי אפן די שניידער-ווארשטאטן, דער טעלעגראף, סטענאטיפיע און אפילו די שולע פון טראמוויי-פירער. אין די אוונטן זענען טעטיק פאר זיי קורסן פאר אלגעמיינער בילדונג.

עס זעט אויס, גלייך ווי דעם קאמף קעגן דער פראסטיטוציע האט די רעפובליקאנישע רעגירונג איבערגעלאזט די פרויען גופא, און אזוי ארום אוועקגענומען די אויפזיכט פון זשאנדארם איבער דערדאזיקער געזעלשאפטלעכער פלאג. די שאנד-הייזער זענען נאך נישט געשלאסן, קיין דעקרעט האט זיי נישט פארבאטן, אבער טויזנטער פרויען זענען שוין פון דארט ארויסגענומען געווארן מיט דער הילף פון אויפקלערונג און דער עיקר — א דאנק די ארבעטס-מעגלעכקייטן, וואס זענען איצט אין דעם רעפובליקאנישן שפאניען פאר זיי געעפנט געווארן.

* *
*

די געוועזענע לערערין, פרעדעריקאַ מאָנטסעני, האָט אויף איר פּאָסטן, אַלס געזונטהייטס-מיניסטער אין דער צענטראַל-רעגירונג, גלענצנד באַוויזן צו אָרגאַניזירן דאָס שפּיטאָל-וועזן, וואָס איז איצט, אין דער צייט פון קריג, איינע פון די וויכטיקסטע און שווערסטע אויפגאַבן.

און די „פּאַסיאָנאַריאַ" — די פרוי פון אַן איינפאַכן אַסטוּרישן קוילנגרעבער — איז דאָך די באַליבטסטע פירערין פון שפּאַנישן פּראָלעטאַריאַט און איר נאָמען איז פאַרוועבט ממש אין אַ לעגענדאַרן אָרעאָל.

דידאָזיקע צוויי פרויען געהערן אָבער שוין צום עלטערן רעוואָלוציאָנערן דור אין שפּאַניען. די „פּאַסיאָנאַריאַ" אָדער — לויט איר אייגנטלעכן נאָמען — דאָלאָרעס איבאַרורי, איז שוין אין יאָר 1934 געוועזן קאָמוניסטישע דעפּוטאַטין און איז זינט יאָרן שוין באַרימט אַלס די סוגעסטיווסטע מאַסן-רעדנערין. אויך די מאָנטסעני האָט הינטער זיך אַ רייכע פאַרגאַנגענהייט אין די אַנאַרכיסטישע רייען. גרויס איז אָבער שוין די צאָל פון די יונגע שפּאַנישע פרויען, וועלכע האָבן אויפגעבליצט אין די טראַגישע יולי-טעג און אַלס פירערינס געפאַלן אין שלאַכט. צו דידאָזיקע שפּאַנישע העלדינס געהער אין דער ערשטער רייע לינאַ אָדענאַ.

אין דער „דיאַגאָנאַל", אין באַרצעלאָנער אַרבעטער-קוואַרטאַל, וווינט דער שניידער-מייסטער כאָזע אָדענאַ. אויף דער טיר הענגט אַן אָפּגעבליאַקעוועטע שילד, וואָס שטעלט פאָר אַ פראַנט

אין אַ פּראַק און דערלעבן אויף דער וואַנט — אַ פרישער מאַרמאָר-טאָוול צום אָנדענק פון דער פאָלקס-העלדין, לינאַ אָדענאַ, וועלכע איז אין דעם הויז געבוירן געוואָרן.

ביי׳טאָג האָט לינאַ איר פאָטער געהאָלפן נייען די פּרעק פאַר די שפּאַנישע פּראַנטלעך און ביינאַכט האָט זי געלייענט די ווערק פון ראָזאַ לוקסענבורג, קלאַראַ צעטקין און קאַלאָנטאַי. לינאַ איז געווען בלאַס, צאַרט, אָבער אַן אינערלעכער כוח האָט געברויזט אין דעמדאָזיקן אָנעמישן שניידער-מיידל.

זי אָרגאַניזירט די סאָציאַליסטישע יוגנט אין קאַטאַלאָניען און פירט דורך דעם פאָלקס-פראָנט פון דער אַרבעטער-יוגנט אין גאַנץ שפּאַניען.

די געשעענישן פון 19-טן יולי טרעפן זי אָן אין אַלמעריאַ, וווהין זי האָט געהאַט צונויפגערופן דעם ערשטן שפּאַנישן „יוגנט-קאָנגרעס קעגן קריג און פאַשיזם". דערדאָזיקער קאָנגרעס האָט נישט נאָר בלויז אָנגענומען רעזאָלוציעס קעגן פאַשיזם, נאָר טאַקע גלייך געקעמפט קעגן אים אויף דער גאַס. לינאַ האָט מיט דער שלאַכט אָנגעפירט און נאָך צוויי טעג זענען די פאַשיסטן אין אַלמעריאַ געווען באַזיגט. דעם קאָנגרעס האָט זיך באַלד געפאָרעמט אין אַ באַטאַליאָן און אונטער דער אָנפירונג פון דעם פינאונצוואָנציק-יעריקן שניידער-מיידל אַוועק אויפן פראָנט פון גראַנאַדאַ.

לינאַ אָדענאַ איז נישט געפאַלן פון קיין צופעליקער קויל. פנים-אל-פנים האָט זי געקעמפט מיט די פאַלאַנגיסטן, צו וועלכע זי האָט פאַרבלאָנזשעט. די לעצטע קויל פון ברויננג האָט זי אַליין זיך אַריינגעשאָסן אין קאָפּ.

רייך אין העלדנטאַטן איז די עפּאָכע פון די טרויען, וואָס זענען אין שפּאַנישן בירגער-קריג געפאַלן אויף די באַריקאַדן און אין די כראַנשייען. צווישן אָט די העלדינס זענען אויך פאַרהאַן פיל פרייוויליקע פון אַנדערע לענדער.

די ניינצניעריקע טרודע מארקס איז צוזאַמען מיט פיל אַנדערע מאַרקסיסטן פון היטלער-דייטשלאַנד אַנטלאָפן קיין שפּאַניען. ביים אויסברוך פון די יולי-געשעענישן האָט טרודע מאַרקס זיך

געמאָלדן אַלס פּריוואַטליקע און געפאַלן אויפן אַראַגאָנער פראָנט.

ווענן טויט פון דער יונגער טרודע האָט קיינער צו דער פאַמיליע מאַרקס נישט געשריבן און נאָך ביזן היינטיקן טאָג קו־מען פון היטלער־דייטשלאַנד קיין באַרצעלאָנאַ בריוו מיט פאָלגנדן מאָדנעם אַדרעס:

„טרודע מאַרקס

קאַזאַרמע „קאַרל מאַרקס"...

מיט טרודע מאַרקס איז אויך קיין שפּאַניען מיטגעקומען די יונגע דייטשישע קונסט־מאָלערין, מאַרגאַריט צימבאַל — די טאָכטער פון נאַציזן פּראָפעסאָר אין דער בערלינער קונסט־אַקאַדעמיע.

מאַרגאַריט צימבאַל פלעגט זיך אײַסהאַלטן פון אירע פּע־דער־צייכענונגען, וואָס זי האָט פאַרקויפט אין די באַרצעלאָנער קאַפעען. צוזאַמען מיט איר פרײַנט, אויך אַ דייטשישער עמיגראַנט, טרעט זי אַרײַן אין דער מיליץ, און מאַכט מיט די עקספּעדיציע קיין מאַיאָרקאַ. אויף אָט דער עקספּעדיציע איז איר חבר אומגע־קומען און מאַרגאַריט גייט דאַן צוועק אויפן אַראַגאָנער פראָנט נקמה־נעמען אינם טויט פון איר פרײַנט. זי נעמט אָנטייל ביים שטורעם אויפן משוגעים־אַנשטאַלט ביי הועסקאַ, ווו די פאַשיסטן האָבן זיך געהאַט פאַרשאַנצט, און זי פאַלט, געטראָפן פון אַ קויל אין האַרץ.

פון מאַרגאַריט צימבאַל זענען פאַרבליבן פראָנט־צייכענונ־גען און שפּאַנישע לאַנדשאַפטן, פון גערטרודע מאַרקס איז פאַר־בליבן די דורכגעלעכערטע, פאַרבלוטיקטע מיליץ־קאַרטע און פון לינאַ אָדענאַ איז פאַרבליבן די לעצטע פאַראָרדענונג, וואָס זי האָט אין טאָג פון איר טויט אויפגעשריבן מיט אַ בלויער בליי־פעדער.

די אַלע איבערבלייבענישן וועלן אַמאָל דערציילן די קו־מענדיקע דורות וועגן די העלדישע פרויען, וואָס זענען געפאַלן אינם באַפרייאונגס־קריג פון רעפּובליקאַנישן שפּאַניען.

„ווען וועט זיך דאָס שוין ענדיקן?"

פון די אָליוון-וועלדער אין גאַליציען, פון די פּאָמעראַנצן-גערטענער אין לעוואַנטע און פון די בערגיקע פּאַשעס אין עקסטרע-מאַדור — פון אַלע עקן שפּאַניען האָבן געוואַנדערט די קריגס-היימלאָזע, וואָס האָבן פאַרלאָזט די שטעט און דערפער פאַרן אַריינמאַרש פון גענעראַל פראַנקאָס מאַראָקאַנישע און איטאַליע-נישע טרופּן. וואַלענציאַ איז שוין געווען איבערפולט און פיל טויזנטער עוואַקואירטע האָבן דעריבער געאיילט קיין באַרצעלאָנאַ.

הונדערטער פון צווישן די היימלאָזע וואָלטן פאַרענדיקט זייער לעבן און נישט געזען קיינמאָל קיין לאַקאָמאָטיוו. פאַר זיי וואָלט דאָס אייזעלע פאַרבליבן די איינציקע שלעפּ-קראַפט און באַרצעלאָנאַ, די פריילעכע רייכע שטאָט, וואָלט צו זיי ווייטער געקומען אין חלום.

איצטער זיצן זיי ביי לאַנגע טישן אין די האַלן פון ריזיקן ספּאָרט-סטאַדיאָן און עסן רייז מיט פלייש. לעבן די בלעכערנע טעלערס ליגן אומבאַרירט די גאָפּלען. די פויערים פון גאַליציען און אַסטוריען האָבן נישט קיין מוט זיך צו באַדינען מיט דעמדאָ-זיקן „פּריצישן אינסטרומענט", נאָר מיט די קאָזשיקלעך פּיקן זיי אין די מיילער אַריין די שטיקלעך פעט פלייש. עס זיצן פרויען — אָן מענער, קינדער — אָן פּאָטערס. יעדער האָט זיין טראַגעדיע, יעדן עגבערט אַ טיפער ווי. די קינדער ליאַרעמען, קלאַפּן מיט די לעפל אין טיש, די מאַמעס מיט די פרי-פאַרעלטערטע צע-קנייטשטע געזיכטער זיצן שווייגנדיק. די מענער זענען דאָ אַלע זקנים מיט קאַפּויער-שטאַרנדיקע, גרויע האָר אויף די דאַרע, איינ-געפאַלענע באַקן. אויף זייערע ביינערדיקע, אָפּגעגאָלטע קעפּ זיצן הויכע, פאַרשטויבטע שוואַרצע קאַפּעלושן. מיט שוואַרצע גע-ווענטער זענען אויך אַרומגעוויקלט זייערע לענדן. דאָס זענען גאַ-ליצישע פויערים.

דאָס זענען הײמלאָזע, װאָס האָבן הונדערטער קילאָמעטער זיך געשלעפּט צופוס און אַנטלאָפן פאַר די פאַשיסטן. דידאָזיקע פויערים קענען נישט לײענען, זײ װײסן נישט פון קײן פּאָליטיק, זײ קענען אָבער גוט צװײ װערטער פון פּאָליטישן װערטער-בוך: „פאַשיזם" און „רעפּובליק". דער פאַשיזם האָט דערמאָרדעט זײערע זין, דערמאָרדעט פאָטערס און מענער, און די רעפּובליק האָט אָט די הײמלאָזע אַהערגעבּרענגט אונטערן דאַך פונם ספּאָרט-פּאַלאַץ און די דרײַ טױזנט מענטשן פאַרװאַנדלט אין אײן פאַמיליע.

אויף די װענט און די מאַרמאָר-זײַלן פונם סטאַדיאָן הענגען נאָך די פּלאַקאַטן מיטן אויפשריפט: „אָלימפּיאַדאַ פּאָפּולאַר, 19–26 יוליאַ". פון דער גאַנצער װעלט זענען קײן באַרצעלאָנאַ זיך צו-נויפגעקומען די אַרבעטער-ספּאָרטלער, כּדי אָנטײלצונעמען אין דער פאָלקס-אָלימפּיאַדע, װאָס דאָס רעפּובליקאַנישע שפּאַניען האָט געהאַט אײַנגעאָרדנט אויף דער װאָך פון 19-טן ביזן 26-טן יולי. די שטאָט איז געװען פײַערלעך דעקאָרירט, דער װעג צום „מאָנט-זשואיק", װוּ עס געפינט זיך דער סטאַדיאָן, איז פול געװען מיט באַגריסונגס-אויפשריפטן פאַר די אויסלענדישע געסט. אָבער אין אָװנט, אײדער עס האָבן זיך נאָך אָנגעצונדן די פאַרביקע לאַמ-פּיאָנען, זענען די געסט אויפגענומען געװאָרן מיט מיטראַליעזן און האַרמאַטן. די אָפיצירן האָבן געגלײבט, אַז אין אָט דעם פײַער-לעכן אָװנט פון עפענען די אָלימפּיאַדע, װעט דער אויפשטאַנד אײַ-בערראַשן די אַרבעטער-פירער, די אָרגאַניזאַטאָרן פון דער אָלימ-פּיאַדע, און דער פּוטש װעט געלינגען.

פיל פון די אויסלענדישע ספּאָרטלער זענען פון סטאַדיאָן גלײַך אַרײַן אין די רײען פון דער מיליץ און זײ זענען דאָס גע-װען די ערשטע פרײַװיליקע פון דער אינטערנאַציאָנאַלער בריגאַדע.

דער פלעמישער שנעל-לויפער װאַן װיװע, דער טשעמפּיאָן פון אַנטװערפּן, האָט אויפן פראָנט פון אַראַגאָן פאַרלוירן אַ פוס. ער האָט אויף דער שפּאַנישער אָלימפּיאַדע געהאָפט צו נעמען דעם ערשטן פרײַז. איצט איז ער ערן-מיטגליד פון דער באַר-

צעלאָנער ספּאָרט־פעדעראַציע. אין סטאַדיאָן הענגט נאָך אַ פּלאַקאַט, וואָס שטעלט אים פאָר אַ לויפנדיקן. עס הענגט אויך דאָרט אַ טאָוול, ווו אין אַ שוואַרצער ראַם פיגורירן די נעמען פון ד' אָלימפּיאַדע־באַטייליקטע, וואָס זענען געפאַלן אויף די פראָנטן. איצט זענען אויף די גאַלעריעס פונם סטאַדיאָן צעהאָנגען וועש פון די היימלאָזע און אויפן ריזיקן שפּיל־פּלאַץ זענען צעשטעלט שול־טאָוולען. יעדע לערערין מיט איר קינדער־גרופּע האָט אַן אָפּגעזונדערט אָרט. דער שפּיל־פּלאַץ איז גענוג גרויס און זעכצן גרופּן, צוזאַמען דרייהונדערט קינדער, שפּילן זיך און לערנען פריי אויפן ספּאָרט־פּלאַץ.

אין סאַמע מיטן פון קריג ווערן דאָ רעאַליזירט די פּעדאַגאָגישע טרוימען פון גרויסן שפּאַנישן שול־רעפאָרמאַטאָר, פראַנציסקאָ פערערע, וועלכער איז פאַר זיינע פרייהייטס־אידעען דערמאָרדעט געוואָרן דורך דער מאָנאַרכיע. אינם ספּאָרט־סטאַדיאָן ווערט געפירט די שול אויף דער פרייער לופט. הונדערט שריט פון דאַנען שטייען די זעניט־קאַנאָנען און אויך די שווערע האַרמאַטן, וואָס זענען מיט זייערע מיילער געווענדט צום ים. גאַנץ אָפט הילכן זיי אָפּ מיט אַ באַזונדערס שטאַרקן עכאָ אין די הויזע זאַלן פון סטאַדיאָן. אָבער די איינוווינער פון דער ספּאָרט־אַרענע זענען שוין צוגעוווינט צו שיסערייען. דאָס זענען דאָך די אַנטלאָפענע פון אירון, טאָלעדאָ, באַדאַכאָז, מאַלאַגאַ. פאַר זיי איז דאָס שוין מער נישט קיין איבערראַשונג.

אין די קאָרידאָרן, אין די איבונגס־זאַלן און אין די שיפּערוימען אונטער די גאַלעריעס שטייען דריי טויזנט בעטן, וואָס זענען איבערגעדעקט מיט מיליטערישע גרויע פּלעדן און אויך מיט זיידענע, העל־פאַרביקע קאָלדרעס, וואָס דערציילן וועגן רייכטום און לוקסוסאַרטיקע שלאָפצימערן.

באַרצעלאָנאַ האָט שוין ביז איצט איינגעאָרדנט ביי זיך העכער צווייהונדערט טויזנט היימלאָזע, אָבער דער גרעסטער קאָנצענטראַציע־פּונקט איז דער ספּאָרט־פּלאַץ, וואָס איז שוין איבערפולט.

די ערשטע זענען דאָ אַהערגעבראַכט געוואָרן די עמי־גראַנטן פון אירון און דער לעצטער טראַנספּאָרט זענען די אַנט־לאָפענע פון מאַלאַגאַ, אויף וועמענס פּנימער עס ליגט נאָך שווער די מידעקייט און די שרעק. די קינדער, וועמענס מוטערס עס זענען געפאַלן אויפן וועג, זענען דאָ אַדאָפּטירט געוואָרן דורך באַרצעלאָנער איינוווינער. פרויען פון אַרבעטער און אויך פון בירגערלעכע פאַמיליעס קומען אין די זונטיקס אין סטאַדיאָן אַריין, ברענגען שפּילעכלעך פאַרן קליינוואַרג און פעקלעך פאַר די דער־וואַקסענע. דידאָזיקע פרויען גייען אויך אָפט אַהיים מיט אַ קינד ביי דער האַנט.

צווישן די בעטן, אויף די אָנגעהויפטע וואַליזעס, שרייבן יונגע פרויען בריוו צו זייערע מענער, וואָס קעמפן אויף די פראָנטן. דערלעבן שפּילן זיך די קינדער מיט ליאַלקעס און עראָפּלאַנען, און אין דרויסן, אויף די טרעפּ, זיצן די פּויערים אין קופּקעלעך אַרום די „גראַמאָטנע", וועלכע סילאַביזירן אויפן קול די נייעסן פון די צייטונגען.

„לאָס אַלעמאַנעס!" „לאָס איטאַליאַנאָס!" „לאָס טראַידאָ־רעס פראַנקיסטאַס!" מיט די איינגעדאַרטע ליפּן חזרן די פּויערים איבער די ווערטער פון דעם פּאַרלייענער. זיי קוקן אַראָפּ אויף דעם רוישיקן באַרצעלאָנאַ, וואָס ליגט אונטן אין טאָל, און פרעגן זיך אָן אויפהער: „ווען וועט דאָס זיך שוין ענדיקן?"

זיי עסן דאָ בעכער און שלאָפן אויף בעסערע געלעגערס, ווי אין זייערע אַלטע היימען, אָבער עס ציט זיי צו די שעפּסן־סטאַדעס און צום אַקער. עס איז זיי פרעמד אָט די רוישיקע שטאָט.

שווער זענען דידאָזיקע מענטשן אויפן וואָרט, די איבערלע־בונגען זענען צו פריש און צו נאָענט. ווען איר פרעגט די פרויען וועגן די פּאַסירונגען אין זייערע היימען, ברעכן זיי אויס אין אַ געוויין און פאַרשטעלן זיך די פּנימער מיט די הענט. די מענער דאַקעגן דערציילן אָפּגעהאַקט און מיט אַ רויִקייט, וואָס שוידערט אייך אויף. די איינוווינער פון דאָרף מאַנדאַ, אַן ערך אַכט הונ־דערט נפשות, האָבן עוואַקואירט אינמיטן דער נאַכט. פאַרטאָג האָט

זיי אין אָפענעם פעלד אָנגעיאָגט אַ פאַשיסטישער עראָפּלאַן, וואָס האָט זיך אַראָפּגעלאָזט נידעריק כמעט איבער זייערע קעפּ און במשך פון אַ האַלבער שעה באַשיט מיט אַ קוילן-האָגל פון מאַשינ-געווער.

פון די אַכט הונדערט זענען קוים זעכציק אויפגעשטאַנען. העכער הונדערט זענען אויפן אָרט געבליבן טויט און די פאַרוווּנ-דעטע זענען אַ גאַנצן טאָג אָפּגעגאַנגען אין בלוט, אָן שום מענטש-לעכער הילף. ערשט פאַרנאַכט-צו זענען אָנגעקומען רעפּובליקאַ-נישע לאַסט-וואָגנס און זיי צוגענומען. באַזונדערס גרויס איז די צאָל טויטע געווען צווישן די קינדער, וואָס זענען געזעסן אויף די אייזעלעך.

דאָס האָט דערציילט אַ זעכציקיעריקער פויער פון מאַלאַגאַ, וועלכער האָט אויף דעמדאָזיקן פעלד באַגראָבן זיין ווייב און אַן עלפיעריק אייניקל.

דער פאָרלייענער האָט אַרויסגעלאָזט די צייטונג פון דער האַנט, ווייל וואָס האָט מען דען שוין מער געקאָנט אַרויסלייענען פון די געדרוקטע זייטן?

„ווען וועט זיך דאָס שוין ענדיקן?" — האָב איך אַליין אי-בערגעחזרט די ווערטער פון די היימלאָזע פויערים — ווען?

אָבער דער קריג האָט זיך ערשט געהאַט אָנגעהויבן.

סוף פון ערשטן בוך.

אינהאלט:

	זייט
אין באַרצעלאָנאַ	7
האָטעל קאָלאָן	16
אָקסן-קאַמף	20
ווען מען פאַראורטיילט צום טויט	28
„באַריאָ-טשינאָ"	35
רייזע איבער קאַטאַלאָניען	40
מאָנסעראַט	44
קאָלעקטיוויזירטע פאַבריקן	53
ביים פּרעזידענט פון קאַטאַלאָניען	66
יידן אין שפּאַניען	73
טיפּן פון מיליציאָנערן	81
בריוו צו געפאַלענע קעמפער	85
נעענטער צום פראָנט	87
אַליאַרם	95
לאַרגאָ קאַבאַליעראָ	100
די לעגענדע דורוטי	107
לודוויג רען	113

יוליוס דויטש 123

די באַסקן 127

ווען אַזאַניאַ האָט גערעדט 132

די פּאָמעראַנצן-גערטענער פון וואַלענציאַ . . 137

אַ גרוס פון יענער זייט . . . 143

רעוואָלוציע און קריג 150

לעגענדאַרע פרויען-געשטאַלטן . . . 154

ווען וועט זיך דאָס שוין ענדיקן . . . 163

פון זעלבן מחבר:

„גילדערנע פייגל" (לידער), פארלאג „סעמאפאָר" 1927.

„כ׳פארברען פאריז" פון ברונאָ יאַשענסקי, איבערגעזעצט פון פויליש, פארלאג נייע קולטור 1928 (אויספארקויפט).

„פייערן אין שטאָט" (לידער), פארלאג „אייגנס" 1932.

„צווישן נאַלעוקעס און אייפל־טורעם", רעפּאָרטאַרזשן, מיט אַן איינלייטונג פון עגאָן ערווין קיש, פארלאג „ב. שימין" 1936.

עס דרוקט זיך און דערשיינט שוין די טעג

ד ע ר צ ו ו ײ ט ע ר ט ײ ל

ק ר י ג א י ן ש פ א נ י ע ן

וו אָ ס נ ע מ ט אַ ר ו ם ד אָ ס ל ע ב ן
א י ן ד י ב אַ ל אַ ג ע ר ט ע ש ט ע ט
א ו ן א ו י ף ד י פ ר אָ נ ט ן.

דער אויטאָ איז געווען אין מאַדריד בעת דער דריטער אָפענסיוועָ, ווען די שלאַכטן זענען אָנגעגאַנגען אַרום טייך כאַראַמאַ, און ער האָט געהערט צו די געציילטע קריגס-קאָרעספּאָנדענטן, וועלכע זענען געווען אין בילבאַאָ ביז די לעצטע טעג, ווען עס איז געפאַלן די באַסקישע הויפּטשטאָט.

אין צווייטן טייל „קריג אין שפּאַניען” ווערט באַזונדערס ברייט געשילדערט דער אַראַגאָן-פראָנט, ווו עס ווערט דערוואַרט די דעצידירנדע שלאַכט אין שפּאַנישן קריג.

מאַדריד, בילבאַאָ און דער פראָנט פון אַראַגאָן

אין מיטרײסנדיקע בילדער שילדערט דער אויטאָר זײַנע איבערלעבונגען אויף אָט דעם גאַנצן אָפּשניט פון די שפּאַנישע פראָנטן און דיראַזיקע בילדער זענען אילוסטרירט דורך די מײסטערהאַפטע אויפנאַמען פון פאָטאָ-רעפּאָרטער ש י ם.

מאַכט שוין אײַערע באַשטעלונגען.

פרײַז פון צווייטן באַנד — גילדן.